STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09371

# ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

# דראמען

1925

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

19 APR 1972

F Y
892.49
PER

I. L. Perec — „D r a m a t y“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט:


1. אַמאָל איז געווען אַ מלך (קאמעדיע)

2. וואָס אין פידעלע שטעקט (טעאטער-שטיק)

4. אַ קברות-נאַכט (דראמע)

4. שוועסטער (איינאקטער)

5. די גאָלדענע קייט (א הסידישע פאמיליען-דראמע)

6. אין פּאָליש אויף דער קייט (א חלום פון א קלויזניק)

7. ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק (אין פיר אקטן)

# אמאל איז געווען א מלך

(קאָמעדיע)

# פּערזאָנען.

**לייזער** — אַ געוועזענער בעמיטעלטער קאָמיסיאָנער; יעצט אַ ווירט פֿון אַ שוסטער־ווארשטאַט פֿון 2--3 מאַשינען. ערשט נישט לאַנג געקומען פֿון דער פּראָווינץ, עטוואָס גראָהליך. תנועות פֿון אַ מיוחס־דיגען בן תורה.

**טריינע** — זיין ווייב, עטוואָס יונגער, וועלטישער, ליידענד.

**חנה** — זייער טאָכטער. אַ מיידעל פֿון אַ יאָהר 16—17. עטוואָס פֿערצויגען, לייכטזיניג.

**יוסל** — איין ארבייטער, פֿון לייזערס שטאָדט.

**גבריאל**— אַ יונגער מאַן פֿון קלויז. ערשט־וואָס אריינגעצויגען אין דער אַרבייטער־בעוועגונג. אין ערשטען אַקט נאָך לאַנג געקליידעט.

**אַרבייטער**—אין לייזערס ווארשטאַט.

**זאַקען־אַרבייטערין.**

**אַ שפּייז־קרעמערין.**

אָרט און צייט: ביי לייזער אין ווארשטאַט, ווארשוי, 1905.

דיִ סצענע:

דער וואַרשטאַט. — טהירען: רעכטס — אין וואָהן=צימער אַריין; ליִנקס — צום פאָרצימער. דיִ טהיר פון פּאָדעריהויז איז פאַר־ זעהן מיט אַ גלאָק

אַ הערבסט=טאָג; מיטאָגשטונדע.

---

(פאָרהאַנג. דער וואַרשטאַט — לער. גלאָק פון פאָרצימער יוסל קומט אַריין.)

ל ײַ ז ע ר. (בעווײַזט זיך אויף דער שוועל פון וואָהן=צימער. נאָך אַ בליק צום וואַנדזייגער.) דו יוסל? באַלד, נאָר אָפּגעגעסען... גרייט דיך דערווײַל צו. (ציהט זיך צוריק)

י ו ס ל. (זעצט זיך צום וואַרשטאַט. לאָזט אַראָב דעם קאָפּ אויף די הענד.)

ח נ ה. (פון צימער האַלב זינגענדיג):

אַמאָל איז געווען אַ מלך,

(שוין אויף דער שוועל)

האָט ער געהאַט אַ מלכּה...

(אין צימער צו יוסלען) וואָס איז (נעהנטער צוקומענדיג) אַ שיִף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאַנגען? (אוועקנעמענדיג איהם די האַנד פון קאָפּ; מיטלײַדיג:) געהאַט אַ שלעכטען בריעף פון דער היים? — די מאַמע דאַרף געלד?

י ו ס ל. (ברוגז׳דיג) ניין...

ח נ ה. אַ סוד? —— איהר קענט מיר ניִשט זאָגען?

י ו ס ל. „איהר״?!

ח נ ה. אַז — סודות...

י ו ס ל. וואו ווערט מען עס יעדען נאָכמיטאָג פערפאַ־ לען? —— טאָג אויף אַ פּאָר שעה...

ח נ ה (מיט אַ טרויעריגען שמייכעל:) איך שפּאַציער...

יוסל. (נישט גלויביג.) טאָג אויף טאָג?

חנה. (ווענדט זיך האַלב אָב) אַז דער דאָקטאָר הייסט...

יוסל. (אויפשטעהענדיג) ביסט, חלילה, נישט געזונד?

חנה. אי.

יוסל. (צוגעהענדיג) ס'אַ סוד? —— (אין איהר פריהערדיגען טאָן:) איהר קענט מיר נישט זאָגען?

חנה. (לאָזט אַראָב די ברעמען.) ד'רעדען מיך אַרבייטען אויף אַ זאַקען־מאַשין —— (ווערט שטיל) ביי אונז איז נישט גוט... ס'גאַנצע צירונג פערזעצט...

יוסל. און דאָס איז אַ סוד? די שוואַלבען אויפ'ן דאַך זינגען דערפון...

חנה. דער טאַטע וויל, ס'זאָל זיין בסוד. פ'קען שאַטען צום רעשטיל קרעדיט... און ער שעמט זיך. ווייסט דאָך, ווער ער איז פון דער היים...

יוסל. (זיפצט אָב) אַ שעהן ביסל געלט געבראַכט און [illegible] פטרט. (פויזע.)

חנה. (שעלמיש) און ס'אַ חסרון צו'ן אַ שדוך אויך —— זאָגט דער טאַטע...

יוסל. (גערייצט) און „איהר" וואָס זאָגט —?

חנה. „איהר" —— —— ד'ווייס! —— —— (געהט צום פענצטער, קעהרט זיך אום) נאָר געדענקט, יוסל, ס'דאַרף קיינער נישט וויסען, ווי עס זעהט אויס ביי אונז... קנייפ די באַק...

לייזער. (קומט אויף דער שוועל, בלייבט פערדוצט.

חנה. אַדיעו!

יוסל. ד'וועל בעגלייטען, —— (ביידע ראַש אָב.)

לייזער. (פון גלאָק געוועקט, רופט) טריינע, טריינע!

טריינע. (בעוויזט זיך פון שטוב. הוישענדיג די נאַסע הענד אין [illegible] שירץ) וואָס איז דאָ?

לייזער. ר'איז זי געגאַנגען בעגלייטען!

טריינע. וועמען? ——

לייזער. דיין טעכטערל.

טריינע. ווער?

לייזער. דער שלעפער!

טריינע (בערוהיגט) דיין יוסל? ——

לייזער. מײַנער? — בײַ מיר אין דער היים וואָלט ער מיר קיין שטיוועל נישט געפּוצט...

טרײַנע. נו, נו. אַ סך ווערטה דײַן יחוס — ס'איז וואַרשוי... געמעגט זיך צוגעוועהנען (מיט אַ בליק איבער'ן לערען וואַרשטאַט) זעה נור בעסער, דײַנע שפּײַזער! וויפיעל איז שוין דיר זײַגער?

לייזער. (נאָך אַ בליק צום זײַגער) אַז מען טאָר נישט רעדען אַ וואָרט... באַלד וואַרפט מען דעם גט פאַר די פּיס — בײַ שכנים שטרײַקט מען שוין — —

(גלאָק).

טרײַנע. רעד נישט אַזוי הויך — —

ערשטער אַרבײַטער. (קומט אַרײַן) גאָט העלף!

לייזער. וואָס אַזוי שפּעט פון מיטאָג?

טרײַנע. ר'איז דאָך נאָך הײַנט נישט געווען! ווייסט נישט?

ערשטער אַרבײַטער. ס'קינד איז מיר אַוועקגעפאַלען!

טרײַנע. (מיטלײַדיג דערשראָקען) וואָס איז?

לייזער. (נישט גלויביג) ס'קינד — —

ערשטער אַרבײַטער. ד'ווייס? דער חברה־דאָקטאָר זאָגט דען עפּעס? פאַלט אַרײַן... וואַרפט זיך... גיט אַ געשרײַ „צונג"! — חאַפּט דאָס פערצאַפּעלטע קינד בײַ דער גרגרת — אַ טאַפּ בײַם דפק, ס'קינד צערײַסט זיך... און וויל שוין שרײַבען... בלי כתיבה — זאָגט ער — חזר'ישע... (ענדערט דעם טאָן) היינט האָט עס, — זײַט איך דערבײַ.

לייזער. און ס'ווײַב?

טרײַנע. ר'איז דאָך לא עליכם, אַ יונג אַלמן... אַזוי — לאָזט ער עס בײַ'ן אַ שכנה...

ערשטער אַרבײַטער. ד'בין געקומען בעטען אַ פּאָר גראָשען — —

טרײַנע. (זיך אָבווענדענדיג צו לייזערן) געטראָפען ס'אָרט... געה חאַפּ ערגעץ! (צום אַרבײַטער) אָבער, חס ושלום, קיין סכנה נישט?

(גלאָק).

חנה. (אַרײַנפאַלענדיג) טאַטע, מאַמע, עפּעס אַ פרעמדער

יונגער מאַן שטעהט אויפ'ן הויף, סודעט זיך מיט די אַרבייטער, רעדט זיי עפּעס אָן.

(אומרוהיגע בעהעגונג.)

ל ײ ז ע ר. און יוסלען, וואו האָסט דו איבערגעלאָזט?

ח נ ה. (פערדריסליך) זיי האָבען איהם צוגערופען.... (צו דער מוטער) מאַמע, עפּעס אין אַ חאַלאַסטעל אַזוינע מאוס'ע הויות, אַזוי קאָמיש — אָבער אַ קול האָט ער און — אויגען! — — (גלאָק)

(עס קומען) ג ב ר י א ל, (אונטער איהם) י ו ס ל און אַ נ ד ע־ ר ע אַ ר ב ײ ט ע ר.

ח נ ה. (צופּט די מוטער פאַר דער שירץ) זעהסט — דאָס איז ער!

ג ב ר י א ל. (טרעט פאָר) גוט מאָרגען!

ל ײ ז ע ר. (מיט פערמאַסקירטער גלייכגילטיגקייט) גוט מאָרגען גוט יאָהר. וואָס וויל אַ יוד?...

ג ב ר י א ל. איהר זענט עס בעל הבית? איהר הייסט, דאַכט זיך, רב...

ח נ ה. (אונטערזאָגענדיג) ר' לייזער...

ל ײ ז ע ר. איך. איך...

ג ב ר י א ל. בין איך איך געקומען מודיע זיין, רב — — ...

ל ײ ז ע ר. „רב לייזער"... אַז וואָס?

ג ב ר י א ל. אַז מען שטרייקט ביי איך!...

ט ר י י נ ע. (פאַלט אויפ'ן בענקעל) נאָך דאָס האָט געפעהלט!

ל ײ ז ע ר. און — פאַר — וואָס —?

ע ר ש ט ע ר אַ ר ב ײ ט ע ר. מיין קינדס מזל!

ג ב ר י א ל. עס ווענדט זיך אָבער אָן איך! ווילט איהר אַרבייט, מוזט איהר געבען 12 % הוספה און איין אַרבייטסטאָג פון 9 שעה.

ל ײ ז ע ר. איך אַרבייט 16, 18, 20 — ווי אַ מאָל...

ט ר י י נ ע. (גלייכצייטיג) הוספה!

ע ר ש ט ע ר אַ ר ב ײ ט ע ר. פערפאַלען מיין קינד!

ג ב ר י א ל. אַזוי מוז זיין!

ל ײ ז ע ר. (קאַלט מיט געמאַכטער איראָניע) אויף וועמעס בע־ פעהל?

גבריאל. צ. ק!

(פויזע).

חנה. (צו דער מוטער) הערסט א קול?
לייזער. (דערשלאגען, נאכזאגענדיג) 12% הוספה... 9 שעה ארבייט א טאג...
גבריאל. (הארט) און א שטונדע נאך אויף מיטאג!
טריינע. (צו די ארבייטער) אבער איהר זייט דאך יודען... בני רחמנים... און איהר האט דאך שכל —— (געהט צו צו א טישעל, עפענט ביכער) נאט, זעהט! בעקוקט די חשבונות! צי בלייבט אונז גאר ברויט צו דער זעט...
לייזער. (צו זיך) איך נעם מיר נישט קיין שעה אויף מיטאג..
גבריאל. (פערמאכט די ביכער) מען דארף נישט, (געבויטעריש) אזוי מוז זיין!
לייזער. (מעכאניש נאכזאגענדיג) אזוי מוז זיין
ערשטער ארבייטר. 39 גראד היץ...
טריינע. אבער מען מוז דאך אונז אויך בערעכנען!
לייזער. עס געהט כסדר: פאגראמען... באנקראטען... שטרייקען...
טריינע. אבער וויעפיעל דארף אונז בלייבען! ס'איז דאך אונזער ריזיקע, אונזער סחורה.
גבריאל. ווער בעט אייך, אויף אונזער חשבון ריזיקירען? און — אייער סחורה? דאס האט איהר, א פנים אבגעשונדען אין אקס, מיט אייערע הענד...
טריינע. (בעהאלט ראש די הענד אונטער זיך.)
גבריאל. (שמייכעלט) און איהר האט געגארבט.. צושניטען...
טריינע. אבער אינסטרומענטע, מאש..ען, אזוי פיעל בלוט.
גבריאל. (נעמט א העמער'ל פון טיש) האלץ און אייזען איהר האט עס אויסגעגראבען די הרודע און האט געמאכט אייזען און דאס אייזען געשמידט? — הע? און א בוים אין וואלד האט איהר אויסגעהאקט... און צוזעגט, צושניטען...

און דאָס הענדטיל געמאַכט? איהר בעהאַלט שוין ווײַטער די הענדטליך, מאַדאַם? (אויפשטעהענדיג) אָבער, גענוג... דרײַ טעג צײַט אויף אַ ישוב ניט מער אײַה! — (זיך אומקוקענדיג) וואָס איז הײַנט?

חנה. (וואָס האָט פון איהם קיין אויג נישט אראָבגעלאָזט, האַפּט זיך אַרויס:) דינסטאג.

גבריאל. (שטרײַפט זי מיט אַ קורצען בליק) הײַנט ווערט נישט גערעכענט; איז: מיטוואָך, דאָנערשטאג, פרײַטאג... ש (וועגדט זיך צו טרײַנען) זונטאג איז דער פריה קומט מען צו אײַך נאָך תשובה —

ערשטער אַרבײַטער. (האַפּט אָן גבריאל'ן, בײַ דער האַנד) אָבער מײַן קינד...

גבריאל. (װעהר זײַך) ד'האָב אויך אַ ווײַב=און=קינד, חבר! (צו די אַרבײַטער) קומט!

טרײַנע. (צו זיך געקומען) אָבער וי האָט מען עס קיין פונק רחמנות נישט!

גבריאל. (זיך אָבשטעלענדיג האַרט) אין רחמים בדין... ס'אַ מלחמה מאַדאַם! דער פּראָלעטאַריאַט מיט'ן קאַפּיטאַל! קומט חברים!

טרײַנע. (פאַרשטעלענדיג דעם וועג) אָבער געדענקט אָן גאָט...

צווײַטער אַרבײַטער. (אָן אָזײַט) האַ חאַ חאַ, פון גאָט רעדט זי גאָר...

טרײַנע. אָבער וואָס זאָלען מיר טהון?

לײַזער. קענסט נײַהען? נײַה אונז אויף מאַרבעס...

טרײַנע. (צו לײַזערן) משוגע? (צו גבריאל) אָבער מיר זענען דאָך אויך לעבענדיגע מענשען... מיר דאַרפען דאָך אויך לעבען?!

גבריאל. אויף פרעמדע חשבונות טאָר מען ניט לעבען... איבריגע זײַט איהר! (צו די אַרבײַטער) מאַרש!

(אַרבײַטער אָב; דער ערשטער צענערנד; יוסל מיט איין אראָב=געלאָזטען קאָפּ.)

לײַזער. (פאַלט אויפ'ן בענקעל; פויזע; ווײַנענדיג) געהערט, טרײַנע? איבריגע מענשען זענען מיר!

(פאָרהאַנג).

די סצענע. פון ערשטען אקט. אין גאנצען איין נייה-מאשין.
ווענינ סחורה. א ווינטער טאג.

---

טריינע. (ארבייט אליין בײַ דער נייר-מאשין, עס געהט איהר שווער צו, זיפצענדיג, אנטבעוואגט) אמאל איז געווען א מלך... (חאפט זיך) משוגע געווארען... (זי ווארעמט זיך די הענד איינע אין דער צווייטער).

(גלאק.)

די שפײַז-קרעמערין. (ארײַנקומענדיג, פינסטערליך) גוט מארגען...

טריינע. (אונרוהיג) גוט מארגען, גוט יאהר — וועצט איך...

די שפײַז-קרעמערין. שטעהענדיג קען איך אויך אבגעהמען א חוב.

טריינע. (אבגעפאלען) ד'האב נישט... (שפארט אן דעם קאפ אויף די הענד.)

די שפײַז קרעמערין. די אויריגגלעך בעהאלט איהר? —

טריינע. (לאזט אראב די הענד) די אויערן האב איך מיר געווארעמט... ס'איז קאלט...

די שפײַז-קרעמערין. איהר האט מיר נישט וואס פעראיבעל צו האבען...

טריינע. חס ושלום. פערקעהרט...

די שפײַז-קרעמערין. נו, א גוטען טאג... איהר דארפט עפעס? —— ד'וועל אייך שיקען! וואס מאכען אייערע פים?...

טריינע. (פערשטעלט זיך ס'פנים.) נו, נו, גאט איז א פאטער.

(גלאק.)

טרייבע. (ווישט זיך ראש די טרערען אויס; נעמט זיך האסטיק צו דער ארבעט).

לייזער. (קימט אריין; זעצט זיך מיעד).

טרייבע. דעם גלאַק וואָלט מען באַדאַרפט אַראָבּ־נעמען — —

לייזער. חברה־לייט דרעהען זיך אַרום... היטען, טאָמער קומט עמיץ אַרבייטען... און אויגן האָט עס — — —

טרייבע. אויסגעהונגערטע — — זיי איז נישט בע־סער — —

לייזער. (אויפגערעגט) האָב נאָך רחמנות! אראָבגעוואָר־פען דעם עול פון גאָט, פון מלכות — מאַכן חרוב אַ וועלט —

טרייבע. גבריאל איז דאָ געווען — —

לייזער. (דערשראָקען) וואָס האָט ער געוואָלט? — —

טרייבע. ד'ווייס נישט... גערעדט... איבערגעבעטען... ר'האָט רחמנות. נאָר מען מוז זאָגט ער, אַלץ מוז מען אַנדערש מאַכען, אַלע מוזען זיין זאַט —

לייזער. זיי, זיי וועלען איבערמאַכען,—עם הארצים, שקצים —

טרייבע. געפרעגט אויף חנה'ן...

לייזער. ער? — —

טרייבע. ס'איז אויף איהר אַ רחמנות, זאָגט ער..

(נאָכטראַכטנד'יגע פויזע).

לייזער. געווען אויף דער אסיפה — —

טרייבע. (אונרוהיג) וועגען לאָקויט?

לייזער. דער ראש וראשון — עוזר'ל — —

טרייבע. אונזער געוועזענער שותף?

לייזער. דער גנב! —

טרייבע. בדלות האָט ער אונז געשטעלט...

לייזער. נאָך אין טהיר, גיט ער מיך אַ מעסט אָב פון קאָפּ ביז פיס... אַ בעטלער צו מיר אין שטוב אַריינגעקומען, הייבט געפעלט'ם נישט מיין „הולך"...

טרייבע. (נאָך לאַנגעס אָבוואַרטען) נו? —

לייזער. „צי ד'האָב 100 רובל איינצולעגען"—אַוועקגעגאַנגען..

טרײנע (נאָך פּויזע.) גלײַכער — —

(פּויזע. לײזער בעטראַכט זײַן פערדעכטיגונג.)

טרײנע. װײסט װאָס, — ס'אַפילו נישט גלײַך... נאָר אַז מע'מוז...

לײזער. װאָס?

טרײנע. פערזעצן חנה'ס פּאַליסע...

לײזער. שױן צעהן חדשים נישט געצאָהלט... אָב־געפאַלען...

(פּויזע.)

טרײנע. די שפּײַז־קרעמערין איז דאָ געװען...

לײזער. ד'האָב זי געטראָפען אין פּעדערהויז... יאָ, ד'האָב גאָר פערגעסען... אַ העזה! ד'זאָל מיט איהר צוריקגײן אין קרעמל אַרײַן, װעט זי מיר מיטגעבען אַ זעקעלע מעהל — (געריצט) קראַנק אָבצוטראָגען!? — צײַטען!

(פּײַנליכע פּויזע.)

טרײנע. מען װעט מוזען פערדינגען די צװײטע שטוב — — יוסל װיל זי נעמען —

לײזער. משוגע ביסטו?

(גלאָק.)

טרײנע. חנה'ס קלונג — געגאַנגען נאָך דער נײה־מאַשין.

(הערען זיך אײן. חנה קומט אַרײַן אָהן עפּעס.)

לײזער. װאו איז די מאַשין? —

חנה. געטראָפען זיך מיט יוסלען — — (טראָציג) יוסל װיל נישט, ד'זאָל אַרבײַטען... אַ שאָד מײַנע פינגער, זאָגט ער... העסליך װי אַ בת מלכה, זאָגט ער...

לײזער. חנה!

חנה. טאָמער װאָלסטו שױן, טאַטע, אױסגעקלײַגט דײַן פּוסטען יחוס? — — (צו דער מוטער) ער װעט, זאָגט ער, אַרבײַטען פאַר זיך, פאַר מיר, פאַר אײַך — ער קומט באַלד!

(לײזער עטעמט שװער פאַר אונטערדריקטען צאָרן.)

טרײנע. מען װעט'ס דען לאָזען?

חנה. ר'אָט אַ פּאָרטעל, זאָגט ער —

לײזער. נישט בײַ מיר! נישט בײַ מיר!

חנה. גײ איך אַװעק פֿון דער הײם!

טרײנע. לײזער!

לײזער. אַ װעלט! אָהן אײן עול פֿון נאָט, פֿון מכות — פֿון טאַטע מאַמע — האַ! אפשר װעט זיך די װעלט אַלײן פֿירען... ד'װײס? (װאַקעלט זיך אין צװײטען צימער אַרײַן).

טרײנע. (צו חנה'ן) קינד, נישט מיט אַמאָל!

חנה. אַז די געדולר פּלאַצט — —

(טרײַנע אַרבײט)

חנה. (גײט איבער דער שטוב, ברומענדיג)

אַ מאָל איז געװען...

האָט ער געהאַט אַ מלכּה —

האָט די מלכּה נישט געהאַט װאָס צו עסען, האָט ער איהר אַ ציאַסטע געקױפט — (נעמט אַרױס אַ ציאַסטע, װיל אײַנבײַסען) מאַמע, װילסט אַ שטיקעל?...

טרײנע. נײן, טאָכטער... עס געזונדערהײט... מײַן מאָגען פֿערדײַעט נישט אַזױנס — (אַרבײט שנעלער)

חנה. (נאָכ'ן אױפֿעסען) ביסט שױן לאַנג נישט געװען בײַם דאָקטאָר, מאַמע? — —

(גלאָק. לײזער בעװײַזט זיך אױף דער שװעל, ציהט זיך ראַש און אומבעמערקט צוריק, דערזעהענדיג יוסלען.)

יוסל. (אַרײַנקומענדיג) גוט מאָרגען, טרײנע —

טרײנע. גוט יאָהר...

(חנה װינקט איהם צו מוט).

יוסל. איז דאָס פֿאַר אײַך, טרײַנע? פֿאַר אײער געזונד? —

טרײנע. װאָס זאָל מען טהון... לײזער'ן װעצען צו דער אַרבײט?

(פּױזע:)

יוסל. חנה זאָגט, איהר װילט פֿערדינגען די שטוב'ן —

טרײנע. מען װעט מוזען —

יוסל. גיט זי מיר —

(טרײנע װײזט שטום מיט דער האנד צו דער שטוב װאו דער מאן איז.) ———

חנה. זעה מאמע, ס'זאל זײן אײן עק... גענוג געהונגערט... אז יוסל זאגט, אז ער װעט קענען ארבײטען... או ר'האט א פארטעל...

טרוינע (זיפצט אב). ד'װעל איבערערעדען!

(גײט אין צװײטען צימער ארײן.)

יוסל. חנה'לע...

חנה. װאס?

יוסל. (װעצט זיך צו צו איהר) ס'הארץ זאגט מיר, ס'װעט גוט זײן... ס'מוז גוט זײן... דו װעסט בײ מיר די האנד אין קאלט װאסער ארײן נישט טהון... װי אן אײזעל װעל איך ארבײטען... װעלן מיר צוזאמען עסען... נאך'ן עסען לאנג, לאנג צוזאמען זיצען... האלטען זיך בײ די הענד... אזוי — (טהוט עס) װײטער קאלטע הענד?...

חנה. (הױבט אויף צו איהם די אויגען) ד'װײס?... (מיט טרערען) איך האב דאך דיר געזאגט ד'קען נישט...

יוסל. נו... נו... ס'װעט גוט זײן! װעסט זעהן... װעסט מיך שוין ליעב האבען! װעסט! איך װעל דיר זײן אזוי געטרײ... אין דער פריה... פאר טאג נאך... װעל איך אויפשטײן... שטיל, אויף די נעגעל, ד'זאל מײן חנה'לע נישט װעקען... ד'װעל איהר אפפוצען די שיך, די קלײדער, מאכען טהײ, ברענגען געבעקס — ציאסטעס... דערנאך — אז אלץ װעט זײן פארטיג, װעל איך צוגײן אויף די נעגעל צום בעט — און... (װיל זי קושען חנה בײגט זיך אב)

טרײנע. (בעװײזט זיך אויף דער שװעל. גלײך װי האט נאר נישט בעמערקט; פינסטער) קענסט'ך ארײנציהען!

יוסל. (שטאמעלט דערפרײט) און... און...

טרײנע. מיט דער צײט... דערװײל זאגט ער, אז אהן גאט און אהן א מלכות, איז אהן א טאטען ———

חנה. מאלע װאס ער רעדט!

(טרײַנע זעצט זיך צו דער מאַשין).

יוסל. נו, זאָגט מיר מזל טוב, טרײַנע...

טריינע. (נאָך פויזע). זאָל אײַך זײַן מיט מז...

יוסל. און דו חנה? מזל־טוב אונז, וואָס? —— ווי דאָס שמײַכעלט... וואָס פאַר אַ פלעמלעך אין די אויגאָנים! הער! מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב אונז, קום, כלה, טאַנצען, (ציהט זי אין מיט שטוב אַרײַן—וויל זי דוקא נעמען טאַנצען).

לייזער. (קומט אַרײַן) טאַנצט, טאַנצט! אויף אַ הפקר וועלט טאַנצט מען; יאָ צײַט. נישט צײַט —— ——

יוסל. (אָבלאָזענדיג חנה׳ן) ר׳ לייזער!

טריינע. לייזער!

חנה. דער טאַטע וויל פריהער אַוודאי תנאים —— (לאַכט — דאָס לאַכען בלײַבט אָהן אָבקלאַנג).

יוסל. (ערנסט) נו, נישט קײַן צײַט צו פערליהרען... מחותנת׳טע אַוועק! דאָס איז מײַן אָרט!

טריינע. (אויפשטעהענדיג) מען וועט דיך דען לאָזען?

יוסל. ווי הײסט, ד׳בין דאָך איין איידעם! ד׳אַרבײַט דאָך אויף מיר... (אַרבײַט אַ ווײַלע.) זאָגט נאָר יאָ ר׳ לייזער! זאָגט — יאָ — איך וויל אײַער ברכה..

לייזער. זאָל זײַן יאָ!

(יוסל אַרבײַט ראַשער).

טריינע. געבענשטע הענד!

יוסל. ר׳ לייזער, שבת בשבת וועל איך גיין מיט אײַך אין שולעכיל, לערנען תורה!

חנה. אָדער — מיט מיר שפּאַצירען

(גלאָק)

גבריאל. (קורץ געקליידט, אַרײַנפאַלענדיג מיט אַ ברוינינג) שטרײַק־ברעכער!

(ראַש פאָרהאַנג).

(עס הערט זיך אַ שאָס).

(די זעלבע ווארשטאט=שטוב. נאָך אָבגעקומענער. אויפ'ן אָרט פון א נייה=מאשין — א וואָקען=מאשין. א קינד אין וויעגעל).

---

(חנה ארבייט ביי דער מאשין; יוסל ליגט אין בעט מיט א באנד=דאזשירטען פוס).

לייזער. (וואָס האָט אָבגעדאווינט, לעגט צוזאמען טלית ותפילין, פרעגענדיג חנה'ן מיט'ן בליק, צי זי האָט נישט עפּעס אין מויל אריין צו נעמען—נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, רעזיגנירט:) ד'וועל גיין צו דער מאמען אין שפּיטאָל אריין!

חנה. אדרבא...

לייזער. (נאָך א פּויזע) האָסט גאָר נישט איבערצובייסען?

חנה. דערווייל ניש'... ד'וועל ענדיגען... אזוי קענען פאר נאכט... דאָס צוועלפטע טוץ... ווער'ך אפשר קריגען געלד... ברענג דו עפּעס... פון גאָס!...

לייזער. פון גאָס?

חנה. ד'ווייס? באָרג... בעטעל אויס... גנב'ע... אז ער ליגט איבער אנאנד!..

לייזער. (אָב, צוזאמענגעשרומפּען.)

חנה. ע — הע! אמת יוסל?! „ד'וועל דיך נישט לאָזען ארבייטען... נישט פאר דיינע הענטליך", ציו=ציו=ציו — יעדעס פינגער'ל... פריצישע פינגערלעך... פריצישע הענטעלעך... און נישט איינגעבויגען זאָלסט דו זיצען... איך וועל ארבייטען... בת מלכה... וועסט זיין מיין מלכה... ווי איין אייזעל וועל איך ארבייטען... פון אלעם גוטען וועל איך דיר אהיים ברענגען. —

יוסל. (פינסטער) ס'קינד וויינט...

חנה. אויף דיר וויינט עס... ד'האָב איהם דען וואָס צו געבען!

יוסל. רוק צו ס'וויגעל צו מיר!

חנה. (בייגט זיך מיט דער ברוסט איבער'ן וויגעל) צאַפּ, צאַפּ, אז ס'איז נישט דאָ! (לויפט צו צו דעם שראנק, געפינט א שטיקל ברויט, צוקייט עס, לעגט עס אריין אין א שמאטקעלע, שטופּט דעם קינד אין

מויל אריין) נאָג, נאָג, בן מלך! אַ מחיה! — (צו יוסלען) נאַ, אַז דו ווילסט! (רוקט איהם צו די וויעג. געהט צוריק צו דער אַרבייט.)

יוסל. (ריהרענדיג דאָס וויגעל, זינגט זעהר טרויריג.)

אונטער יענקעלס וויגעלע,
שטעהט אַ גילדרען ציגעלע; —
ס'ציגעלע איז געפאָהרען האנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען,
ראָזינקעס מיט פייגען...

(זאָקען-אַרבייטערינס קומען האַסטיג אריין).

ערשטע. גבריאל האָט אונז געהייסען אַהער גיין... ער וועט קומען מיט עפּעס נייעס...

יוסל. מיין מלאך המות — צו מיר אין שטוב אריין!!

ערשטע. ער האָט געטהון זיין שליחות! צ. ק.!

צווייטע. און ר'האָט איך געגוג געשאַנעוועט; געקאָנט — אין הארץ אריין!

דריטע. אַוודאי, ווי דען!

יוסל. (ביטער) ך'בין דאָך שויז חתן — שותף געוואָרען —

פירטע. נעדאַרפט פריהער אָנזאָגען!

ערשטע. נעמען ערלויבנים...

(ס'קינד צעוויינט זיך; אַרבייטערינס לויפען צו צום וויגעל;

ערשטע. אוי, אַזאַ שייהן קינד!

צווייטע. אַ גאָלדען קינד — נור אַזוי בלייך...;

דריטע. ווי עס ציהט מיט די ליפּעליך!!..

ערשטע. ווי די בעקעליך בלאָזען זיך אָן און פאַלען אָב... (צו חנה'ן) גידר זייגט עס נישט?

חנה. (אַרבייטענדיג) ך'האָב נישט...

ערשטע. איהר האָט נישט אַ פלעשעלע?

חנה. נישט דאָ קיין מילך —

די אַרבייטערינס. (קוקען זיך איבער, וואַרפען צוזאַמען אַ פּאָר גראָשען; צו חנה'ן:) ס'וועט איך נישט פערדריסען?

חנה. דער טאַטע איז אַרויסגעגאַנגען בעטלען... אפשר גנבה'נען...

(ערשטע אַב מיט'ן געלד).

צווייטע. אַמאָל אַזאַ עושר געווען...

דריטע. און אַ בעל־צדקה...

פירטע, נו, נו, צדקה, אַ פּלאַסטער אויף אַ הילצערנעם פוס...

(פויזע).

צווייטע. ר'אָט אונז בעשטעלט אויף 11, אַצונד איז 3 אַ זייגער... מיר האָבען געמיינט, אַז מיר האָבען זיך פערשפּעטיגט — (צו חנה'ן) נישט געווען דאָ גבריאל?

חנה. (אַרבייטענדיג) ניין...

גבריאל. (קומט אַריין) גוט מאָרגען... גוט מאָרגען, יוסל! — ענטפערסט נישט? איז נישט! איך בין דיר קיין שונא נישט... גוט מאָרגען, חנה... (צום עולם) זייט נישט בייז, וואָס ד'האָב מיך פערשפּעטיגט (מיט גאַלגען־הומאָר) דער רב האָט מיך פערהאַלטען —

אַרבייטערין. דער רב?

גבריאל. מיט צוויי דיינים.

אַרבייטערין. רב — דיינים?

גבריאל. און אַ סופר!

אַלע. אַ סופר?

גבריאל. ד'האָב גע'גט ס'ווייב —

חנה. (שפּרינגט אויף) וואָס?

אַרבייטערין. גע'גט?

חנה. (געהט לאַנגזאַם נעהנטער צו).

גבריאל. אייגענטליך האָט זי מיך גע'גט. זייט ד'האָב מיך איבערגעקלייד'ט האָט זי אויף מיר איין אום'חן געוואָרפען... האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבען!... אַצונד, אָדער איך — זאָגט זי — אָדער צ. ק.... ווערסט פערפאַלען ווערן, זאָגט זי, ערגעץ אין אַ קאַזאַמאַט, אויף קאַטאָרגע. קיין עגונה בלייבען וויל זי נישט!...

חנה. זענט איהר פריי?

ערשטע. און די קינדער?

גבריאל. האָב איך געוואָלט נעמען נאָכ׳ן גט. ד׳קום אהיים — ד׳האָב מיך פערשפעטיגט, געמוזט אריינגעהן אין צ. ק. — א לעדיגע שטוב... ז׳האָט ארויסגע׳גנב׳עט די קינדער... אמת, מיט די עטליכע, אומשטיינס געזאָגט, כלים... (פויזע) גלייכער! — ז׳האָט עלטערן בורזשויעס... ביטעל־מאַכערס... זאָלען זיי שפייזען!

ערשטע. עס טוט דיר גאָר נישט וויה?... נישט באַנק?

(חנה הויבט די אויגען אויף, וואַרט אונרוהיג אויף ענטפער).

גבריאל. ד׳ווייס? ווער האָט צייט דערצו? — מלחמה (בעמערקט חנה׳ס אויגען) דאַכט זיך — ניין! — נו, עולם, אצונד צו דער זאַך...

(ארבייטערינס רינגלען איהם ארום).

גבריאל. איהר אלע — שטרייקט!

(איינדרוק; נישט ווילדענדיג טרעטען אלע עטוואס צוריק).

א וואו הייסט?

גבריאל. נישט מעהר ארבייטען אויפ׳ן שטיק! נישט אָב־רעכענען קיין פחת! פרויען־ארבייט ווערד בעלוינט גלייך מיט מענער־ארבייט! —

אלע. בראַוואָ! בראַוואָ! הוראַ!

גבריאל. אַזוי הייסט צ. ק.!

אלע. עס זאָל געשעהן!

גבריאל. — און אצונד, שוועסטער, פראָלעטאַריאַט־שוועסטער, אין גאַס אריין! עס וועט זיין א דעמאָנסטראַציע! א גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע... אלע פאַרטייען מיט די פעהנער איבער די גאַסען! זאָלען די בורזשויען זעהן און ציטערן! די מחנה זאָלען זיי זעהן; די מחנה וואָס געהט אויף זיי! אויף זייער וועלט, אויף זייער שענדליכער, פערזינדיגטער, פערבלוטיגטער וועלט!

יוסל. גייט... גייט... קאַזאַקען וועלען אייך אריינ־שטייסען שכל אין די לייבער אריין... מיט די בלייערלעך...

ג ב ר י א ל. שטרייק־ברעכער! (צו די ארבייטערינס) ווער ס'האט מורא פאר'ן טויט — ווען מען ס'לעבען איז טייערער פאר'ן פראלעטא־רישען זיעג, ווער עס וויל לעבען בלייבען אין שמאך, אין אונטערדריקונג, ווער עס וויל לעבען, ווי א ווארם אין מיסט, נאגענדיג ביינער, וואס בורזשויעס ווארפען צו — —

א ר ב י י ט ע ר י נ ס. מיר געהען! מיר געהען!

י ו ס ל. (דערמאהנט זיך.) יא... און א פאהן...

ח נ ה. ווארט! (האפענדיג דעם מאנס שטאק) ער וועט סיי־ווי־סיי זייענען ס'קינד! (רייסט איהם אראב די רויטע שאל פון די פיס) אויפ'ן וועג צובינדען...

(אלע אויסער יוסלען אב.)

י ו ס ל. א מאל איז געווען א מלך,
האט ער געהאט א מלכה —
האבען זיי געהאט א וויינגארטען,
האט געוואקסען דארט א רויז! — — —

(צעוויינט זיך. פארהאנג.)

# וואס אין פידעלע שטעקט

(טעאַטער-שטיק)

# פּערזאָנען:

**יואל** — 45—50 יאָר. אַ פאַרבענקטע, אייביק זוכנדיקע פּערזאָן. טרינקט. פירט אין אַ מיטל־פּוילישע שטאָט אַן אָרקעסטער, אין וועלכער עס שפּילן:

**שמאי** } צווילינגס־ברידער
**לוי** }
**שמעון** —
**מאיר** } צווילינגס־ברידער
**יונה** }
**חיים** — דער מוזיניק.

(יואלס זעקס זין, פון אַלע איז חיים דער ענליכסטער צו אים)

**מירל** — זייער מוטער, יואלס ווייב, געעלטערט, מער פון ליידן אַלס פון יאָרן. צייכן, איבערהויפּט אין די אויגן, פון איין אַמאָליקער גרויסער שיינקייט.

**בדחן** — אַ פאַטאַליסטיש־מיזאַנטראָפּיש געשטימטע פיגור.

**לאה** — זיין טאָכטער.

**די שוואַרצע פּעשע** — געקומען פון אַ גרעסערע שטאָט אַהער צו גאַסט; גרויסשטעטיש געקליידט. אויסערלעך — שטאָלץ, נישט צולאָזנדיק. אינערלעך שטימונגס־מענטש; עפּוואָס סאָמנאַבולי. פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק.

**גרינצווייג** — אַן אַלטער בחור. רייך, אָבער געשמאַקלאָז געקליידט. קייט און זייגער, רינגען, בריליאַנקענע ספּינקען א. ד. ג.

**דין, שמש, חזן משוררים, חתונה־געסט, צווישן זיי, עזריאל, סאַרווער, שכנה** און אַנדערע.

# ערשטער אַקט

די סצענע:

אין הינטער-גרונד — איין אַלט-געבויט איינשטאָקיג הויז מיט אַ גרויסען, אָפּענעם גאָניק אויף טרעפּלעך, וואָס פיהרט אין אַ קאָרידאָר מיט טהירען: רעכטס — צו דער וואָהנונג, לינקס — צו דער קיך. דער הויף פאַר׳ן הויז, וואָס פערנעמט די רעשט סצענע איז אַ מאָל אַ גערטיל געווען, פערהאַן נאָך צעוואָרפענע שטאַמען פון בוימער, וואָס מען האָט אויף האָלץ פערניצט, צייכען פון קלאָמבען; ערטערווייז — נישט אין גאַנצען אויסגעטרעטען גראָז. צופעליג זענען גאַנץ געבליבען פון איין זייט הויף — איין אָבגעשטאָרבענער הוילע דעמב, מיט צעלעגטע טרוקענע צווייגען. פון דער אַנדערער זייט — עטליכע צוזאַמענשטעהענדיגע צו יונגע בוימליך אויף האָלץ. אין מיט הויף — אַ פּלומפּ.

לינקס זענען הויז און הויף אָבגעטהיילט דורך אַ שטאַכעטען-צוים פון אַ שמאָל און אַ שטיל אונטער-געסיל

אויפ׳ן גאָניק — פון געוועהנליך ווייס האָלץ: טיש, שטיהלען און אַ באַנק-בעט. אויף דער וואַנד: רעכטס — איין אַלטער צעבראָכענער שפּיעגעל; לינקס, אין ווינקעל — אַ דעמאָליערטער ביוסט פון אַ קאָמפּאָזיטאָר.

אין הויף: אין שאָטען פון די בוימלעך — אַ מוזיק-שטענדער, צוקאָפּענס אַ גראָז-באַנק. אויף די בוימליך, ווי אויפ׳ן אַלטען בוים — אויסגעשניצטע איניציאַלען פון נעמען.

---

דיזער ערשטער אַקט שפּיעלט זיך זומער, דער צווייטער — ווינטער, דער דריטער — ענדע הערבסט.

## פאָרהאַנג.

אַ הייסער פאַר מיטאָג. אין געסיל געהט וועֶר זעלטען דורך. דורך דעם אָפענעם קיך־פענסטער זעהט מען, ווי מירל פאָרעט זיך ביים פייער אויפ'ן קוימען, ברייט מילך, וואַשט גלעזער א. ד. ג.

די מענער זענען, קענטיג, זעהר שפעט געקומען פון אַ חתונה: די פענסטער פון דער וואָהנונג זענען פון אינעווייניג נאָך פערלאָדענט. מען שלאָפט נאָך דאָרט. שמאי, שמעון, מאיר, און יונה שלאָפען אין דרויסען. שמאי — אויפ'ן גאָניק אין באַנק־בעט; שמעון — אויף דער גראָז־באַנק. מאיר און יונה — אונטערן אַלטען בוים. זיי האָבען זיך אַרויסגעבראַכט קישען און געוואָרפען זיך אויף די ערטער אין די קליידער, קוים אַראָבגעוואָרפען דאָס שוך־וואַרג און די האַרטע, דורכגעווייקטע וועש, וואָס וואַלגערן זיך, גלייך מיט די מוזיק־אינסטרומענטען, ביי די געלעגער.

---

(בדחן קומט אָן פון געסיל צום הייף צו).

## מירל.

(האָט אויסגעווישט דאָס לעצטע גלאָז, געשטעלט אויף אַ טאַץ. געהט צו צום פענסטער; קוקט, צי די זיהן שלאָפען נאָך).

— נעבעך... אַהיים־געקומען, — גרויסער טאָג געווען.. מ'האָט שוין פרישע בייגעל געטראָגען...

(ווילl זיך צוריקציהען, בעמערקט דעם בדחן, וואָס קומט פון געסיל, שטעלט זיך אָב ביי די שטאַכעטען, נעמט פון טאַש אַרויס אַ פלאַש און טרינקט אָב).

— שלענדערט זיך אַרום... אַ זופּ און אַ זיפץ... אַ זיפץ און אַ זופּ... און רעדט דעם אַלטען נישט אַ וואָרט... "וואָס בעשערט איז בעשערט".

בדחן

(האָט צוריק בעהאַלטען די פלאַש, קומענדיג אין מיט הויף אריין: מיטג
טאָן פון שוהל־קלאַפּען:)

— שטעהט אויף, יודעליך, כשר׳ע, פרומע יודעליך —
לעבודת — —

מירל.

— שטילער, וועסט וועקען דעם אלטען!

בדחן.

— ר׳אי׳דען געשלאָפען?

(מירל ראַש אָב.)

שמאי

(שוין אויפגעזעצט, מיט אַ בליק צום הויז.)

— דאָרט מאַכט מען דען אַיין אויג צו? — דער אַלטער
וואַרפט זיך, ווי אַ שלאַנג אין בעט... די אַלטע — גראָבט ס׳פּנים
אין קישעז אַריין און שלאָבצט — — וואָס מאַכט לאה?

בדחן

(זעצט זיך אויף אַ שטאָם פון אַ בוים. פינסטער.)

— אַזוי...

מאיר.

— וואַקעלט זיך אַרום, ווי אַ שאָטען...

יונה.

— די נשמה, — זאָגט זי—איז איהר איינגעהילט אין אַ נעפּיל

שמעון.

— זיינע רייד... אַלע רעדען מיט זיין לשון... אַלע
יאָהר אַיין אַנדערע...

שמאי.

— אָבער אַ יונג מיט בּיינער, דער אַלטער! טרינקט אויס דאָס קעלישיקיל — באַץ!

שמעון.

— און וואָס זאָגט אייער לאה אצונד?

בדחן.

— הערסט דאָך! אַ קעלישעק... אַ קלונג געטאָן, — שטיל געוואָרען...

לוי

(ארויסקומענדיג צום שפּיגעל זיך גאָלען:)

— דער אַלטער פאַרבּט זיך שוין די האָאר...

שמאי.

— וויל נישט אַלט ווערן.

בדחן.

— מען מוז!

שמאי.

— אז די אַלטע פערשליעסט די פראַש בּעפאַלט איהם אַ בּענקעניש, און ער ווערט — פערפאַלען... קומט ער צוריק גראָה, ווי אַ טויב, איינגעשרומפּען, ווי איין אַלטע ציטרין.

מאיר.

— אָבער מיט אויגען קלאָרע...

יונה.

— אַ נשמה אַ נייע...

לוי

און אַ נייע נשמה, — דאַרף עפּעס נייעס!

### מירל.

(אַרויסקומענדיג מיט הייסע מילך.)

— קינדער, דאָס איז אייערע ברכה, אין דער פּריה?

(איבערוועלטיגט זיך. צוגיסט די מילך. צום שדכן, קאַלט.)

— טרינקען אַ גלאָז מילך?

(אָב, נישט אָבוואַרטענדיג קיין ענטפער.)

### בדחן

(מעהר צו זיך.)

— פאַר גסיסה, אפשר...

### לו

(אויף דער מוטער.)

— וואָס פאַר איין אויערן דאָס האָט!

(הויבט אָן פּייכט אַ פערבענקטען מאָטיוו, אַנדערע נעמען מילך, צוגעהען זיך איבערן הויף מיט די גלעזער.)

### שמאי.

— עם אַלטענס נעבעכיג האַרץ־רייסעניש...

(טאָן ענדערונג.)

— ד'בינ'ם אַריין מיט'ן באַס, האָט ער אויפגעשטעלט אַ פּאָר אויגען!

### בדחן.

— ביסט אַריין, ווי אַ שכור מיט דער פויסט אין שפּיגעל...

### שמאי.

(פערענטפערט זיך.)

— דער עולם איז נישט צופרידען געווען. — געפרעגט: אַ חתונה צי אַ הספד...

### בדחן.

וואַרף פּערל פאַר — חזירים...

חיים.

(פאלט ארויס פון שטוב עמפערט, מיט א פידעל אין דער האנד).

— דאס איז צום פייפען, דאס?

מאיר.

— ער וועט פייפען „כל נדרי” אויך...

יונה.

— וידוי אויך..

בדחן

— וואס עס וועט איהם זיין בעשערט...

חיים.

(שפיעלט ביי דער גראז-באנק דעם זעלבען מאטיוו. מירל בעוועגט זיך אין פענסטער. דאס געסיל ווערט ריהרענדיגער. מאנכע שטעלען זיך אב ביי די שטאכעטען.)

בדחן.

— שנייד זיך א טאטע!

מירל.

— זאל גאט היטען!...
(ציהט זיך עטוואס צוריק.)

שמעון.

— אבער, ווי ר'האט עס געשפיעלט דער אלטער!... לוט שכור געווען...

שמאי.

— די פידעל האט'ס אין דער האנד געציטערט...

לוי

— די צונג אין מויל געדרעהט... מיט'ן פיסעל צוגעקראצט—

(נאָכמאַכענדיג.)

— שבת... שבת...

**שמעון.**

— און פלוצלונג, — מײַנער איז שוין אויף יענער וועלט.

**מאיר.**

— פערל האָבען זיך געשיט..

**יונה.**

— אַ זילבערנע שוים געצויגען... אַ בלומען־קראַנץ גע־פלאָכטען.

**שמאי.**

— באַ, אַז זי בעווײַזט זיך!

**מירל.**

(אַרויספאַלענדיג פון קאָרידאָר.)

— ווער?

(די זיהן געגעהען זיך. זי קוקט זיך פאַרשעמדיג אום. — אָבהענדיג.)

— שוין ווײַטער עפּעס נײַעס!

(אונרוהיגע פויזע. מען ווינקט זיך איבער.)

(אין געסיל בעווײַזט זיך די שוואַרצע פעשע. זי געהט פאַרבײַ שטאָלץ, הערט זיך אײַן, מיט אַ קוים אונטערגעדריקטען שמײַכעל, צו דער מוזיק, וואַרפט אײַן פאַרבײַגעהן פערשטוילענע בליקען צו יואלס פענסטער. אונגעהײַערער אײַנדרוק אויף יואלס זיהן, מירל קען פון איהר קיין אויג נישט אָברײַסען.)

**בדחן.**

— אַט, דער נײַער יצר הרע!

**לוי.**

— אַ שטיק מאַרמאָר!

מ א י ר.

— אַ מלכה!

י ו נ ה.

— אַ בת מלכה..

ש מ א י.

— אַ מלכה שבא! זי כשופט!

מ א י ר.

— וואַרפט אַ בליק, מיט רענדליך בעשיט...

י ו נ ה.

— אַ שמייכעל — מיט ליכט בעגאָסען...

מ י ר ל.

(וואָס האָט אַלץ, געהערט מער מיט האַרץ, ווי מיט די אויערן, צו חיים'ן ווי פון בליץ געטראָפען.)

— שפיעל ניִשט!

(חיים הערט אויף. פויזע. פאַרביַיגעהער אָב, די שוואַרצע פעשע, גיט אַ ציטער. איבערוועלטיגט זיך דאָך ראַש, און געהט לאַנגזאַם פאַרביַי, קוקענדיג אויף מירל מיט שטאָהלערנע אויגען.)

— אַ בעטלערין איז זי! איין אָרימע, די אָרימסטע בעטלערין! פון זיין ליעבען נאָמען האָט זי אַ מתנה — שיינקייט בעקומען... אָבער פערגעסען האָט ער איהר צו געבען — אַ האַרץ... אַ געפרוירענע נשמה האָט ער איהר געגעבען... אַ שטיק מאַרמאָר שלענדערט זי זיך אַרום אויף דער וועלט... זוכט ליכט, זוכט וואַרעמקייט... און וואו זי טרעפט אַ מענש מיט אַ ליכטיגערער נשמה, מיט אַ וואַרעמער האַרץ, שטעלט זי זיך אָב, גלאָצט אויס די אויגען, שטעלט אויס די האַנד און בעטעלט און סקאָמלעט: אַ פונק! אַ פונק!...

יואל.

(ארויסקומענדיג פון שטוב).

— מירל!

מירל.

(פאלט קראמפהאפט אויף א שטוהל, פערבארגענדיג דאס פנים אין די הענד).

— ער וועט עס מיר ניט מוחל זיין, קיינמאל נישט מוחל זיין!

(יואל קעמפט מיט זיך... די שווארצע פעיאיע פערשווינד. יואל געהט צו צו מירלען, גלעט זי בארמהערציג־מיטליידיג איבער'ן קאפ. מירל שפרינגט אבער ווי עלעקטריזירט פון אונטער זיינע הענד, שטעלט זיך אב ביי'ן א וואנד, ציטערט... דער־נאך צו יואל'ן, וואס קוקט אויף איהר אלץ אין איינעם שולדיג און בעטענדיג, שוואך מיט ראש־שטייגענדער אויפרעגונג).

— וואס קוקסט דו אויף מיר—וואס זוכסט'ו ביי מיר? — וואס? מיין געזונד? מיין שיינקייט?

(נאכמאכענדיג זיינע אמאליגע רעד).

— מיינע בעקעליך—די רויטע? די ליפעליך—די קרעלענע? די אויגען די גרויסע, די שטראהלענדיגע? נישט דא! אוועק־גע־געבען —

(שטרייכענדיג מיט'ן בליק ווידער יואל'ן און די זיהן).

— דיר — זיי!

(יואל מאכט אוועק מיט דער האנד. לאזט זיך ארויס פון גאניק).

(מיט שרעק).

— וואו אהין געהסט דו?

יואל.

(זיך איבערדרעענדיג, אפבעטענדיג).

— כ'מוז... מיך שטיקט דא, מיך ווארגט דא.

מירל.

(קורץ און האַסטיג בעפעהלענדיג):

— וואַרט!

(יואל בלייבט שטעהן, זי לויפט אַריין אין שטוב. קומט ראַוש אַרויס מיט אַ פלאַש בראָנפען, שפּילעלט איהם אַ קעגען).

— נאַ! — טרינק בעסער...

(יואל וואַקעלט זיך).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

# צווייטער אַקט

די סצענע.

אַ האָבצײַט־רוים.

טהירען: רעכטס — צום שפּײַז־זאַל, לינקס — צום פּאָרצימער.
אין הינטערגרונד — אַ ברייטע אָפענע אַרקאַדע אין טאַנץ־זאַל אַרײַן.

עס איז ערשט נאָך אַ חופּה. חתן כּלה זענען אין שפּײַז־זאַל בײַ דער גילדענער יויך.

פון טאַנץ־זאַל, וואו איינצעלנע געסט זענען נאָך געבליבען, ווערט אַרויסגעטראָגען די חופּה, צושטעלט די אַלעאַנדערס, צוזאַמענגעוויקעלט און אַוועק גענומען דער דיוואַן מיט די געננ. פון שפּײַז־זאַל הערט זיך דאָס גערודער פון ווינשעווען. אַ געקלינגעריי פון גלעזער. באַלד דערנאָך „מי שברך׳ס" פון חזן מיט די משוררים. גראַמען — פון בדחן.

אין צימער, אויסער דין און שמש, (דער לעצטער עטוואָס פערנעפּעלט) וואָס דרעהען זיך אַרום פערגעסען, שטעהען די כּלי־זמר — יואל׳ס זיהן, אָהן דעם פאָטער, מיט די אינסטרומענטען אין די הענד, גרייט צו וויוואַטען, פאַרוועק דעקען זיי אַ טישעל מיט טרינקען און פערבײַסען. לאה שטעהט אין דער אָפענער אַרקאַדע, אַבוועזענד פערקוקט אין דער איינגאַנגס־טהיר. —

ל ו י.

— ז'האָט געכאַפּט אַ העכט!

ש מ ע ו ן.

— געלויבט איז גאָט, איבערגעקומען! ווען דער אַלטער פאַלט אַריין...

ש מ א י.

— געשטאַנען, ווי אַ שטיק מאַרמאָר אונטער דער חופּה... נור די ברעמען האָבען געציטערט. האָט אַלץ פערשטוילען אהער געקוקט: צי קומט ער נישט...

ע ר ש ט ע ר ס אַ ר ו ו ע ר.

— אָבער ברילאַנטען געזעהן? די קאָריע!

צ ו ו ײ ט ע ר ס אַ ר ו ו ע ר.

— דער מוטערס, דעם חתן'ס. אַ כשר'ע יודענע געווען... דרעהט זיך דאָרט אין קבר איבער...

ש מ ש.

(צוקומענדיג).

— און מײַן כשר'ע צנועה — פערזיצט...

ד י ן.

(ציהט'ם אַוועק).

— קום שוין, אַלטער שכור...

(סאַרווער אָב, קלעזמער שטעלען זיך, נישט אָבלעגענדיג די אינסטרומענטען, אַרום טישעל. שמש וויל אַלע מאָל צו, דער דין שלעפּט איהם וואָס אַמאָל אַוועק.)

ח י י ם.

(מיט כבוד צו לאה'ן).

— נעם עפּעס, ניפּ אַ ביסל וויין...

(זי הערט נישט, צוויי מיידלעך געהען פון טאַנץ צום שפּײַז־זאַל, שטעלען זיך אָב מיט בעהאַלטענע הן'דליך פאַר די קלעזמער).

דאָס ערשטע מיידעל.

(צו שמאי'ן).

— אז איך וועל טאַנצען, שפּילט מיר עפּעס נייעס...

שמאי.

— פאַר ר' עוזיאל'ס טאָכטער, — דאָס שענסטע און דאָס בעסטע...

אָס צווייטע.

— און פאַר מיר?...

(ביידע פערשעמט אָב. — צוויי מענער קומען ארויס פון שפּייז־זאַל).

דער ערשטער.

(בעמערקענדיג לאה'ן).

— זעה נור...

דער צווייטער.

— אַ חולנית...

(ציהט איהם אָב אין טאַנץ־זאַל אריין).

לאה.

— איך הער זיינע טריט...

עוזיאל.

(אַ פערשפּעטיגטער חתונה־גאַסט צום סאַרווער, וואָס נעמט איהם אויף דער שוועל דעם פעלץ אָב).

— עקסטראַ־פּאָסט פון גובערניע...

סאַרווער.

(אָנווייזענדיג מיט אַ בליק צום שפּייז־זאַל).

— וועט זיין אַ ליעבער גאַסט...

(אָב).

ר׳ עזריאל.

(אין פערבײַגעהן צום שפּײַז־זאַל, צום דין)

— מזל טוב, מסדר קדושין געווען?

(געהט ווײַטער).

דין.

— דער רב איז נעבעך, לא עליכם — —

(האַקט אָב, נישט געהערט).

שמש.

— לא עליכם — — חי — חי — חי —

ר׳ עזריאל.

(צו די קלעזמער).

— פערפאַלען געוואָרען ס׳טאַטעל...

שמאי.

(הניפה).

— און ווען מאַכט איהר התונה צו מזל?

(עזריאל אָב שוין אין שפּײַז־זאַל, וואו עס דערהערט זיך באַלר אַ שטאַרק גערודער, גערופערײַען: מזל טוב. דערנאָך די שטימע פון)

בדחן.

— און ציינד אַ וואָרט מיט גרויס געפיהל
פאַר׳ן פערשפּעטיגטען גאַסט ר׳ עזריאל,
פאַר דעם חתן׳ס הכל כאשר לכל...
עזריאל מאַכט, — —

עזריאל

(שטימע פון עס־צימער).

אַ שהכל

(געלעכטער. גערופערייען: לחיים, לחיים. קלעזמער: טוש — יואל, אַבגעריסען, פערשנייט, גראָה פּצרוואַקסען, נור מיט ק׳אָרע אויגען, רייסט זיך, שמייכעלדיג, אריין פון פאָרצימער, זיך אַרויסגליטשענדיג פון פאַלטאָ, וואָס דער סאַרווער, נישט ווילענדיג איהם אַריינלאָזען, האַלט ביי דער פּאָלע. לאָה פאַלט צוזאמען. קלעזמער האַקען אָב). —

## יואל.

ד׳בין דאָ, קינדער — אַט בין איך דאָ. ד׳קום אַהיים, געה דאָ אַרום פאַרביי — ליכטיג! ווע׳מעס התונה — — — ?

## דין.

(ציהט איהם צו זיך ביים ארבעל).

— שלום־עליכם, פון וואַנען קומסטו, יואל —

## שמאי.

(פינסטער).

— פון קרעצמע...

## יואל.

— עליכם שלום, רבי — פון שניי — — —

## שמש.

— שניי אין קרעצמע? חי — חי — חי —

## דין.

— שניי?

## יואל.

— רבי... איהר זאָלט וויסען וואָס שניי איז!

(צו די זיהן).

— ווע׳מעס חתונה?

(צוריק צום דין).

— אַ גרויסע זאַך שנײַ — שנײַ, רבי, איז אַ ריײנקײַט...
שנײַ, רבי, איז קלאָר. גאָטס שטיל געגאָד איז שנײַ —

שמש.

— געהערט קלעזמער־לשון?

יואל.

(וואָס איז שטיל געבליבען, דערוועהענדיג לאה׳ן, שוין צו איהר געוועגדט, זעהר טרויריג, עטוואָס שולדיג).

— אַ מענש אין שטאָדט זינדיגט... בעשאַפט זינד... יאָגען זײַ איהם נאָך די זינד... ווי די מײַז... ווי די ווערם... קריכען איהם אַרום איבער׳ן לײַב... אונטערן העמד... קריכען איהם אַרום אויפן לײַב אין בעט... האַפּט דעם זינדיגען מענש אַן אַ שרעק, עגטלויפט ער פאַר זײַ, פאַר די זינד, פון דער הײַם, פון שטאָדט אַרויס... קומט דער זינדיגער מענש פון שטאָדט אַרויס צום שנײַ, צום קלאָרען שנײַ, — טריבּע אויגען האָט ער, דער זינדיגער מענש פון דער זינדיגער שטאָדט, אַ פינסטער, אין שרעק אײַנגעשרומפּען דער הארץ, אַ נשמה אַ פערקלעמטע און אין געפּיל אײַנגעהילטע — קוקט ער דער זינדיגער מענש אויפ׳ן שנײַ, זאַפט ער און זאַפּט דאָס קלאָרקײַט, דאָס ווײַסע ריינקײַט פון שנײַ, זאַפּט ער גאָט׳ס שטיל־ געגאָד אײַן, גאָט׳ס ליכטיג לײַטזעליגקײַט — לײַטערט זיך איהם די נשמה אויס, קלערט זיך איהם אויף דאָס הארץ, ווערט דאָרט אַזוי שטיל אַזוי גוט...

לאה.

— יואל, שפּיעל שנײַ!

יואל.

— רבי, קינדער — ד׳וועל אייך שפּיעלען שנײַ! —

(שטימענדיג די פידעל).

— רבי, אַז אייער הארץ ווערט איבערגעפּילט מיט תורה.

איבערגעשטראַהלט פון דער ליכטיגער תורה, וואָס טהוט איהר?— לויפט איהר צום בעלעמער...

(צום הון וואָס בעוועגט זיך, מיט די משוררים אונטער זיך, פון שפּיגז־זאַל.

— און דער יוד, אַז דאָס האַרץ געהט איהם איבער פון געפיהל, האָט ער די קעהל... זינגט ער...

(קוישענדיג האַרציג די פידעל.

— און דאָס איז מיין קעהל, מיין בערעמער — —

(ווענדט זיך צו די קינדער.

— קינדער, ד'וועל אייך שפּיעלען שניי —

(בעמערקט זייערע אָנגערוקטע פּנימער — אונרוהיג.

— אָבער וועמעס חתונה איז היינט, וועמעס חתונה?

(גערודער אין שפּיגז־זאַל, גערוקערײ פון שטוהלען, טריט.

## בדחן

(פּאַלט אַריין פון שפּיגז־זאַל קנאַקענדיג מיט די פינגער.

— חתן כלה געהען! חתן כלה — —

(וויל אַרויפשפּרינגען אויף אַ שטוהל, דערזעהט יואל'ן, בלייבט פערשטאַרט מיט איין פוס אויף דעם שטוהל.

## יואל.

(מיט שרעק און צאָרן.

— וועמעס חתונה?

(אין טהיר פון שפּיגז־זאַל בעווייזען זיך געאַרמט חתן־כלה — גרינצייג און די שוואַרצע פּעשע. די לעצטע גיט, דערזעהענדיג יואל'ן, אַ ציטער, וויל צוריק, איבערוועלטיגט זיך באַלד. אויגען־דועל מיט יואל, — גרינצייג, בלאַס, אָבּ־סערווירט — פון אונטער החתן־כלה קומען אָפּער געסט, צוויי־

שױן װי די שכנה שטעלען זיך אָב, נישט פערשטעהענדיג, רעכטס און לינקס.

בדחן.

— יואל, שפּיעל!

שמאי.

— שפּיעל, טאַטע!

שכנה.

— מען צאָהלט דאָך דערפאַר — שפּיעל!

גרינצײַג

(צו דער שװאַרצער פּעשע.)

— װאָס איז עס אַזױנס! װאָס בעטײַט עס? װאָס קוקט ער אױף דיר? װאָס האָט ער צו דיר? װי קומט ער צו דיר?

די שװאַרצע פּעשע.

(גענצליך צו זיך געקומען, שמײכלט און קאָלט שמײכעלדיג.)

— שפּיעל קלעזמער שפּיעל, אױב אַ גוטער פרײַנד! עס איז דאָך מײַן חתונה הײַנט. אַ שמחה בײַ מיר און מײַן מאַן... עפּעס פרײליכס שפּיעל! לעבעדיגס, שומענדיגס, װי דער װײַן, זױ דאָס גליק, װי די ליעבע!

(יואל װאַרפט איהר, ענטזועצט, די פּיעדעל צו די פיס. די פּיעדעל פּלאַצט.)

(פאָרהאַנג.)

# דריטער אַקט

די סצענע.

ביי יואל אין שטוב.

אַיין אָרימער, לאַנג נישט געקאַלכטער צימער. דאָס באַנק־בעט, טיש און בענקליך פון גאַניק אין שטוב אַריין גענומען. עטליכע מוזיק־שטענדער. אַ ביוסט פון אַ קאָמפּאָזיטאָר. אַרום די ווענד הענגען אינסטרומענטען. צווישען זיי — אַ צובראָכע־נער אַלטער שפּיגעל. עטליכע זעהר אַלטע שטיכען, אויס־שניטען פון איליוסטרירטע בלעטער. קויל־קאַריקאַטורען. דערהויפּט פּרויען־קעפּ.

אין הינטערגרונד — דער גאָניק אין גערטיל אַריין.

אַ וואַרעמער הערבסט־טאָג.

די בוימלעך אין הויף פערבליהען; די זון געהט אונטער.

[מאיר און יונה שרייבען איבער נאָטען ביים טיש. מירל און די שכנה רעדען ביים פענסטער. שמעון, אונצופרידען פון גאַסט, געהט האַסטיג אַרום איבער דער שטוב].

די שכנה.

(פאַרשענדיג).

— .... מ'זאָגט, אַ טייערע פידעל געוועזן.

מירל.

(פערטראַכט).

— אַ ירושה... איבער הונדערט יאָהר אַלט...

(מעהר צו זיך).

— איז — באַלד אַוועק...

די שכנה.

— וואו איז ער געוועזן איבער דער צייט?

מירל.

— ער רעדט דען? —
מ'גיט איהם עסען, ציהט ער עפּעס אָב, ווי אַ פויגעלע...
צו טרינקען — ניפּט ער... רעדט נישט, דערמאָהנט נישט...
מען זאָל אָנ'ם פערגעסען, וואָלט ער, חס ושלום — —

(עס שטיקען זי די טרערען).

שמעון.

(פאַרביינגעהענדיג פאַר די ברידער).

— געפונען, פאַר וועמען זיך אויסצורעדען דאָס האַרץ...

מאיר.

— פאַר וועמען?

יונה.

— וועמען האָט זי?

מירל.

— קיין פידעל נעמט ער שוין נישט אין דער האנד
צריין...

שכנה

(נישט גלויבנדיג).

— קיינמאל נישט?..

מירל

(אונרוהיג).

— מחיל מאל... אז א לבנה־נאכט... שטעהט אמאל
אויף... נעמט א כלי... שפילט —

(טאן ענדערונג).

— אבער קיין פידעל נישט...

שכנה.

— וואס זאגט דער דאקטאר?

מירל.

פערשרייבט אייזען, — פערדייעט ער נישט...

שמעון

(אונגעדולדיג).

— וואס זיי זוימען זיך אזוי לאנג...

מאיר.

— דינגען זיך אוודאי...

יונה.

(סארקאסטיש).

— ר' עוריאל'יכל!

שכנה.

(שטיל, שמעון זאָל נישט הערן).

— מען זאָגט: אַ דבוק...

(זי האַקט אָב: עס קומען אַרײַן שמאי, לוי, בדחן).

שמעון

(צו די אַרײַנקומענדיגע).

— ברענגט קלעזמער פון גובערניע?

שמאי

— נײַן... נור —

(בעמערקט די שכנה, האַקט אָב).

שכנה.

(שטעהט אויף, געזעגענט זיך, אַרויסגעהענדיג).

— נו, ווײַנען, מירל, איז נישט... דאַנק און לויב ווײַן ליעבען נאָמען... אײַן אַנדערער — שלאָגט, הרג'ט, צעברעכט אַלץ אין שטוב...

(אָב, פון העסיגע בליקען געטריבען).

שמאי.

(ענדיגט דעם זאַץ).

— פינף רובל שלאָגט ער אָב

מירל.

(פערברעכט די הענד).

— פאַר וואָס?

שמאי.

— ווײַל דער אַלטער שפּיעלט נישט...

לוי.

— קומט אריין דאָס כלה־מיידעל מיט די צעפעליך, מיט די פּאַפּירליך אין די צעפּעליך — —

(נאָכמאַכענדיג אַ פערצויגענע מיידעל־שטימע).

— „אַז ער שפּילט קענען דער לבנה, מעג ער שפּילען אויף מיין חתונה אויך״. .

שמאי.

— אויף דער צווייטער וועט ער איהר שפּילען.

מירל.

— שילט נישט, שמאי...

בדחן.

— געוואָלט קויפען לאה'ן אַ שאַל אויף ווינטער; נישט בעשערט.

(צו מירלען).

. מעג אַריינקומען, מירל?..

מירל.

(נאָך אַ קאַמפּ מיט זיך)

— זי מעג..

(בדחן אָב).

שמאי.

— אָבער פיהרען די קאַפּעליע וועל איך!

שמעון.

- אויב דו וועסט זיין ניכטערן...

שמאי.

— האַלט ס'מויל!

יואל.

(זעהר קראנק, געפּיינהרט פון חיים, בעוועגט זיך אויף דער שוועל).

— קינדער...

(געזעצט דורך מירלען און חיים אויפ'ן באנק-בעט).

— איהר וועט נאך צייט האבען, זיך צו קריגען, קינדער...

מירל.

(נישט וויסענדיג פרייען זיך, צי שרעקען).

— ער רעדט דאך, ער רעדט דאך...

יואל.

(שטרייכט מיט א פערבענקטען בליק איבער די ווענד).

— ד'וויל נאך אמאל שפיעלען...

מירל.

— געלויבט איז גאט, געלויבט זיין ליעבער נאמען.

(וויל אראבחאפען א פיעדעל).

יואל.

(שרעק).

— ניין... ניין... א פיעדעל האב איך א בשר ודם צו די
כים געווארפען... א פיעדעל איז זיך נוקם... אלץ איז זיך
נוקם...

מירל.

— גאט'ס רחמנות איז גרויס, יואל...

יואל.

— און פאר גרויס רחמנות צערברעכט ער מיך, ווי איך די
פיעדעל... ער ווייסט, ער וועט שוין אויף מיר נישט שפיעלען...

חיים.

(צופיהרענדיג א וויאָלענציעל).

— איך וועל דיר האלטען, טאטע.

(דערלאַנגט איהם דעם בויגען).

יואל.

(פערטראַכט אין פענסטער קוקענדיג).

— די זון געהט אונטער... די בוימליך לעשען זיך אוים... די ברעטלעך פאַלען, פאַלען... קיינס שטעלט זיך נישט אַקעגען... קיינס זאָגט זיך: ד'וויל נישט...

(מיט איין אונטערטעניגען בליק צום הימעל).

— זאָל דיין ווילען געשעהען, ד'וויל שטאַרבען...

מירל.

(שטרענג).

— מיינער פטור ווילסט דו ווערען

יואל.

— ניין, מירל...

מירל.

(שלאָבצענדיג).

— די שוואַרצע פעשע, אַלץ די שוואַרצע פעשע!...

יואל.

— געווען שוואַרצע...

(בעמערקט לאה'ן, וואָס בעוויזט זיך אויף דער שוועל).

— געווען ווייסע אויך...

(מירל ערלויבט מיט אַ קאָפּ בעוועגונג לאה'ן אַריינצוקומען; זי זעצט זיך אין אַ ווינקעל).

— א ווייב איז א ווייב...

— יענץ איז עפּעס אזוינס... אין דער פּיעדעל שטעקט עס, קלעזמער לשון איז עס..

(מיט א בלאַסען שמייכעל צו מירלען, אויף די זיהן, וואָס האָבען זיך צושטעלט בײַ די ווענד).

— זעה נור, מירל! — קענען קיין צוויי נישט ציילען... אַרײַנגעשטעקט די אויגען אין די פּאָדלאָגע אַרײַן, ווי טרפה מעסער...

(צו די זיהן).

— וואָס? א שכור דער טאַטע? האַ?

(טאָן-ענדערונג).

— אַלץ קלעזמער-לשון, — אויך א טאַטען געהאַט! — אין פּיעדעלע שטעקט עס...

(זעהר שוואַך ווערענדיג).

— שפּיעלט מיר, קינדער וידוי...

מירל.

— א מנין! רופט אַרײַן א מנין!

יואל.

— א קאַפּעלע איז מעהר, ווי א מנין!

— שפּיעלט... פֿאַלגט א מאָל א טאַטען... נו, לאָמיך אַמאָל הערען, ווי איהר שפּיעלט אָהן מיר... שטאַ, בכור!

(די אינסטרומענטען ווערען אַראָב גענומען).

— שפּיעלט...

(יואל זאָגט וידוי, די קאַפּעלע שפּיעלט מיט. לאה זינגט אונטער).

### מירל.

(פערבערגט די הענד).

— און איך, איך?..

### יואל.

— האלט מיר אונטער דעם קאפ!

(ווי טהוט עס. יואלס שטימע ווערט וואס אמאל שוואכער, די קאפעלע דעריבער — וואס אמאל שטילער. יואל געהט לאנגזאם איבער אין א רעציטאטיוו פון אייגענע ווערטער).

איך האב געזינדיגט קעגען דיר... האסט עס אליין דערלאזט... האסט מיר א פערבענקטע נשמה געגעבען. איין אומרוהיגע, וואס האט, גלייך מיט נח'ס טויב, אין ערגעץ קיין רוה נישט געפונען. פאר בענקשאפט געזינדיגט. —— שטענדיג געזוכט, קיינמאל נישט געפונען. און ווייסט דו, וועמען זי האט געזוכט, מיין ארימע נשמה? —— דיך! נור דיך! —— אהן דיר איז איהר קאלט און פינסטער געוועזען. און דו האסט דיך בעהאלטען פאר איהר... בעהאלטען פאר'ן זינדיגען מענש... האט זי דיך געזוכט אין וואלד און פעלד... געבלאנדזשעט נאך דיר איבער בערג און טהאל. האט זי דיך אין יעדען וואסער'ל געזוכט, צווישען נעפיל און וואלקען געזוכט... און אין יעדער שטראהל, אין יעדער פארב, אין יעדען טאן, אין יעדען קלאנג, אין יעדען טיעפערן אויג...

צינד ערשט האב איך עס פערשטאנען... אזוי שפעט און אזוי קלאר... דורך די געהירען האט עס מיר פלוצלינג דורך-געבליצט, דעמאלט, ווען איך געה צו דיר, צו דיין שטראף אדער צו דיין גענאד... פריהער — אין דער פינסטער גע-טאפט...

אזוי האסט דו געוואלט...

זיי אויף מיין ארימער נשמה נישט בייז. נעם זי אויף, ווי א בארמהערציגער פאטער זיין פערבלאנדזשעט קינד...

און וועמען געהסט'ו שטראָפען, אַ וואָרם?

זעה, שטאָלץ בין איך אַמאָל געוועןׅ — ציינד? איך
שטייב ליעג איך פאַר דיר, און שטויב... און שטויב...

(דערזעהט פלוצלינג די שוואַרצע פעשע וואָס איז געגאַנגען
איבער'ן הויף אין קאַמפּ מיט זיך, אַרײַנצוגעהן אָדער נישט, און
שפּרינגט פלוצלינג אויף מיט ווילד־אויסגעלאַסענער פרייד):

— פע—שע!

(פאָרהאַנג).

# א קברות־נאַכט

(נערוון־שפיל

# סצענע

(אַ בית-עלמין-ווינקעל.

לינקס און אין הינטערגרונד — דער פּלויט, ביי'ם פּלויט — צעוואַרפענע ביימלעך. אויפ'ן פּלאַץ זענען ווי צעוואַרפענער, שי-טערער, עטליכע אָרימע מצבות. די רעשט פּ ר י ש ע קברים, מיט דערוויילינגע ברעטלעך. —

רעכטס — דעם קברנ'ס שטוב. דערביי — דאָס טויטען-שטיבעל.

רעכטער — אַ לאָפּאַטע ביי'ן איין אָפען קבר.

אין ווייטערן הינטערגרונד — אַ שלאָפענדיג שטעדטיל

אַ וואָלקען, וואָס ציהט זיך איבער דער לבנה, פערדעקט איהר לעצטע שטאַלע זוים. דער הינטערגרונד זינקט איין אין נעפּעל, גלייכצייטיג לעשט זיך דאָס איינציגע פלעמיל אין פענסטער פון קברנ'ס שטיבעל).

## אַ ווייבעל.

(מיט פערטריקענט בלוט אויף אַ באַק פאַלט אַרויס פון אונטער ביימלעך ביים פלויט, קוקט זיך שרעקיג אום, הערט זיך איין אויף אַלע זייטען, דערשפירט זיך אַליין, עטעמט אָב, לויפט צו צו'ן אַ מצבה, פאַלט פאַר איהר אויף דער ערד, פערשטיקט רופענדיג:)

גנעשלאַגען!

דאָס בין איך, מאַמע... קוים אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט! ס'האָט מיך געשטיקט, געוואָרגען... געמיינט, עס וועט נישט אַרויס — ד'וועל שטאַרבען און נישט זאָגען... צינד איז גרינגער...

מאַמע, ד'בין דאָ שוין עטליכע שעה... פאַר לייטען אונטער דיביימלעך בעהאַלטען, צונד איז פינסטער און שטיל, און אַרויסגעזאָגט האָב איך שוין...

געשלאָגען, מאַמע, געשלאָגען!

וועמען?

דיין בת יחידה, מאַמע, דיין איין-איינציגע, אויף וועלכער דו האָסט אַזוי געהויכט, אַזוי געבלאָזען! אַזוי פיעל און אַלץ אינאיינעם עין-הרע'ס אָבגעשפּראָכען; און אַזוי זיך געשראָקען פאַר דער פּטירה, עס זאָל מיר אָהן דיר קיין בייז, חלילה, נישט געשעהען...

ווער עס האָט מיך —— גע—שלאָ——גען?

ווער?

— ער!

ער, וואָס דו האָסט מיין האַנד פאַר דער פּטירה אין זיינער אַריינגעלעגט און געזאָגט: נעהם זי... היט זי... ער, וואָס האָט דיר תּקיעת כּף גע'גע'ן, געשוואָרען...

פאַרוואָס? מיינסט, חלילה, ער האָט מיך נישט ליעב? מיינסט, חלילה, איך פערקלאָג איהם פאַר דיר? — איך וויל, הם ושלום, זאָלסט ערגיץ דאָרט, חלילה, דערצעהלען ——

פאַר הונגער, מאַמע! און ווייל איך האָב נישט געוואָלט וויינען. אָבער איך האָב געוואָלט! גאָט איז מיין עדות, איך האָב געוואָלט... איך האָב נישט געקאָנט... ד'בין אַזוי פערשטיינערט געוואָרען, פערגליווערט! און ער זאָגט: אַ ווייבעל, וואָס דער מאַן שפּייזט נישט, שרייט, שעלט! — און אַ שוואַרץ פייער צינדט זיך איהם אין די אויגען אָן: „דו וועסט שרייען! מוזט וויינען!" — איך קאָן נישט; ער מיינט —

להכעיס! איך וויל נישט, מיינט ער! — חאפּט ער מיך אָן בּיי די הענד און דריקט. די פינגער מיינע קנאַקען, עס חאַפּט מיך בּיים האַרץ... איך קאָן נישט...

איך וויל שטאַרק וויינען; ד'וויס, ד'מוז! אַז ווען ער דער-זעהט אַ טרעהר, געהט איהם אָבּ דאָס פערבּיטערטע האַרץ, דאָס פערשטיינערטע — און קאָן נישט. די אויגען בּרענען אַזוי טרוקען, און איך קאָן זיי פון זיין צאָרניג-בּרוין פּנים, פון זיינע פערגלאָזטע אויגען נישט אָבּרייסען, און ער שרייט: „וויין!" „דו מוזט!" און „דו ועסט!" הימעל און ערד זאָל אונ-טערגעהן — דו מוזט וויינען! און לאָזט מיך נישט אָבּ. איך וויל צופאַלען צו זיין האַרץ, לאָזט ער נישט. שטויסט מיך אָבּ און — דערלאַנגט מיר אין בּאַק. — „וויין — שרייט ער, נישט מיט זיין קול; מיט אַ קול פון אַ חיה אַ ווילדער! וויין, איך צוריים דיך! און דערלאַנגט, און דערלאַנגט — בּיז בּלוט...

און ווי ער האָט מיין בּלוט דערזעהן, מאַמע, איז ער אויסער זיך געוואָרען, אַ ווילדען אויסגעשריי געטהון, בּיי'ם קאָפּ זיך אָנגעחאַפּט און אַנטלאָפען...

ר'איז אַנטלאָפען, מאַמע... ער וועט זיך אַ מעשה אָנ-טהון, מאַמע! ער וועט עס נישט אויסהאַלטען... שוין צוויי טאָג, אַז איך זוך איהם אַרום...

מאַמע, איך געה פון דיין קבר נישט אַוועק! — קום איך אַ היים, און די שטוב איז ליידיג, הענג איך מיך, — הערסט, מאַמע?

איך וועל דאָ ליעגען, בּיי דיינע פיס...

מיר איז אַזוי קאַלט, איך בּין אַזוי מיעד... איך וועל דאָ איינשלאָפען. און דו, מאַמע, צו חלום קום! זאָג-אָן, וואו ער איז... אַ נישט געה איך פון דער וועלט... אָט, מאַמע, שלאָף איך איין, לאָז מיך לאַנג נישט וואַרטען... ס'איז קאַלט, אַזוי קאַלט...

(נעהמט אַרום די מצבה, ציהט זיך אויס — שלאָפט איין.)

(אַ יונג שפּרינגט אַריבּער די צוים, וואַרפט אַראָבּ פון זיך די שטי-

וועל. לויפט באַרוועס צו צום קברנ'ס פענסטער'ל, קלאַפּט שטיל אָן,
אין א ווײַלע אַרום קומט אַרויס פאַר דער טהיר דעם קברנ'ס טאָכטער)

דער יונג.

נו?

דעם קברנ'ס טאָכטער.

שוין...

דער יונג.

שטאַרק וועה געטהון?

דעם קברנ'ס טאָכטער.

(פינסטער).

נישט דײַן זאַך!

דער יונג.

ס'טאַטעל נישט געהערט — — ?

דעם קברנ'ס טאָכטער.

א מת-מצוה געברענגט; נושאים ערגיץ אויפ'ן וועג גע-פונען — א קבר געגראָבען, געשכור'ט — — ס'מת אין שטי-בעל געלאָזט — אַליין אין בעט אַרײַן — נישט געהערט — איך האָב די צונג געביסען, צוהאַקט די גאַנצע צונג. — ערשט צינד אָבגעשניטען...

דער יונג.

לעבט?...

דעם קברנ׳ס טאָכטער.

או—הום...

דער יונג.

ברענג אַרויס! —

דעם קברנ׳ס טאָכטער.

נאָך וואָס?

דער יונג.

ווילסט, ער זאָל דיך דערהרג׳ענען?

דעם קברנ׳ס טאָכטער.

מאַך איין עק מיט דיין ווייב, — האָב חרטה! — —

דער יונג.

איך שלאָג; זי וויל נישט — ליגנט איבער־אַנאַנד — זי וויל נישט — — —

דעם קברנ׳ס טאָכטער.

טהו מיט איהר, וואָס דו ווילסט טהון מיט מיין קינד —

דער יונג.

ברענג ארויס! א נפל איז קיין מענש נישט... א מענש קאָן מען נישט מיט אַמאָל... ברענג!

דעם קברנ׳ס טאָכטער.

(געהט אריין, ברענגט אַרויס דאָס קינד איינגעהילט)

בעקוק חאָטש...

דער יונג.

(דרעהט זיך אוים.)

מ׳דארף נישט ... איך וועל שפעטער אנדערע זעהען...
ך צייט ...
א לאָפּאַטע?

דעם קברנ׳ס טאָכטער.

(שרעק.)

לעבעדיגערהייד?

דער יונג.

(פינסטער.)

נישט דיין זאַך —

(דערזעהט די לאָפּאַטע אין אָבענעם קבר, האַפּט זי אַרויס.)

גיה פאַראויס — גיה!

(שטופּט זי, זי גיעהט, ער דערשטיקט ס׳קינד, נאָכגעהענדיג.)

ד׳העד טריט:

דעם קברנ׳ס טאָכטער.

איך אויך!

(קוקען זיך אום, דערזעהען: דריי גנבים שפּרינגען איבער׳ן פּלויט — ווי אַנטלויפען טיעפער פאַר שרעק. ער פערליערט, לויפענדיג, דאָס פּעקיל. די גנבים שפּרינגען פון פּלויט אַראָב.)

ערשטער גנב.

(געפינט דעם יונג׳ס שטיוועל, הייבט אויף.)

א פאר שטיוועל? — דעם שכור׳ן קברנ׳ס אודאי — —
צו־נוץ קומען!

צווייטער גנב.

שטילער, עפים ווילטיגערם צו טהון!

(קוקט זיך אום.)

צו וועלכען קבר צוגעהן? פעטס אויפ׳ן חלב און איין
אדער׳ל אויף א קנויט מוז מען נעהמען פון א זינדיגען...

דריטער גנב.

ווער איז נישט זינדיג?

ערשטער גנב.

קיינער!
איך וואלט אהן אטעם געגאנגען... לייכטע טריט!

צווייטער גנב.

אלטע לייט... שלאפען נישט... הערען באלד...

ערשטער גנב.

איז חיק! דערנאך—„בורא מאורי האש" — א זאך!

דריטער גנב.

בעסער מיט א ליכט... געשמאקער, דו זעהסט—יענער
נישט! — ד׳קוק און לאך...

צווייטער גנב.

געפרובט!

דריטער גנב.

אליין נאך נישט!... מענשען זאגען... חווערקא זאגט...
מ׳קוקט און מ׳לאכט, מ׳נעהמט און יענער שלאפט...

ערשטער גנב.

(געפינט דאס פעקיל, וואס דער יונג האט פערלוירען.)

אט נאך א כשר׳ע מציאה — א געבענשטע נאכט.

(וויקעלט אויף.)

א קינד!

צווייטער גנב.

גוט! אודאי א ממזר׳ל...

דריטער גנב

און א בן הנדה... וואס קאן זיין זיסער?

ערשטער גנב.

(בעטראכט דאס קינד, בעטאפט עס.)

אבער ווענינ פעטס...

צווייטער גנב.

גענוג זיין! ד׳וויים, וואו עפיס ליעגט... א מינוט צייט!

דריטער.

(דערהערט עפיס.)

טס... טריט.

צווייטער.

(דערזעהט עפּיס.)

מתים געהען...

ערשטער.

נאָך האַלבער נאַכט!

(געהען, מיט׳ן טויטען קינד אין האַנד, טיעפער. פערשווינדען אין טונקעלקייט. פון געפיל קומען אַרויס דריי מתים; קוקען זיך אונ-רוהיג אום).

ערשטער מת.

אויסער אונז, קיינער נישט אויפגעשטאַנען?!

צווייטער מת.

מ׳האָט מורא!

דריטער מת.

אַ שכור׳ער קברן... האָט בייזע חלומות, שפּרינגט אַרויס מיט׳ן גראָבען שטעקען...

ערשטער מת.

מיר אַמאָל אַ ביין איבערגעבראָכען; ד׳הינק דאָך נאָך!

ערשטער מת.

(פערקוקט פון בית עולם אַרויס.)

עמיץ קריכט פון דרויסען אויפ׳ן פּלויט אַרויף.

צווייטער מת.

ביי-נאַכט אויף קבר אבות?...

דריטער מת.

מוז דארט זעהר נישט גוט זיין —

ערשטער מת.

לאמיר זעהן!

צווייטער מת.

לאמיר הערען —

(ציהען זיך צוריק אין נעפיל אריין).

א יונגער־מאן.

(זיצט שוין אויפ'ן פלויט, אין איין האנד — א שטריק, אין דער צווייטער — א ברויט, ער ווארפט עס אוועק).

אז זי איז אוועק, דארף מען נישט קיין ברויט... נישט געוואלט ווייגען? וועסט איין אלמנה ווערען, וועסט דו שוין ווייגען —

(שפרינגט אראב פון פלויט, לאזט זיך צו צו'ן א ביימעל.)

דאס ווייבעל.

(פון אונרוהיגען דרימעל ארויס.)

מאמע! פארוואס קומסט דו מיר צו חלום נישט, מאמע? מיר איז אזוי קאלט... און איך שרעק זיך... גערוישען וועקען מיך — מאמע — —

דער יונגער מאן.

(שאקעלט מיט א שטאם פון א ביימעל.)

גוט... וועט אויסהאלטען... שווער, נאך אזוי פיעל הונגער־טעג, מוז איך נישט זיין... זיכער אויסהאלטען.

דאָס ווייבעל,

מאַמע... עמיץ רעד... מתים אוראי...

דער יונגער מאַן.

(פערוואָרפענדיג דעם שטריק אַרום אַ צווייג.)

ווִדוי זאָגען? נאָך וואָס? סיי־ווי־סיי ביידע וועלטען פער־לוירען... תּקיעת כּף — און נישט געהאַלטען... געשוואָרען מיט כּל השבועות און פאָרט געשלאָגען... און אַצינד הענג איך מיך... אַז ר׳אי׳ נישטאָ, דאַרף מען נישט... וואָס פאַר אַ לע־בען? וואָס פאַר ווִדוי?

דאָס ווייבעל.

מאַמע... זיין קול, דאַכט זיך, מאַמע... ער זוכט מיך! ער!

(שפּרינגט אויף, זעהט, ווי דער יונגער מאַן פערלעגט דעם שטריק אַרום האַלז, שרייט אויס ווילד:)

מענדעלי!...

(און פאַלט; דאָס בילד פון יונגער מאַן, וואָס העיגט זיך, ווערט צורינען.)

קברן.

(שכּור, מיט אַ גראָבען שטעקען, אַרויסקומענדיג פון שטוב.)

אַ געשריי געהערט! לאָזען נישט רוהען די מתים! ניין, ביי מיר געהט עס נישט! איך לאָז נישט! און מיין מלוכה מוז זיין שטיל?

(רופט אין השך אַריין.)

ווער האָט געשריגען?

(גאָך פויזע.)

**דער מת-מצוה?!**

(האָרכט צום טויטען-שטיבעל.)

שטיל?!

(געהט אריין, קוקט נאָך א ווײלע ארויס.)

ווי א מויז! אויפגעדעקט. — אונטער'ן לײלאך האָט איהם איין עלבער א פינגער פון פּוס אָבגעביסען — ער שווייגט... טכור'רערהייט, אפנים, געשטאָרבען און נאָך נישט אויסגע-ילטערט!

(קוקט זיך אום.)

ווער פּאָרט?

א קראָה.

(שטעלט זיך אויפ'ן דעכיל פון קברות-שטיבעל.)

קרא! קרא!

קברן.

(דערצערנט.)

וועסט זיין שטיל, ממזר?! נאָך דו האָסט מיר גע-פּעהלט...

(וואַרפט דעם דראָנג צו דער קראָה, זי פליהט אוועק. דער דראָנג ברעכט איין דאָס דעכיל.)

קברן.

א שיינע כפרה! אבי פּטור... ווער פּאָרט האָט געשרי-גען? בעהאַלטען זיך אוראי!

(געהט צוריק, דערזעהט פון ווייטענס דאָס ווייבעל.)

אהא! מיין טעלטעריל אודאי... בעשטעלט זיך מיט עמיצען און איינגעשלאָפען... אַ שאָד, וואָס ד'האָב נישט דעם דראַנג... אָדער פויסטען ——

(נענטער קומענדיג.)

ניין — צו דין!... אַנדערע טליקען זיך אויך...

(ריהרט זי, צוגעקומען, מיט'ן פוס.)

עה, דו, — שטעה אויף! —
טויט?
פערטריקענט בלוט אויף דער באַק!
גע'הרג'ט! מיר אונטערגעוואָרפען! אי... מיך פאַקט מען נישט! מיר מאַכט מען קיין בלבול נישט — פאַרהאַן איין אָפען קבר — דער מת־מצוה קען וואַרטען —

(וויל זי שלעפען צום קבר צו.)

## דאָס ווייבעל.

מאַמע, עמיץ שלעפט מיך!

## קברן.

שווייג! דו, מיט מיר מאַכט מען קיין קונצען נישט! טויט איז טויט! און קענסט דו שרייען, קענסט דו געהן! שטעה, מחילה, אויף און — אַליין צום קבר! — מאַרש!

(ס'ווייבעל שפרינגט אויף — די לבנה שווימט אַרויס פון אונטער'ן וואָלקען און בעלייכט דאָס גאַנצע פעלד, — דאָס ווייבעל מיט'ן קברן, דעם קברנ'ס טאָכטער מיט'ן יונג, טיעפער — די גנבים, ווי זיי קריכען אַרויף אויפ'ן פלויט פון הינטערגרונד. אין מיט בית עלמין שטעהט אַ קאָזע, אויף אַ שטריק צו'ן אַ מצבה צוגעבונדען און קייט גראָז גאַנץ גלייכגילטיג. —)

# שוועסטער.

(איינאקטער).

# פערזאָנען:

**מירל** — איין אלמנה מיט קינדער נאָך א שוחט.

**אברהמ'ל** — איהר זוהן — א חדר־יונגעל.

**לאה** } איהרע שוועסטער; דיענסט־מיידליך.
**נחמה** } פון זיי נחמה די ייננגערע.

**זרח** — א שניידער־געזעל.

**משה'ל** — אפעלדשער־יונג.

**לאָמפען־צינדער.**

דִי סצֶענֶע:

אֵיין אָבגֶעלֶעגֶען ווִינקעֶל אִין שטאָטישֶען סקווער. רעֶכטס — א לאַמטעֶרן; לִינקס — צווִישֶען בוימלִיך — א גאָרטעֶן־באַנק.

(א הערבסט־אָבענד. געֶרויש פון שפּאַצִירער פון טִיפֶען סקווער. וועהרענד דער אַקציע קומעֶן מעֶנשעֶן, דאָס מעֶהרסט פּאָרעֶן־ווייז פון טִיפעֶרן און בעֶלאַכטעֶן סקווער צום טונקעֶלערן ווִינקעֶל צו; זעהעֶן איהם פערנומעֶן און צִיהעֶן זִיךְ, בעֶדויערנד, צורִיק. דער לאָמפען־צִינדער קומט פון טִיפעֶרן סקווער, וואו די לאַמטעֶרן ברעֶנעֶן שוין, מִיט א לייטער, צום לאַמטעֶרן אִין ווִינקעֶל צו, קרִיכט אַרויף, צִינדט איהם אָן. פון לִינקס קומט אָן מירל, פעֶרפרומט און פעֶרזאָרגט ווי עֶמִיצעֶן אויסקוקענדִיג; אונטער איהר צעֶנעֶרנד. מִיט גרויס חשק צו עֶנטלויפעֶן, די מוטער זאָל נור לאָזעֶן — אַברהמ׳ל).

לאָמפּעֶנצִינדעֶר.

(גייהט אַראָב פון לייטער, לעֶגט זי צוזאַמעֶן, בעֶמערקט פון דער וויטעֶנס מירלעֶן, ברומט אַרויסגעֶהעֶנדיג):

— קומען זיך שוין צוזאַמען די — שוועסטער... שלעפּט נאָך ס׳יונגעֶל מִיט... מִיט דער צייט וועט זי מִיט די מיידלִיךְ קומען... טפוי...

(אָב מִיט דער לייטער.)

מִירל.

(וואָס האָט זִיךְ מעֶהר געֶשטויסען, ווי געֶהערט.)

— ס׳מויל זאָל׳ם הִינטען־שטייהן, רבונו דעלמא כוליה!

א ב ר ה מ ׳ ל.

(נישט פערשטעהענדיג, פאר וואס די מוטער שעלט).

מאמע ? !

(איינגעהאלטען צוליעב „כבוד אם״).

— דער טאטע, זכרונו לברכה, האט פיינד געהאט, אז מען שעלט...

(שטעלט זיך אב ביי׳ן א בוימעל, צופט פאר אונגעדולד, מיט׳ן נאגעל די קארע, צו דער מוטער, וואס האט איהם נישט געענפערט און געזעצט זיך אויף דער באנק, — שמאלענדיג).

— מאמע! — לאמיך אהיים, מאמע!

מ י ר ל.

(אליין אין־איינעם אויסקוקענדיג).

— ז׳וועל׳ן באלד קומען, — די מוהמעס... אותו הרגע קומען... און ז׳וועל׳ן עפעס ברענגען... וועסט דיר די נשמה דערחאפען, נחת מיינס...

א ב ר ה מ ׳ ל.

— ד׳בין גאר נישט אזוי הונגעריג, מאמע... באמת — ניין...

מ י ר ל.

— א סך היינט אין מויל געהאט! ד׳האב דאך קיין גראשען נישט פערדיענט...

א ב ר ה מ ׳ ל.

— וועכט אהיימנעמען פאר פערלען...

מ י ר ל.

— און רבי־געלד א ביסל...

א ב ר ה מ׳ ל.

— פערי׳ל גייהט באָרוויס... פון ברכה׳ן פאלט דאָס קליי־דעל אראָב...

מ י ר ל.

— ס׳גייהט צו ווינטער... סיי ווי סיי — ויצען אין בעט... שכר־למוד איז ביליכער...

א ב ר ה מ׳ ל.

(ביטער, מעהר פאר זיך).

— פון אזא געלד...

מ י ר ל.

— וואָס אזוינס? וואָס האָסט׳ו געזאָגט?

(אז אברהמ׳ל פערשווייגט).

— מיינסט, חס ושלום, זיי גנב׳נען ביי די בעל־הבית׳טעס? פערדינען ביים איינקויפען? חלילה — זיי קריגען מתנות: קומען סוחרים — לעצגעלד... און — שכירות... אַ הון!.. און יאָ! די מוהמע נחמה האָט געהערט, דו הוסט; וויל זי מיט דיר אריינגעהן צום רופא...

א ב ר ה מ׳ ל.

— ד׳וויל נישט!

מ י ר ל.

— נאַרעלע, צו דער הייליגער תורה הקדושה דאַרף מען האָבען כח, מוז מען געזונד זיין...

א ב ר ה מ׳ ל.

— אז גאָט וועט וועלען, ד׳זאָל געזונד זיין, האָט ער בעסערע שלוחים...

מירל.

— נארעלע, דער רופא אליין — איז א גאנץ כשר'ער יוד . . . .

אברהמ'ל

— נישט איהם מיין איך . . .

מירל.

— דער יונג זיינער? — וואס גייהט ער דיך אן, — דער יונג?

אברהמ'ל.

(פערשוויגענדיג, צוהוסט זיך).

מירל.

(צוּאיילענדיג).

— פינסטער איז מיר, דו הוסט דאך טאקי רעכט . . . נא, נא דיר, נא, מיין שאליכעל —

אברהמ'ל.

— ד'וויל נישט . . . דיר איז אויך קאלט.

מירל.

(צוגעהענדיג צו אברהמ'לין).

— ניין, ניין! אנגסטען שלאגען אויף מיר . . .

(וויקעלט איהם ארום; לאה, בעוויזט זיך פון געסיל).

— אט געהט שוין די מוהמע לאה, מען וועט זיך נור אבשמועסען אויף מארגען . . . ווייסט, וואס מארגען איז, תכשיט מיינער?

אברהמ'ל.

— ד'ווייס, דעם טאטען זכרונו לברכה'ס יאהרצייט . . .

מירל.

— וועל'מיר גייהן . . . אויפ'ן קבר וועל מיר גייהן . . .

אברהמ'ל.

(ארויספלאצענדיג).

— זיי אויך?

מירל.

(מיט הארץ).

— גייה, גייה מיר פון ד'אויגען אוועק... מיין ביז הארץ וועל איך צו דיר אויסלאזען... שוין געהערט לשון הרע...

(רופט נאך אברהמ'לין, וואס טראגט זיך אב).

— זאל פעריל אנלייגען א פייער... צושטעלען וואסער אויף קארטאפלים...

אברהמ'ל.

(זיך אבשטעלענדיג).

— האסט דאך נישט פערדיענט, מאמע!

מירל.

— נישט דיין זאך!

אברהמ'ל.

— און איך וועל נישט עסען!!!

(פערשווינדט).

לאה.

(וואס האט דאס לעצטע געהערט און געזעהן, האט, בע־אונרוהיגט, איינגעהאלטען די טריט; איז לאנגזאם צוגעקומען, און אבגעשטעלט זיך ביי דער באנק. אז מירל דרעהט זיך צו איהר אוים. —

— וואס איז ער עם ענטלאפען, — אברהמ'ל?

מירל.

(אײנגעהאלטען).

— קאלט געװארען... הוסט...

(ארויספלאצענדיג).

— און שײנע זאכען געהערט... פון אײך ביידע!

לאה

(פינסטער און שטרענג).

— פון דײן מויל, מירל?

מירל.

— פון חברים! אין חדר! — חברים — פון די:
מאמעס... דער בוימעל קומט אויפ'ן װאסער ארויס...

לאה.

(גאלגען־הומאר).

— ס'געפעלט זײ דער שדוך נישט?

מירל.

(גיפטיג).

— שוין געװען ראשי־פרקים?!

(זײ מעסטען זיך מיט די אויגען).

לאה

(האלט נישט אויס, הויבט אן ארויסצוגעמען זאכען פון קעשענע).

— נא האסט'ו װאקס...

מירל.

(עטוואס געריהרט).

— געדענקט צו קויפען?

לאה.

(ציִהט מיִט די אַקסלען)

— אויסגעלאָזט האָניִג, געבליִבען וואַקס!..

מיִרל.

(וועצט זיִך).

— ד'נעם ניִשט קיין וואַקס!

לאה.

(מיִט האַריץ).

— משוגעת! האָסט אַ נשמה־ליִבט?

מיִרל.

— בעסער ניִשט, איידער — גע'גנב'ית'ם!

לאה.

— איז ניִשט...

(לעגט אַרויס, אַז מיִרל שטעלט ניִשט אויס די האַנד, צום נעמען, די אַנדערע זאַכען פון טאַש אויף דער באַנק אַרויף האַסטיִג אויסרעכענענדיִג).

— אַביִסל טהיי און צוקער... פאַר אַברהמלען אַ לעקעכיל... אַביִסל געלד פאַר'ן מלמד...

(שטעלט אויס די האַנד מיִט זילבער־געלד; אַז מיִרל ציִיהלט פערדעכטיִג דאָס געלד אויף איהר האַנד, פערענפערט זיִך).

— דער חתן... פאַר'ן אַוועקפאָהרען אַ דיִזנע געלאָזט... געקומען בעקוקען די געשוואָלענע מויד מיִט די קעלבעריִגע אויגען...

מיִרל

(איבערהאַקענדיִג).

— לאה!

לאה

— וואָס איז? וועניג געהאָריוועט?

מירל.

— אַזוי פיעל?

לאה.

— שלאַנג

מירל.

(נעמענדיג דאָס געלד)

אַי ווען נישט אַברהמ'ל!

לאה.

— טרעט... טרעט מיט די פיס... אויפ'ן הארץ... אויף דער נשמה... אַז אַלע טרעטען.

מירל.

— חבר דיך נישט מיט פעלדשער־יונגען!.

לאה.

— דיינע פרומאַקיס זענען בעסער! —— ווילסט וויסען? ווילסט! הער, — צאַפּ דיין שוועסטערס בלוט!...

(מיט שטייגענדער אויפרעגונג און היציגען אָטעם).

— געהאָרעוועט ביז שפּעט ביי נאַכט... מיט אַ מאָל איין אָפּען הויז געוואָרען... אַ חתן געקומען... געסט... כבוד... מ'פאַלט פון די פיס... טהיי און קאַווע, און פערבייסען, און דאָס און יענץ... „ס'שאַט נישט", זאָגט זי, ד'אַלטע מכשפה, „ס'וועט זיין תנאים, וועסט דו פערדינען"... לויף, חאַפּ, טראָג... טראָגען זאָל מען זי אויף דער מטה, רבונו של עולם, נור איין עק! די רשעים אין גיהנם האָבען אויך אַמאָל רוה... געלויבט איז גאָט... דריי אַ זייגער... ד'קויקעל מיך קוים אין קיך אַריין... פאַל אויפ'ן בעט... נישט אויסגעראַשען ס'לעמפּיל

אַפילו... מײַן כּפּרה, זאָל זי מיר אָבשלאָגען ס׳ביסעל נאַפּט... ז׳האָט מיר געזאָגט די מכשפה... באַלד אין דער פריה... ס׳מויל זאָל איהר הינטען שטײַן, רבונו דעלמא כוליה... נור גאָר נישט... ד׳פאַל אויפ׳ן בעט, אין אָנטהון, קוים די בלאָזקע אַראָבגעוואָרפען און די שיך... ד׳ליג ווי אַ גולם מיט אָפענע אויגען ליג איך... ד׳הער — פון שטוב אַרויס שלאָגט: האַלב־פיער, פיער, האַלב־פינף... קוים ד׳דרימעל איין — ר׳איז דאָ!

מירל.

— דער חתן?

לאה

— נאָך אַזוי פיעל העזה זאָל ער האָבען? געגוג ר׳האָט מיר גאַנצע טעג... פון אונטער דער געשוואָלענער כלה׳ס פלײַצע אַפּער... פון אונטער די ברעמען די געקראָכענע... אין בוזעם אַרײַן... די הײַסע שלוחים געשיקט... בײַם לעצגעלד די האַנד געדרוקט... דרוקען זאָל עס איהם אין האַרץ, רבונו של עולם... ער אַלײַן איז געקומען — ר׳ יאָ־קע־לע!

מירל.

— וואָס האָט ער געוואָלט!

לאה.

חאַ — חאַ — חאַ! וואָס וויל אַ מאַנספּערשוין? ד׳חאַפּ מיך אויף... קאַצינע אויגען... אַ ברענענדיגער אָטהעם... די פּאות קריכען מיר אויפ׳ן האַרץ אַרום ווי די ווערם...

(פּויזע).

— נור אָן איהם האָב איך מיר ס׳האַרץ געקיהלט! אײן אײנפאָהר־הויז מײנט ער! אַלע פינף פינגער!

(נחמה און זרח קומען אָן געאַרעמט פון טיפערן סקווער).

מ י ר ל.

(אָנכאַפּענדיג לאה'ן בײַ'ן אַ האַנט).

— ש ו וײַ ג, נ ח מ ה ג ײ ה ט! — — און ז ע ה, ז ע ה מיט ו ו ע ם ע ן... זעה, ווי אַ ז ו י...

נ ח מ ה.

(אָבלאָזענדיג זרח'ס אָרעם).

— מאַך אַ „ויברח"...

ז ר ח.

— אַה! די צנועה...

נ ח מ ה.

— ס'איז מײַן שוועסטער, זרח! — הינט און נעפּיל וואַלטסטו וועלען!

(אַז זרח וויל זי, פאַרן אַוועקגײן, קושען).

— וועסט צײַט האָבען, נאַשער! — ד'וועל דיך רופען...

(אַז זרח פאַרשווינד, צוקומענדיג צו די שוועסטער).

— וואו איז אַברהמ'ל?

ל א ה.

(אָהן פאַרב).

— געווען... אַוועקגעגאַנגען...

נ ח מ ה.

(מיט אַ ווײַטען-בליק אויף מירלען).

— און איהר פּאַסט נישט צו ענטפערן!

(בעמערקט דעם בלויסען האַלז; געריהרט):

— און וואו ס'שאַליכעל מירל?! פאַרזעצט?!

ל א ה.

— אײנגעהילט אבֿרהמ'לין...

נ ח מ ה.

(מבֿלומרשט צו לאהן, נאָר מירל זאָל הערען).

— זאָלסט הערען, ווי מײַן בעל הבית לויבט אבֿרהמ'ל... אין מאָג אריין! — בײם ווארימים... ד'זיץ אין קיך... אין פוטער שמעלץ איך מיך!

„אבֿרהמ'ל איז איין עלוי"... „זאפט די הײליגע תורה, ווי א שוואם"...

עס א שאָד, אלע בײנדליך וואָלט איך איהם אויסגעקושט...

מ י ר ל.

— האָסט ווערמען צו קושען... ער ברוך השם, וויל גישם...

ח מ ה.

- ר'ווערט עלטער ווערען, ווערט ער בעסער ווערען!

מ י ר ל.

— ט האלצערנע צונג זאָלסטו בעקומען, רבונו של עולם! —

ל א ה.

— ס'הײבט זיך שוין אָן! —

נ ח מ ה.

— שווײַג בעסער, „באיטע!

מ י ר ל.

— און אז איך וועל שווײַגען, וועט די וועלט אויך שווײַגען?

לאה.

(מעהר צו זיך).

— מיין כפרה די וועלט..

מירל.

— און גאָט, — גאָט, ברוך הוא, וועט אויך שווייגען?

נחמה.

ד'האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, מירל: שטעל דיך נישט צווישען מיר און גאָט... ד'וועל מיר אַליין מיין שטערטיל בע־שטייהן...

לאה.

— נהמה!

מירל.

— רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ לשון!

נחמה.

— און האָט גאָט צו מיר טענות, האָב איך צו איהם אויך טענות... און אויף אייז טענה טויזענד תירוצים...

מירל.

— הער, ווי זי רעדט! הער, ווי זי רעדט!

נחמה.

(ארויסלעגענדיג געבראָכענע זאכען פון טאש).

— עט! — נאַ, נעם בעסער...

מירל.

— זעה, זעה, ווי די האַנד ציטערט איהר... ד'שטער דאָך איהר די שמחה מיט'ן שוסטער־יונג...

נחמה.

— אָבער גאָר „לא״! און מיט אַ ספּאָדעק! ד׳פרעג נאָך דיר אַ סך! — — עי, זרח! — — אויף די פליעגעל פון ווינד!

(זרח קומט צו).

— ד׳בין אַ שײנע מויד, — זרח?

זרח.

— ווי דער טאָג!

נחמה.

— פערליעבט?

זרח.

— איבער די אויערען!

נחמה.

— שטאַרק? — הײס?

זרח.

— ווי ס׳גיהנם!

נחמה.

— און — — ווען שטעלט מען אַ חופּה?

זרח.

— האָטש מאָרגען! — — זאָל נור זײן אַרבײט...

נחמה.

— חאַפּט דיך דער וואַטעגמאַכער מיט׳ן מסדר קדושין צוזאַמען... קום, זרח!

(געהען צום טיעפּער׳ן סקווער).

מירל.

(שרייט איהר נאָך).

— חצופה!

נחמה.

(זיך אָבשטעלענדיג).

— ווייסט דו, וואָס, מירל! פאָלג מיך, מאַך מיך חתונה... עפּעס ס'קניפּעל: נדן, חתונה־הוצאות... מלבושים — — — — האָסט? קענסט? ניין? — — — שווייגט מען!

(ראָש אָב. מירל נעמט געשווינד צוזאַמען דאָס אַרויסגעלעגטע יף דער באַנק, וויל געהן).

לאה.

— לאָז מיך נישט איבער אַליין...

מירל.

(שטרענג).

— אַהיים גייה!

לאה.

— אַהיים וואָלט איך געגאַנגען...

מירל.

— אַ מענש גייהט נישט גראָד אַהיים... נאָר וואו ס'איז בעשערט...

לאה

(האַפּט זי אָן ביי דער האַנד).

— ס'איז דאָרט קיינער נישטאָ! — — געפאָהרען בעגלייטען דעם חתן צו דער באַהן... און דאָס קיך־לעמפּיל רייכערט... שאָטען טאַנצען אַרום אויף די אָבגעשיילטע ווענד... און די שטריק פון בוידעם קוקען אַפער פון אונטערן בעט... ך'האָב אַזוי מורא...

מ י ר ל .

— האָב בעסער מורא פאַר גאָט! פאָרכט דיך פאַר די זינד!

ל א ה .

— מירל... ווי האָט עס אַ מענטש קיין פונק רחמנות נישט...

מ י ר ל .

(ווייכער).

— און דו, אויף ד י ר אַ ל יי ן, האָסט רחמנות? און אויף נחמה'ן — האָסט'ז? דו טרענקסט, שלעפּסט דו זי מיט...

ל א ה .

— ד'ציה נישט קיינעם... איטליכער האָט זיין ווילען, זיין שכל... און זיין אייגענעם חשבון מיט גאָט... און איך טרענק נאָך נישט!

מ י ר ל .

— אַוודאַי, אַ שפּאַס! מען איז זיך דאָך מקנא אָן דיר... מען בענשט זיך דאָך מיט דיר! — — שדכנים קלאַפּען דאָך דיר אָב די שוועל! — — און וואָס וועט זיין דיין סוף, לאה?

ל א ה .

— צום סוף איז נאָך וויַיט... ד'ווייס? און אֶפשר נישט... און וואָס זאָל זיין דער סוף?

מ י ר ל .

— און וואָס ביסט'ע אַזוי ווייס ווי די וואַנד? און וואָס פאַר אַ רויטע פלעקען האָסט'ע אויפ'ן פּנים? און וואָס בעטשאַטעט די געשוואָלענע ברעמען? און די בלאָנע-בלאָהע רענדער אַרום ד'אויגען! און דאָס פיבער אין זיי? און וואָס זענען עס דיר אַזוי איינגעפאַלען די באַקען? —

לאה.

— וואס? ד'דארף נאך שיינען ווי די זון... ד'ארבייט ווייניג, ד'הארעווע נישט?!

מירל.

— פערדער נישט די צייהן! — — הארעוועען הארעוועסט דו שוין לאנג און פריהער האסט דו דאך געבליהט ווי א רויז... געשפיעלט ווי א פויגעל...

לאה.

— ווען פריהער?

מירל.

— איידער דער פעלדשער־יונג האט דיך פערלאזט!

לאה.

— דאס ווייסט דו אויך. און אין דעם בין איך אויך שולדיג?

מירל.

— ווער דען? איך!

לאה.

— מירל!... אזוי קען נישט זיין... אזוי טאר נישט זיין... אהלין זיין פאר איין איינציגע שוועסטער, הייסט גאט אליין נישט... זעהסט, מען האט אן מיר געפעלשט, אגולן אין פעלד איז מיך בעפאלען, ארייגעשטעקט אמעסער אין הארץ; בלוט רינט... ביסט דאך א שוועסטער...

(אז מירל, וואס האט מורא זי זאל נישט ווייך ווערען, דרעהט זיך פון איהר אב, זיך אויפהויבענדיג).

— עט! אז עס איז אזוי, זאל זיין אזוי!

(גייהט אין דער ריכטונג צום לאמטער).

(מירל דרעהט זיך אום בעוועגט, ווייל זי שוין צוריק רופען, לאה קומט דערוויל אין ליכט־שטרייף ארײן אונטער'ן לאמטער).

מִירל.

(פון פלוצלינגער שרעק בעפאלען).

— ל—אה!

לאה.

(שטעלט זיך אָב, קוקט זיך אום).

— וואָס!

מִירל.

— אַהער, קום! אַהער!

לאה.

— שריי נישט אַזוי, מען הערט דאָך...

מִירל.

— וויי מיר, וויי מיינע יאָהר! צו דעם איז עס גע-קומען! —

(אַז לאה שלעפּט זיך צו איהר צו, ווי אַ געשלאָגענער הונד).

— שטעה! קום נישט אין מיינע דלת אַמות אַריין... און מאָרגען צום קבר — נישט דו, נישט זי...

(וואַרפט אַלץ אַרויס פון שירץ).

— נאַ! נאַ! נאַ!

(לויפט אָב רעכטס, לאה פאַלט אויף דער באַנק, ציהט זיך צוזאַמען).

משה.

(קומט אָן פייפענדיג אַ לידעל. קוקט זיך אום).

— אַה... עפּעס אַ סחורה אויף דער באַנק...

(געהט נעהנטער צו, דערקענט ווער עס איז, וויל זיך צוריק-ציהען אויף די נעגיל).

לאה.

— ענטלויף נישט!

משה.

— ד'איל מיך... ארויסגעלאפען קויפען פאפיראסען...

לאה.

— פאפיראסען קוקען זיך פון מארינארקע ארויס...

משה.

— זעהסט, ווי דער קאפף איז פערדרייט..

לאה.

— קום נור צו נעהנטער..

משה.

(טהוט עס נישט גערן).

— איבערגעלאזט אנגעזייפטע געסט...

לאה.

— ד'וועל דיך לאנג נישט האלטען...

משה.

— נור, ד'בעט דיך, נישט געזידעלט... זע'מיר ביידע נישט אזוינע פרוסטע נשמות...

לאה

— ניין... נור א בשורה וויל איך דיר אנזאגען!

משה.

(גאלגען־הומאר).

— ווערסט א כלה? מזל־טוב דיר!

לאה.

— דיר אויך... גאט האט מיך געבענשט...

משה.

— דאס איז גראד מיין ברכה... אויב ד'האב קיין טעות נישט...

### לאה.

— נײן... האסט קײן טעות נישט... װאָס זאָגסט'ו דערצו?

### משה.

(זעצט זיך, פערזאָרגט)

— װײסט'ו װאָס, לאה? — ד'האָב אַ בעקאַנטען דאָקטאָר!

### לאה.

— און גאָר!

### משה.

— ד'װעל דיר ברענגען פּראָשקעס!

### לאה

— און — שױן?!

### משה

— װאָס דען, לאה?! צװײ מתים גײהען נישט טאַנצען...

### לאה.

— נו, גײה אַז דו װײסט שױן... גײה! — —

(מיט שטײַגענדעם עקעל).

— און דאָס האָב איך ליעב געהאַט, דאָס!

(בעמערקט אַז ער שטעהט נאָך, אױסשרײַענדיג).

— גײה!

(משה פערשװינד; עס קומען אַן נחמה און זרח).

### נחמה.

— װאָס האָסט'עס געשריגען, לאה?

(בעטריבט זיך).

— דער פעלדשער יונג איז דא געווען! — געווען! — ער האט דיר עפעס געזאגט?

לאה.

— איך האב אים געזאגט!

נחמה

(שלעכט פערשטעהענדיג).

— רעכט אזוי! — ד'געה איינקויפען, אין דער-פריה, שטעהט ער דארט מיט דער געלער מויד... קוועטשט איהר די יד, ז'האט דאך א לאפע, ווי א בער.

לאה.

— מיין דאגה.

נחמה.

— אזוי?!

זרח

— א גאלד פון א מויד!

נחמה.

— וואס ברומסט'ו דארט, זרח!

זרח

— ד'זאג, א שארלאטאן איז ער, דער פעלדשער-יונג...

לאה.

— און דו, זרח

זרח.

— איך? וואס איך?

לאה.

— ווען שטעלסט'ו א חופה?

ז ר ח.

— זאָל נור זיין אַרבייט...

ל א ה.

— און איידער ס׳וועט זיין...

ז ר ח.

— ווי נחמה וויל...

נ ח מ ה.

— האָפּט דיך דער וואַטעני אַבער מ׳זט׳ן מסדר קדושין צוזאַמען..

ל א ה.

— און דערנאָך... וואָס וועט זײַן דערנאָך?

נ ח מ ה.

— איך זאָג, ברוך השם יום יום — אויף מאָרגען זאָל גאָ אָרגען...

א ה

יאָט וויל יעדער זאָל פאַר זיך זאָרגען!

נ ח מ ה.

— וואָס פאַר אַ לשון, לאה?! בעהאַלט די תּחנות אויף מאָרגען...

ל א ה.

— וואָס מאָרגען?..

נ ח מ ה.

— אויף שוחט׳לס קבר...

ל א ה.

— מ׳גייהט נישט מאָרגען!

נ ח מ ה.

— וואָס איז ווייטער? און פאַר וואָס וויל זי נישט?

לאה.

— זי זאָגט, מיר פֿערשיטעכען דעם קבר..

נחמה.

(אָבשפּרינגענדיג)

איך האָב נאָך קיין שלעכטס נישט געטהאָ, לאה!

לאה.

— וועסט'ז טהון... אונזער וועג געהט משופּע אראָב...

משופּע אראָב...

(דער לאָמפּענצינדער וואָס האָט שוין געלאָשען איבעראַל אין סקווער ניִשט דאָ אוים דעם לעצטען לאָמפּ, עס ווערט פֿינסטער).

(לאנגזאם פֿאָרהאנג.)

# די גאָלדענע קייט.

## אַ חסידישע פאַמיליען־דראַמע

(אין ווייסן פערז)

**אין 3 אַקטן.**

# פערזאָנען:

**שלמה.**

**פנחס** — זיין זוהן.

**משה** — פנחס'עס זוהן, שלמה'ס אייניקעל.

**יונתן** — שלמה'ס זוהן, משה'ס אוראייניקעל.

**דבורה** — פנחס'עס ווייב; משה'ס מוטער.

**מרים** — משה'ס ווייב.

**לאה** — משה'ס אונ מרים'ס טאָכטער; יונתן'ס שוועסטער.

**ישראל** גבאי ראשון.

צווייטער אונ **דריטער גבאי**

**עולם.**

**חסידים** צווישען זיי

**אברהם**

**למך** אונ

**ביניש** — **ישישים** — די עלטסטע חסידים;

**אַלטע חסידים**

**איין אַלטער** אונ

**אַ יונגער רייכע חסידים**

**אַ היימישער** אונ

**איין אָרימער חסיד.**

**אַ ישובניק.**

**בערגמ** —אַ דאָקטאָר.

# ערשטער אַקט

דעם רבינס צימער; אַלט-פּרענקיש-פּריציש מעבּליערט. אַ געשניצטער באַלקען, - פון וועלכען עס הענגט אַראָב אַ קריסטאַלענער הענג-לייכטער, וואָס קלינגט בּיי שטאַרקערע טריט אין צימער. אונטער איהם — אַ צופלאַצטער מאָזאיק טיש, רויט-סאַמיטען-געבּעטעקאַנאַפּע, אַ פאָטער-שטוהל, שטיהלען. בּיי די וועגד — בּענק, לאַנגע, אָהן אָנלעהנען. גלעזערנע שענקליך: מיט ספרים און מיט זילבּערנע און גאָלדענע כלים. אויסער אַ חנוכה-לאָמפּ, בּשמים-פּושקעס, אתרוג-פּושקעס א. ד. ג. זוואַרפט זיך, מיט זיין גרייס, אין די אויגען אַריין — אַ זילבּערנער, אַלט-פּריצישער בּעכער. טהירען רעכטס און לינקס: רעכטס — צוויי שמאָלע, פאַר'ן היימישען געבּרויך; איין טהיר אין בּית-המדרש אַריין, די צווייטע צו עזרת נשים, לינקס — אַ געוועגליכע טהיר אין ווייטערע צימערן אַריין, אין הינטערגרונד — אַ טהיר און אַ גרויס וועגעציאַניש פענסטער צו'ן אַ הויף-גערטיל. זילבּערנע העסען אַרום די ווענד.

מוצאי שבת; שפּעט אין אָוועגד. נאָך גאָר נישט אָנגעצונדען אין שטוב. איבּער דער דיעל שפּיעלט אַ שוואַכע ליכט-נעץ פון לבנה-שיין אין שניי-אָבּגלאַנצען, וואָס פערשווינדט, בּאַלד נאָכ'ן אויפגעהען פון דער פאָרהאַנג. אין דרויסען ווערט אַלץ טריעבּער און טריעבּער, אונ בּרעכט אויס ענדע אַקט, אין אַ שניי-שטורם.

אין צימער הערשט איין אָבּגעלאָזענקייט און איין אונאָרדנונג. אין דעם הויז האָט געמוזט עפּיס איין אומגליק געשעהן. פון רעכטס און לינקס, ווען עס עפענט זיך אַ טהיר, הערט זיך איין אומעטיג גערויש, אויסגעשרייען א. ד. ג.

---

(פון הויף־טיר קומען אריין דער עלטערער און דער יונ־גערע רייכע חסידים. אונטער זיי — דער אָרימער חסיד און דער היימישער, וואָס „רייבען" זיך אַרום יענע.)

דער עלטערער רייכער חסיד

הייסט עס — פערלוירען אַ שבת!
אַזוי פיעל געשעפטען פערלאָזט, —
און מען גיט קיין שלום נישט...

דער יונגערער.

אַז, לא עליכם...

היימישער חסיד.

חס ושלום...
ס'איז נור באתכסיא...
צרת הרבים...

אָרימער חסיד.

טוט זיינס ביחידות...
שטאָרמט די עולמות עליונים...

דער יונגערער רייכער חסיד

(הינטערליסטיג)

עפּיס צו אַייך דאָ געקומען
אַ דאָקטאָר אַ יונגער?

הײמישער חסיד.

(האפט אָן אין דער ענדערונג פון געשפּרעך!

ימח שמו ...

אָרימער חסיד

מכשף ...
מאַכט עפּיס רעגען אין שטוב
און שניי ...

הײמישער חסיד.

(הערמיטיג)

ער, זאָל לעבען, אָבגעשלאָסען,
װעגען כלל ... גזרות געהען ...
פון ערגיץ, זאָגט מען, שיקט מען
גאַנצע פוהרען מעסערס,
קהלות גאַנצע צו בעפאַלען ...
אַרבײט דער מין דערװײל,
פּאַר בחורים דרשנ׳ט ער ...
װעגען טבע ...

דער יונגערער רײכער חסיד.

און קומט צום רבין? ...

דער הײמישער חסיד.

דער רבי האָט קײן פּחד נישט!

דער אָרימער חסיד

אויף איהם האָט ער קײן שליטה נישט ...

(די רײבע חסידים הערען זיי שוין נישט, געהען איבערן צי-
מער, בעטראַכטען.)

ד ע ר  ע ל ט ע ר ע ר  ר ײ כ ע ר  ח ס י ד.

שװערע פֿאָרהענג.

(בעטאָפּט זיי)

זיידענע ...

ה ײ מ י ש ע ר  ח ס י ד.

אַזוי בײם פּריץ געקױפֿט,
מיט׳ן הויז צוזאַמען ...

י ו נ ג ע ר  ר ײ כ ע ר  ח ס י ד

באַלקען — געשניצטע, מעבעל — ג ע ש נ י צ ט,
העסען, אַלמערס — מיט פּיגורען ...

אָ ר י מ ע ר  ח ס י ד.

האָט מען אָבגעקלאַפּט די נעז ...

י ו נ ג ע ר  ר ײ כ ע ר  ח ס י ד.

ענגער פון הערנער אין װינקעל ...

ה ײ מ י ש ע ר  ח ס י ד

דערמיט שטויסט ער דער שטן ...
דאָ פּלעגט ער זיצען ביידערנאַכט ...
אין פינסטערע נעכט,
אין התבודדות אַליין.
מלחמה האַלטען מיט כּל-דאָס בײז ...

אָ ר י מ ע ר  ח ס י ד.

מיט מסירת נפש ...

ע ל ט ע ר ע ר  ר ײ כ ע ר  ח ס י ד.

(דעם יונגערן, אין דער זייט)

קראַנק א י ז ער ...

יונגערער רייכער חסיד.

מען זאָגט: פון זינען אַראָב...

עלטערער רייכער חסיד.

קען זיין...
ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ כשוף
אין די אַלע זאַכען שטעקט...

יונגער רייכער חסיד.

שאַדט עס אַ רבין אויך
און — אַזאַ אַלטען?

עלטערער רייכער חסיד.

קום אין אכסניא אַריין...

(ווילען געהען דורך דער בית-המדרש-טיר).

היימישער חסיד.

זיך נישט דורכצושטופען!
קיין עין הרע—אַיין עולם...

אָרימער חסיד

איך וועל אַייך פיהרען דורכ'ן הויף —

(פיהרט זיי ארויס; היימישער חסיד געהט אָב אין בית-המדרש אריין. פון לינקס, איינער נאָכ'ן צווייטען קומען די ישישים.)

אברהם

(קנאַקענדיג די פינגער, שטאַרקט זיך קעגען אומעט, וואָס אי-בערוועלטיגט איהם, ברומט אויף זיך.)
שבת! שבת!

עס איז פאָרט נאָך שבת!
נישט געמאַכט נאָך קיין הבדלה.

(צו די נאָכקומענדיגע)

העז

למך.

וועט עס זיין אַ וואָך...

ביניש.

אַ וואָך...
השם ישמרנו — אַ וואָך!

(צוגעהען זיך איבער דער שטוב)

למך.

(זיך אָבשטעלענדיג)

ס'האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט,
געריסען זיך אַהער...

ביניש.

מיך — געצויגען, ווי אַ מאַגנעט...

למך.

פאַלט פונקט מיין אײדעם אַיין
זיך גט'ען...

ביניש.

כ'קען דאָס וואַסער נישט אַריבער,
קיין פראָם און קיין שיפעל נישט;
קריהע געהט און קריהע!

אברם.

(שטעלט זיך אָב, אָנגעלעהנט אין טיש; ביטער:)

זענט איהר, הייסט עס, מיך מקנא?

(למך און ביניש צוגעהען זיך איבערן צימער)

למך

(זיך אָבשטעלענדיג פאַר אברם)

אָבער וואָס איז דאָס געשעהן אַזוינס?

ביניש,

(נאָכקומענדיג)

וואָס האָט זיך דאָ געטון אַזוינס?
וואָס?

למך.

רעד אַ וואָרט!

ביניש.

ציהסט דאָך די נשמה אַרויס!

אברם.

וואָס? גאָרנישט!
ממש גאָרנישט...
זעהענישען געזעהען...
פון זעהענישען כסדר גערעדט...

למך.

האָט מען עפּיס פערשטאַנען?

אברם.

מרימ׳ל ...

למך און בייניש.

(מיט ליעבשאַפט)

מרימ׳ל ... מרימ׳ל ...

למך

זי האָט פערשטאַנען ...

בייניש

געוויס ...

אברם.

ס׳האַרץ, זאָגט זי, פיהלט ...

(עס זענען אריין אַלטע חסידים; שטיל, איינער נאָכ׳ן צווייטען, שטעלען זיך אָב, דערזעהענדיג די ישישים, מיט דרך־ארץ און עטוואָס פחד, נישט ווייט פון טיר; מאַנכע זעצען זיך צו. גערענדיג און פערנעמען נישט דאָס גאַנצע געזעם.)

ערשטער אַלטער חסיד.

(ראַפּאָרטירענדיג)

סוחרים ווילען אַהיים,
פאַרכטען זיך ...

(זעצט זיך, פון די ישישים נישט געמערקט)

צווייטער אַלטער חסיד.

איין אשה אין עזרת נשים
חלש׳ט ...

### דריטער.

מען קען זי נישט דערמינטערן ...
און ס'בית-מדרש אין חשך מורמעלט ...

### צווייטער.

גלייך אַ וואַסער רוישט ...

### ערשטער.

ג'ייך אַ וואַלד ...

(בלייבע; שטיל; דער ישיש הייבט אָן רעדען)

### אברם.

(ווי פון אַ חלום אַרויס)

דרעמעלט אַיין ...
פון חלשות דרעמעלט ער אַיין,
און ציטערט אויף ...
עפענט די אויגען גרויס ...
פול שרעק—די אויגען.
„אַ רויטע וועלט", זאָגט ער
„אַ רויטע וועלט"
און ציטערט ...
מרימ'ל שטעהט דערביי ...

### מקורבים און זקנים.

מרימ'ל ...
מרימ'לס נאָמען דערמאַנט ...

### אברם.

זאָגט זי אונז:

בלוט וועט זיך גיסען,
יודיש בלוט, ווי וואַסער...

אַ חסיד.

(אריינקומענדיג:)

רעדלעך שטעהען זיי אין מאַרק...
מ'שרעקט זיך, מע סודעט זיך...
אין אַרום — אַ חושך;
מ'עפענט נישט קיין קלייד,
מע צינדט נישט אָן קיין ליכט...

(האַקט אָב, בעמערקענדיג ישישים)

אברם.

און דרימעלט אַיין...
און ציטערט ווידער אויף...
עס ציטערט די ווייסע באָרד,
עס ציטערט דער קאָפּ...
„פלעמליך", זאָגט ער,
„פלעמליך פליהען אין אַויר אַרום".

(אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ אויף די פלאַכע הענד)

אברם.

זאָגט מרימ'ל...

שטימען איבער צימער.

מרימ'ל און מרימ'ל...

אברם.

מיט'ן רויך
וועלען שטעט אונ שטעטלעך געהן...

## אָרימער חסיד.

(צוריקגעקומען פון הויז)

שלאָגט זיך אַ געוויין אַ מאַרק...
אַ יולדת...
יוועהען שוין דעם דריטען טאָג...
אַוועקגעפאַלען אויף אַסכרה
אַ ילד...
רחמנא ליצלן!

(אָפּ אין בית-המדרש אריין)

## שטימען אין צימער.

וואָס וועט זיין?
וואָס וועט זיין דער סוף!

## אברם.

און אַ וואַלד געזעהן....
אַיין אין-סוף אַ וואַלד...
בוים ביי בוים שטעהען זיי,
מיט קרוינען זיך פערפלאָנטערט;
צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגען....
און שטעקען די נאַקעטע וואָרצעל קאַפּויער;
ענג איז זיי...
קומט אַמאָל אויף אַ בוים די צייט:
חייב מיתה ווערט אַ בוים...
פון דער ערד אַרויסגעריסען ווערט ער,
אָבער פאַלען קען ער נישט...
ר'האָט נישט וואו, דער בוים;
הענגען בלייבט דעם בר-מנן...

## למך

מויל און אויערן...

ב י י נ י ש.

האָהר און נעגעל...

היימישער חסיד

(פון הויז-טיר קומענדיג)

דער הויף איז פול...
אַ געמורמעל, אַ געווימעל...
און — אַ פחד — —

אברם.

און אונטען; אַרום די שטאַמען
לויפען סודות נוראים אַרום...
ווי די חיות,
ווי די חיות רעות...
ברענענדיגע הונגער-אייגען...
לויפען, רייסען,
יאָגען זיך פון וואַלד אַרויס...

(פויזע)

זאָגט מרימ׳ל דערויף:
גזרות רעות...
קרענק און אונטערגענג...

שטימען אין צימער.

וואָס די יודען רעדען...
וואָס פון מויל זיי ברענגען...
אל תפתח...
אל תפתח פה לשטן...

למך

קרענק און אונטעגענג —

ביניש.

און גזרות רעות...

מקורב.

האַלטען פּריצים דאָך אַ סיים...

אַ זקן.

טראַכטען זיי פון אונז...

אַ צווייטער.

[illegible] אויך אונטערגענג...
רבונו של עולם...

אַ דריטער.

און ער לאָזט נישט צו,
שיקט צום דאָקטאָר אָב.

אַ צווייטער זקן.

צום יונגען דאָקטאָר אָב...

דער היימישער חסיד.

און דער דאָקטאָר...

אַ מקורב.

מיר ווייסען... מיר ווייסען.
ברענג נישט פאַר'ן מויל...

דער היימישער חסיד.

ער פיהרט דאָך איבער!

## אַ זקן.

ימח שמו ...

(האַקט אָב)

## אברם.

און אויבען, אין דער הייך
צווישען די פּערוויקעלטע צווייגען,
וואו טויט און לעבען אויסגעמישט ..
נעסטען פייגעל שווערע ...
שווערע — זאָגט ער — פייגעל ...
גרויסע ... און זיי היפּען,
און — שפּרינגען איבער
פון צווייג צו צווייג,
פון בוים צו בוים
און לאַכען ...
און שפּעטען ...

## אַ מקורב.

יאָ ... אַ חברה געמאַכֿט.
דער דאָקטאָר ...
לערנט זיי לאַכֿען,
לערנט זיי שפּעטען ...

## היימישער חסיד.

קיין נסים ...
קיין תּפלות העלפען ..
אַלע טבע און טבע ...
און דער רבי שווייגט ...

## צווייטער חסיד.

(פון בית המדרש, מיט׳ן צאָרן און שרעק)
ביים ארון הקודש
אין פּרוכת אַריין,
מיט׳ן קאָפּ אַריינגערוקט,
מיט׳ן שוואַרצען,
שטעהט פּנחס׳ל...

## דריטער.

(נאָכגעקומען, פול חשד)
און ישראל
שטעהט ביי׳ן איהם...
רוימט אין אויער,
רעדט איהם אָן... צו עפּיס בייז...
ענפערט פּנחס אין דער שטיל,
חאַפּט ער אויף,
לויפט און רוימט
מאַנכע לייט סודות אַיין...
לויפט ווייטער און שנאַפּט
דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ וואָרט,
לויפט צו פּנחס׳ן, פערציילט...

## אברם.

יע... יע... ז׳לאַכען...
און מרימ׳ל הערט און פערטייטשט:
ללעג ולקלס, —
זאָגט זי, — וועט מען זיין...

## משה.

(פון הויז-טיר, קרענקליך צושראָקען, מיט אַ ספר׳ל אין האַנד).
זאָגט ר׳ בבא...

ערשטער מקורב.

(מיט רוגזא, אין בית המדרש אַנווייזענדיג)

וואָס טוט זיך דאָרט?
וואָס האָט דיין טאַטע פנחס'ל
מיט ישראל'ן
פאַר אַ סודות?

משה.

(רעטערירענדיג צום פענסטער)

ד'ווייס נישט...
פון וואַנען זאָל איך וויסען?
בנאמנות, איך הייב נישט אָן צו וויסען...

אברם.

אַזוי... אַזוי...
ללעג ולקלס וועט מען זיין...

משה

(צו די ישישים)

לאָזט געמאַך...
אַלטע יודען, לאָזט געמאַך!
וועניג מרה שחורה נאָך?
מען זינקט דאָך אין מרה-שחורה איין...
אין עצבות וויקט מען דאָך...

אַ זקן.

אַ מע געהט אַרום ווי בלענדנע שאָף....

אַ צווייטער.

אַז דער פּאַסטוך ווייזט זיך נישט ...

אַ חסיד.

(קומט אַריין, פערמאַכט אונטער זיך נישט די טיר)

זיצט אונטערן ארון קודש
און שווייגט ...
עס ציטערט די ווייסע באָרד ...
עס ציטערט דער קאָפּ אינגאַנצען ...

(פון בית המדרש דערהערט זיך, עמיץ וויינט הויך)

אַ זקן.

דער ישובניק וויינט ...
שרייט ...

אַ צווייטער.

אַז מען לאָזט איהם נישט צו!

אַ דריטער.

די מיהל —
אַ שכן אויסגעדונגען ...
וואַלגערט זיך מיט ווייב אונ קינד
אַרום אין שניי ...

(עמיץ פערמאַכט די בית-המדרש-טיר. אין דער מינוט דער-
הערט זיך אַ געוויין פון דער ווייבערשער שוהל)

שטימען אין צימער.

(פערוואונדערט, צושראָקען)

— נשים רייסען אַיין די שוהל ...

— פאַר׳ן ילד...
— פאַר דער יולדת...
— נישט געקענט דערוואַרטען זיך...

אברם.

(האָט דערהערט, שטעלט זיך ראַש אויף מיט איין אויסגעשטרעק-טער האַנד)

חלול שבת!
פאַר הבדלה!

(היימישער חסיד לויפט אַרויס אין עזרת-נשים אַריין, וואו עס ווערט שטיל און שטילער. אברם בלייבט שוין אַזוי שטעהן ביז׳ן ענדע אַקט, ווי פערגליווערט).

מרימ׳ל.

(העל-בלאָה געקליידט, נאַכטוואַנדלערישע טריט, קומט פון הויז-טיר, צום פענסטער געהענדיג, מיט אַ באַנג-שוואַכער שטים)

פאַרוואָס מאַכט מען קיין הבדלה נישט?

(דער עולם שווייגט. ישישים לאָזען אַראָב די קעפּ. עלטערע חסידים און מקורבים רוקען זיך אָב מיט שרעקיגען דרך-ארץ. חסידים ווילען אַרויסגעהן פאַר דער „אשה״. איינער לעגט שוין די האַנד אויף דער קליאַמקע, בלייבט דאָך שטעהן.)

משה.

וואָס מאַכען, די קינדערלעך, מרימ׳ל?...

מרים.

(ווענדט זיך צום פענסטער צו)

איינגעשלאָפען...
קינדער ווייסען נישט...
קינדער פיהלען נישט...

שפּיעלענדיג, אויף דער דיל
אײַנגעשלאָפען ...
די הענטלעך צוזאַמענגעפלאָכטען ...
ד׳האָב אונטער די קעפּלעך
זיי קישעלעך געלעגט,
שמייכלען זיי אין דרימעל
און רייטלען זיך ...
שרעקליך שמייכלען קינדער ...

(פויזע, פּערקוקט אין פענסטער אַרײַן)

עס טריבט זיך דער שניי ...
ווינדיג ... ביימלעך וויגען זיך,
צווייגעלעך פּערשנייטע ציטערן.
ווי פון שרעק געטרייסעלט ...
און טריב און טריבער ווערט דער הימעל ...
פון מערב-זייט אַ וואָלקען ציהט ...
אומגעלומפּערט ציהט ער זיך, שלעפּט זיך ...
און געהט ... געהט אויף אונזער הויז ...
קינדער ווייסען נישט,
קינדער פיהלען נישט ...

(אין צימער אַרײַן, עטוואָס העכער ווי פריהער)

פאַרוואָס מאַכט מען קיין הבדלה נישט?

(די בית-המדרש-טיר עפענט זיך; אַ גיי און שטאַרקער גערויש)

מ ש ה.

(אויפגעשטאַנען)

אַ פחד בעפאַלט ...
ווי דער עולם רוישט ...

מ ר י ם.

דער עולם ...

די אויסגעדאַרטע פּנימ'ער
די אויגען, די אויסגעהונגערטע —

### שטימען אין צימער.

דער רבי!
דער רבי זאָל לעבען!
דער רבי!

### שלמה.

(אַ זעהר הויכער, גראָהער, בלאַסער ייד; אויסער דער שוואַרצער, שפּיציגער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, — פּרעס-ווייס געקליידט; איין אונגעוועהנליך הויכער שטערן, אונגעוועהנליך גרויס געעפענטע אויגען; מיט אַ קינדיש-נאַאיווען שמייכעל איבערן איינגעשרומפּענעם, פון צער פערגליווערטען פּנים, וועלכען ישראל האָט די טיר געעפענט, קומט אַריין, בשעת ישראל, פּנחס און אונטער זיי דער עולם האַלט זיך אָב ביי דער טיר; געהענדג אין מיט צימער אַריין, ווען אַלע שטעלען זיך אויף, קוקט זיך אום, — זיך אומוועגדענדיג צו דער בית-המדרש-טיר)
אומזיסט אַלע רייד,
אַלע געבעטען אומזיסט...
(פּעסט)
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

### ישראל.

(עטוואָס נאָך דער טיר)
רבי, דער עולם פערלאַנגט...

### אַנדערע.

(פון בית המדרש און אין צימער)
— דער עולם בעט!

— דער עולם פאַלט אויפ׳ן פנים פאַר שרעק...
— האָט רחמנות!
— האָט רחמנות, רבי, אויפ׳ן עולם...

## שלמה.

(וועלכען מרים רוקט אונטער א פאַטער-שטוהל, און אָנלעהן מיט איין האַנד אָנשפּאַרענדיג)

עולם...
דער עולם...
צוויי... דריי... פיער...
פינף מנינים קליינע...
קליינע, קליינע יודעלעך...
אויסגעמאָגערטע
איינגעשרומפּענע
יודעלעך...
איינגעהויקערטע קומען,
קלאַפּען ביים צדיק אָן...

(טאָן-ענדערונג: צער)

געפּרווירענע נשמה׳לעך....
הערצלעך....
צום נר תמיד קומען ווי,
שטעלען אויס די הענטלעך;
אַ פונק! אַ פונק!
אַ נדבה׳לע,
אַ מופת׳ל...
אַ נס, אַ וואונק פון יענער זייט;
און יעדעס וויל פאַר זיך,
פאַר זיך,
פאַר אייגען ווייב און קינד,

פאַר אייגען הויז-געזינד ...

(פויזע)

און דאָ — צווישען טויט און לעבען
וואַקעלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מרה-שחורה אריין,
אַ וועלט!

(אַ פויזע)

מרים.

(אין דער שטילקייט; צום פענסטער פערקוקט)

עס ציהט זיך, ציהט דער וואָלקען שווארץ...
גלייך אַ שוואַרצער פויגעל שפרייט
זיינע שוואַרצע פליגעל אויס....

שלמה.

אין שוואַרצען אָנגעטון,
אין שוואַרצען אַיינגעהילט,
די נשמה פון דער וועלט —
די שכינה ברומט.
און וויינט, טרויערט,
און ס'צאַפּעלט,
אין אייגענעם בלוט פערטרונקען,
ס'האַרץ פון דער וועלט!

(זיך אויסגלייבענדיג מיט אויסגעשטרעקטער האַנד)

אויסגעלייזט פון פיין און שרעק
מוז ווערען — —
די וועלט!

(טאָן־ענדערונג)

איך מאַך קיין הבדלה נישט!

מרים.

צאָרניג ברוינט דער וואָלקען זיך...
אַ צאָרניג-ברוינער הימעל קוקט אַראָפּ,
און זיי שמייכלען דאָרט, —
קינדער זעהען נישט!

שלמה.

(ביטערער)

ברוגז'ט זיך דער הימעל!
פאַרוואָס מאַכט ער, שלמה'לע,
קיין הבדלה נישט!
אָנגעפלויגען זענען זיך
נשמה'לעך,
צוריקגערופענע פקדונות'לעך....
צי האָבען זיך די טייבלעך
אין דער נידער נישט בעפלעקט?
צי פעהלט נישט ווען אַ פליגעלע?
נישט אויסגעצופּט אַ פעדערל? —
בעקוקען מוז מען זיי!
און צו משפט'ן גרייט
שטעהט דאָס בית-דין של מעלה...
אין עטרות גאָלדענע,
קרוינען ריין-בריליאַנטענע,
און זיי ווילען זעצען זיך
משפט'ן און פסק'ענען...

(בארמהערציג)

און די נשמה'לעך — —
פלאַטערן...
ס'ציטערן די פקדונות'לעך...
מאימת יום הדין!

מאימת יום הדין!

(טאָן-עגדערונג)

ציטערט נישט,
פלאַטערט נישט!
שלמה מאַכט קיין הבדלה נישט...
מ'גן וועט נישט — משפּט'ן!

(דערשראָקענע פּויזע)
(עס דערהערט זיך ווינד),

מרים.

ווינטען בלאָזען,
יאָגען זיך, טרייבען...
אַרום הויז, אַרום הויז...
ווי זיי פּייפען, ווי זיי וואָיען...

שלמה.

כעס'ט זיך, הייסט עס, ס'גיהנם,
שיקט זיינע שליחים אַרויס!
שוואַרצע פייגעל פלאַטערן אַרום אין ווינד.
דער שוואַרצער הונד אויף דער קייט
וואַרפט זיך דאָרט!
שבת קודש איז אַריבער,
דער סמבטיון שלאָגט,
און שלמה האָט זיך איינגעשפּאַרט,
הבדלה מאַכען — וויל ער נישט.
קעסלען — אונטערגעהייצט;
קאָכען זיי,
זידען זיי...
רויכיגע פלאַמען הייבען זיך, וויקלען זיך,
פּעטע, ברענענדיגע חמאַרעס...

„קומט צוריק, רשעים!
„אויף שרעק און פיין,
„אויף יסורים רעים,
אויף ענוים קשים...
„פאַרוואָס קומט איהר נישט צוריק?"
און די אָרימע נשמה'לעך,
די פערפלעקטע, די פערזינדיגטע, —
אַז שבת קודש לעשט זיך אויס
ווייסען זיי
און ציטערן...
און ציעפען זיך,
און חאַפּען זיך
מיט די שוואַרצע פליגעלעך,
מיט אויסגעפּוצטע פעדערלעך
צו די נעפּאַלעך,
און קלאַמערן, קלאַמערן זיך
מיט די צאַפּעלדיגע הערצעלעך
צו די וואָלקענדלעך,
און ציטערן...
ציטערן!

(טאָן-ענדערונג)

ציטערט נישט!
צאַפּעלט נישט...
פליהט אַייך, פראַנק און פריי אַרום —
וואו איהר ווילט,
וואו אַ ווינטעל טראָגט —
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

א ר ו מ י ג ע.

(אין שרעק)

— און וואָס וועט זיין?

— רבי, וואָס וועט זיין?

שלמה.

שבת זאָל זיין, — שבת!
מיט צוואַנגגען האַלט איך שבת אַיין!
נישט גע׳פסק׳ענט, נישט געשטראָפט!

(פויזע)

ס׳ס הענגט אין דער הייך דאָרט אַ וואָג,
פאַר׳ן כסא הכבוד...
וויגט זיך, וויגט זי זיך די וואָג...
ס׳ציטערט צאַפּעלט, צאַפּעלט...
אַ מצוה׳לע טוט אַ יוד
און — אַיין עבירה׳לע...
שטעלען קען זי זיך נישט...
נישט כולו חייב,
נישט כולו זכאי —
צאַפּעלט זי...
און אל רחום וחנון קוקט;
העלפען קען ער נישט...

(פויזע)

און זיצט ער, משיח,
אין די טויערן פון רוים
און וואַרט.
געהן קען ער נישט...
די וואונדען היילען זיך נישט...
ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי צו —
און געהן, לייזען אויס די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כח צו וואַרטען איז נישטאָ...

אין מרה שחורה זינקט אַריין די וועלט!

(אויפשטעהענדיג, מיט קראַפט)

אויסגעלייזט מוז ווערען די וועלט!

(פון וואוינונג קומען אריין לאה און יונתן, זיך האַלטענדיג ביי די הענד; קיינער בעמערקט זיי נישט. פערוואונדערט און עטוואָס צושראָקען בלייבען זיי שטעהן אין טיר).

שטילע שטימען אין צימער.

ווי אַזוי, ווי אַזוי?

שלמה.

(נאָך פעסטער)

שבת זאָל זיין!
שבת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייעט,
נישט געבויט און נישט פעררוכט...
נישט געהאַנדעלט, נישט געוואַנדעלט...

היימישער חסיד.

חרוב זאָל ווערען די וועלט?

שלמה.

חרוב זאָל ווערען די וועלט!
און מיר —
מיר שבת׳דיגע,
מיר יום-טובדיגע,
מיר נשמה-יתרה׳דיגע יודען,
וועלען איבער איהרע חורבות געהן...

## מרים.

וואו אַהין?
רבי, וואו אַהין?...

## שלמה.

**צו איהם, צו איהם!**
**זינגענדיג און טאַנצענדיג וועלען מיר געהן**
**צו איהם!**

(פויזע. עקסטאַז.)

זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!

(עס ווערט זעהר שטיל. שלמה הייבט אָן טאַנצען אַרום זיך. אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס קלינגען פון הענגעל-לאָמפּ — ישישים ווילען מאַכען אַרום רבין א ראָד, ווינקען צו די זקנים — יענע וויינערן זיך. ישישים טאַנצען נישט-געשלאָסען. יונתן און לאה—מיטגעריסען רוקען אָב דעם טיש און די שטוה-לען פון הינטער די פענסטער, נעמען אָן די מוטער ביי די הענד און טאַנצען קעגענאיבער די ישישים צוויי האַלבע רעדער-טיילען. משה קוקט אויף אַלעם אַבוועזענדיג — חסידים שלייכען זיך שטיל פון צימער אַרויס אין בית המדרש אַריין. — מרים לאָזט אָב די קינדערס הענד. חאַפּט-אויף איין עק פון שלמה'ס גאַרטעל, טאַנצט אַרום, איהם פערחלומט, עטוואָס גליק-ליך פערשעמט, צנועה'דיג און פרייליך, ווי א כלה-טאַנץ. די קינדער נעמען זיך קעגענזייטיג אָן ביי די הענד, טאַנצען בע-זונדער. דער הענגעל-לייכטער קלינגט) וואָס אַמאָל שטאַרקער.

## לאה.

זעה, זעה — די מאַמע שטראַהלט,

גלייך די שכינה רוהט אויף איהר.

יונתן.

אויפ׳ן עלטער-זיידען קוק,
ווי אַ מלאך —
אין דער קדושה אַיינגעהילט — —

שלמה.

(מערקט עס נישט, שטעלט זיך וועלנדיג־שטענדיג אָב)

און אַזוי!
אַזוי געהען מיר,
זינגענדיג און טאַנצענדיג...
מיר גרויסע, גרויסע יודען,
שבת-יום-טוב׳דיגע יודען,
די נשמות פלאַקערן!
פאַר אונז וואָלקען — שפּאַלטען זיך!
הימלען — פראַלען ד׳טויערן אויף!
אין ענן הכבוד שווימען מיר אַריין.
צום כסא הכבוד צו,
צום כסא הכבוד!
אויפ׳ן אבן שיש טהור
שטעהען מיר!
און מיר בעטען נישט,
און מיר בעטלען נישט,
גרויסע שטאָלצע יודען זענען מיר —
זרע אברהם... יצחק, ויעקב!
לענגער וואַרטען נישט געקאָנט!
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיג, טאַנצענדיג געהען מיר!

### מרים.

(לאָזט אָב דעם גאַרטעל, לעגט זיך די הענד אונטערן קאָפּ, בויגט איהם עטוואָס אַרונטער; מיט שטראַהלענדיגע אויגען, קלאַרנעט-קלאָר, מיט'ן טראָפּ)

ישקני מנשיקות פיהו...

כי טובים — — דודיך — — מיין!

(פויזע. שטילער אונבעוועגליכער עקסטאַז.)

### ישראל.

(עפענט ראַש פון יענער זייט די בית-המדרש-טיר. אַ פּאַס ליכט פליסט אַריין. אָבשניידענדיג:)

גוט-וואָך, יודען!

### שלמה.

(פאַלט צוריק אויף דער שטוהל)

נישט דערלאָזט!

### אברם.

ווער האָט מורד במלכות געווען?

### ישראל.

פנחס האָט הבדלה געמאַכט,

(אַקצענטירענדיג)

ר' פנחס!

### שלמה.

(זיך אויפהייבענדיג)

מיין זוהן, מיין שוואַרצער זוהן...

(אין בית-המדרש-טיר בעווייזט זיך פנחס, אונטער איהם עולם.)

**ישראל.**

(אָבטרעטענדיג אָן אַ זייט, שלמה זאָל זעהן דעם עולם).

דער עולם האָט געבעטען!
דער עולם האָט פערלאַנגט,
געהייסען האָט דער עולם —

(פּויזע, שלמה געהט זעהר לאַנגזאַם אָב צו זיך, פּנחס קוקט, אין דערזעלבער מאָס אין שטאָב אַריין).

**ישישים און עלטערע חסידים.**

(מורמלען)

רב פּנחס, רב פּנחס...

(מרים פיהרט אָב שלמה'ן אין זיין צימער אַריין. ישישים מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ געהען, פינסטער שווייגענדיג, נאָך. לאה און יונתן געהען, זיך ביי די הענד האַלטענדיג, אונטער די ישישים. יונתן קוקט זיך אינ'ם געהען אום, דערזעהט פּנחס'ן, רייסט פּלוצלינג אויס די האַנד פון לאה'ן, געהט צוריק אין צימער אַריין. עלטערע חסידים שטעלען זיך אָן ביידע זייטען טיר און קעהרען זיך אום מיט די פּנימער אין צימער אַריין. פּנחס געהט צום פּאַטער-שטוהל, אונטער איהם ישראל און די אַנדערע גבאים. דער עולם הייבט זיך אָן צו בעוועגען, מיט האָפּ-נונג און שרעק, אין צימער אַריין.)

**ישראל.**

(צו פּנחס'ן, וואָס וויגערט דעם פּאַטערשטוהל צו פערנעמען)

זעצט אַייך, רבי...

(אַלע ציטערן אויף, פּנחס זעצט זיך זעהר לאַנגזאַם)

## דבורה.

(פון הויזט-יר, ראש אריינגעפאלען)

**דער יונגער דאָקטאָר וויל צום שווער!**

(אלגעמיינע קאָנסטערנאציע, פאָרהאַנג.)

# צווייטער אַקט

**דאָסזעלבע צימער; נאָך אָבגעלאָזטער.**

צוגענומען — אַ שוואַרץ-צעראַטענע סאָפע; דער קרים טאַלענער הענגעל-לייכטער — אַראָבגענומען; אויפ'ן צו דעם צוועק אַריינגעבראַכטען קיך-טיש וואַלגערן זיך עטליכע אַראָב געפאַלענע קריסטאַלען. אַראָבגענומען אויך די פאָרהענגען, פון די טירען. מען נעמט אַראָב די לעצטע פאָרהאַנג פון ווענעציאַנער פענסטער. פון דרויסען שלאָגט אַריין ליכט פון אַ שענעם פריהלינג-טאָג, — מען זעהט די צובליהטע ביימלעך אין גאָרטעל. —

---

משה ליגט אויף דער סאָפע. מרים, קרענקליך און אָב־עצעהרט, געהט אין צימער אַרום, קוקט מיט הארץ־ווייטאָג און דערשלאָגענער אונטערגעבענקייט אויף די אַראָבגענו־מענע זאַכען, וואָס ווערען אַרויסגעטראָגען ליגקס דורך גבאים, מיט דער הילף פון היימישען אָרימען חסיד, אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון ישראל'ן. דבורה ווארפט אויף משה'ן און מרים'ען בארמהערציגע מוטער־בליקען מיט'ן אויס־דרוק: „וואָס קאָן איך אייך העלפען, קינדער?" די גבאים מיט'ן אָרימען חסיד טראָגען אַלץ אַרויס דורך דער טיר לינקס, דער היימישער חסיד געהט זיי נאָך.)

דבורה.

(איהם אָבשטעלענדיג)

משה'ל וויל אַוודאי שלאָפען,
דאָס פענסטער פערהענג!

(נעמט אַראָב פון זיך א שאל, וואַרפט זי מיט ציטעריגע הענד אויפ'ן טיש אַרויף; דער היימישער חסיד נעמט די שאל, רוקט צו דעם קיך־טיש צום פענסטער. עס פאַלען דערבייַ, מיט א קלאַנג, די קריסטאַלען פון טיש אַראָב).

מרים.

(שטעלט זיך וועהמיטיג אָב)

די לעצטע קלאַנגען...

(קוקט זיך אום אין שטוב)

אַלץ וואָס קלאַנג איז געווען און פאַרב —
פערשוואונדען!

דבורה.

רעד נישט, מרימ׳ל...

משה.

(זיך בעטענדיג)

שווייג בעסער, מרימ׳ל, שווייג...

(צו ישראל)

וואו איז יונתן?

ישראל.

(וואָס האָט געוואָלט ארויסגעהען און וואָר אָבגעוואָרט דעם היימישען הסיד)

יונתן געזיכערט איז...
יונתן איז אונזערער...

דבורה.

(מיט שטילען שטאָלץ)

זיצט גאַנצע טעג און נעכט און לערנט!

ישראל.

(צו דער טיר פון בית-המדרש מיט׳ן בליק אָנווייזענדיג)

צינד —ביים רבינס רעכטער האַנד,

ביי דעם זיידענס רעכטער האַנד...
אונטער זיין השפּעה זיצט ער...
פרעג בעסער, משה'ל, וואו לאה איז?

(אַב מיט'ן הוימישען חסיד)

משה.

(אַנגסטיג)

נישטאָ לאה?

יונתן.

(פאַלט אריין מיט שטאָלץ און פרייד פון בית-המדרש)

מאַמע, טאַטע, באָבע!
אַ נייער נצחון, אַ נייער
שליחים פון קהלות צום זיידען געקומען!
שלום בעטען זיי!
און ער, — ווי ער קוקט אויף זיי,
מיט'ן בליק וואַרפט ער זיי אָב, —
ער וויל קיין שלום נישט...
און דאָס זענען יודען — אַלטע
גרייז-גראָהע און חשוב'ע,
מען זעהט עס אין די פּנים'ער...

(נישט געפינענדיג קיין אָבקלאַנג ביי קיינעם, זעצט זיך אָן א זייט. דאָס געזיכט פערענדערט זיך איהם. פער-טראַכט זיך, פרעגט, נאָך א ווילע, מיט פערזאָרגטער ליעבשאַפט)

מאַמע, וואו איז לאה?

מרים.

(זעצט זיך צום פערהאָנגענעם פענסטער צו)

אָרים קינד...

צוויי נשמות ראַנגלען זיך,
אומגליקליך קינד, אין דיר.

דבורה.

וואָס פאַר אַ רייד?

משה

וואָס פאַר אַ נשמות, מרימ׳ל?

יונתן.

וועמעס נשמות, מאַמע?

מרים.

דעם זיידענס און עלטער-זיידענס...

משה.

און איך וואו בין, מרימ׳ל?
האָב איך גאָרנישט אין מיין קינד?

מרים.

פון דיר? זיין אייגענע,
וואָס ווערט בעשטענדיג איבערוועלטיגט
פון זיידען און פון עלטערזיידען...
דאָס וואַרפט דאָס קינד און שליידערט...
און עס שלאָגט זיך, ווי איין אומרוה,
צווישען ליכט און פינסטערניש...

יונתן.

(ווידערשפּענסטיג)

רעד נישט פון פינסטערניש, מאַמע

ליכט איז דער זיידע, הייליג ליכט!
און גרויס און דערהויבען ווי אַ מלך!
געה, מאַמע, זעה,
ווי זיי שטעהען פאַר איהם,
זיי, די שליחים פון די קהלות.
דו זעהסט זיי שטעהען אויף די פיס,
און דו פיהלסט זיי ליגען אויסגעצויגען,
זיינע קנעכעל קושענדיג...
און הייבט ער אויף די ברעם, דער זיידע,
ציטערן זיי,
ווי אין שטורם-ווינד די בלעטער...
און ער שטעלט זיך אויף
און דעם שטערן רונצעלט ער,
בליצען אין אויגען,
דונערן אין דער שטים:
„פערטיליגען וועל איך אַלע....
די אפיקורסים און די מינים״...

ד ב ו ר ה.

(ראַנגעלט די הענד)

אַזוי איז ער, אַזוי רעדט ער.

י ו נ ת ן.

„און אַלע, וואָס אונטערגאַרטלען זיך,
און נעמען נישט מיין שררות אָן!
די רביים, נישט פון שטאַם,
די משיח׳ן די פאַלשע,
און די רבנים, וואָס שטיצען זיי,
די דיינים און די שוחטים —
די פערשעלט איך!״

מרים.

שווייג, קינד, שווייג,
רעד נישט נאָך קיין בייז!
שרעקליך ווערסטו, קינד!
פינסטער ווערען די ליכטיגע,
די בלאָהע אויגען דיינע,
דעם עלטער-זיידענס זיסע, שטילע אויגען!
און דיין פנים ענדערט זיך,
אַ וואָלקען דיין פנים בעדעקט,
דיינע ליפען דינען זיך און ציטערן...

(יונתן פערשטעלט זיך דאָס פנים, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ
אין די הענד; שטילע פויזע.)

משה.

נאָר ער שטראָפט!
און אַ דן יחידי!
ער דער שופט, ער דער שוטר...
הערסט מרים׳ל,
נעכטען וועגען דאָקטאָר גערעדט—
„ער דאַרף דאָ נישט זיין!"

יונתן.

(אויפשפרינגענדיג)

מן הסתם, נישט!
ער פערפיהרט...

משה.

אָט... האָט ישראל שוין
זיינע לייט אַ וואונק געטון...

דבורה.

משה׳ל, דו ביסט אַזוי שוואַך,
עס שאַדט דאָס רעדען דיר...
וואָס איז דיר?

משה.

גאָרנישט, מאַמע!
ס׳בלוט אין די אָדערן קיהלט...
מען לעבט און עטעמט אין שרעק...
אַלץ אין עצבות אײַנגעהילט...
נאָר דין און — דין

יונתן.

(שטאָלץ)

גלגול־פנחס!

משה.

וואָלקען, בליץ און דונער!
און די כנסת ישראל
האָט הייזלעך הילצערנע,
דעכלעך שטרויענע...

יונתן.

„כולו זכאי" וויל ער!

משה.

פערשטעהסט, מאַמע?

דבורה.

וואָס ווייסט אַ יודינע?

משה.

היידאַמאַקען דורכגעגאַנגען
מיט שווערד און פלאַם...
קהלות חרוב ונחרב געמאַכט,
און איבער די חורבות, איבערן אַש,
איבער די קעפּ פון נשרפים,
פון יתומים און אלמנות
איבער די שאַרען פערהונגערטע בעטלער,
דונערט זיין וואָרט,
שטראָפט זיין דין...

(געבראָכענע שטים)

דו ביסט נישט יוצא, מאַמע!

דבורה.

(אויפגעשראָקען)

איך!

משה.

דו! איין אשה, אַ ווייב און אַ מאַמע!
דו — מדת הרחמים,
רעד מיט איהם!

דבורה.

כ׳קען נישט!
כ׳ציטער פאַר איהם ווי אַ בלאַט,
ער ברעכט מיך איבער מיט׳ן בליק...
ער רעדט צו מיר גוט;
ער וויל, און זיין שטים
איז דער דונער — —

(וויל אַרויסגעהען, נישט צו צעווייגען זיך פאַר די קינדער, עפענט די טיר לינקס, בעגעגענט זיך מיט למך און ביניש, לאָזט זיי דורך, קוקט זיי נאָך אַ ווײַלע ערשטוינט, — אָב.)

מ ש ה.

(איז ראַש אַראָב פון בעט)

שלום עליכם.

(בלייבט שטעהן מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנד; ישישים שטעלען זיך פאַר מרים'ען מיט שולדיגע פנימער.)

ל מ ך

לענגער נישט געקאָנט...

ב י י נ י ש.

כצאן בלי רועה...

ל מ ך.

(שטאַרקער)

עס מוז זיין אַ פאַסטוך...
אַ פיהרער — —

מ ר י ם.

(זעהר שטיל)

צום קבר

מ ש ה.

און אברם וואו איז?

ּמך.

צוגענומען ...

ביינ יש.

זכרונו לברכה ...

משה.

געשטראָפט:

(פיינדליכע פויזע)

למך.

(דרינגענדיג, צו ביינישען)

קום, שלום נעמען!

ביינ יש.

-ית-המדרש איז ער ...

(ביידע אָב)

מרים.

אַלע גיבען זיך אונטער, אַלע!

לאה.

(וואָס איז אריינגעקומען כוו הויף-טיר)

נישט אַלע!

יונתן.

(אויפשפרינגענדיג, מיט אַ הייזעריג-פערשטיקטער ...)

וואו ביסטו געוועזן, לאה?

לאה.

(וואָס האָט נישט דערהערט, איילט צום פענסטער צו ;
אָבריַיסענדיג די שאַל)

אין דרויסען שיינט, בליהט,
אין דרויסען זינגט און קלינגט אַזוי פריי...
און דאָ, אין שאָטען אַיינגעהילטע,
אין אַ שפינוועבס פערוויקילטע,
אין אַ פינסטערער נעץ פערשטריקטע,
נשמות צאַפּלען און שטיקען זיך.

(איבערמישט)

ליכט זאָל זיין!

(רייסט אויף דאָס פענסטער)

און לופט!

יונתן.

„לופט"... ביי איהם ביסטו געווען!

משה.

(אויפגעציטערט)

ביי וועמען?

מרים.

שלעכטע נביאות זאָגט מיר מיין האַרץ.

לאה.

(פעסט, צו יונתן געווענדעט)

געוועזען!

און — האָב איהם בעשטעלט !

**יונתן.**

(גריטיג)

לאה !

**לאה.**

(סאַרקאַזם)

עס וועט נישט העלפען דיין צאָרן, זיידע!
ברודער-זיידע !
דער טאַטע איז קראַנק,
זעה די מאַמען...

**יונתן.**

(אויסער זיך)

און דערביי — געהערט ;
גוטע זאַכען געהערט !
„נאַטור”; רביים זענען שווינדלער !
צוויי האַלבע קילען צוזאַמענגעלעגט,
מיט קיין פערד נישט צו צוריי־סען...
וואָס ?

**משה.**

(פערצאַגט)

מרים׳ל...
וואָס רעדען זיי ?
מיינע קינדער רעדען, —
און איך פערשטעה קיין וואָרט...

דו האָסט דאָך דעם זיידען פערשטאַנען,
זיי פערשטעהסט דו, מרים׳ל?

מרים.

זיי זענען צו יונג,
איך — שוין צו אַלט...

(נאָך פויזע, ענטשלאָסען)

לאה האָט פאַר דיר דעם דאָקטאָר בעשטעלט!

יונתן.

טאַטע!
לאָז איהם נישט איבער דער טיר!
מאַמישי!
לאָז איהם נישט איבער דער שוועל!
דאָס איז אין גן-עדן די שלאַנג!

משה.

(צוּבראָכען)

טאָכטער, מיט וועמען פּרובסט דו זיך?
מיט וועמען ווילסטו ראַנגלען זיך?
אַ שעפעלע געגען אַ לייב —
אַ פייגעלע...

לאה.

געגען אַ שלאַנג?

יונתן.

(פלוצלונג געענדערט; שרעק און ברודער-ליעבע)
לאה...

לאה.

וואָס, אָרימער ברודער?

יונתן.

איך האָב אַ חלום געזעהן...
מיר, דעם בעל-שם׳ס אייניקעל
האָט מען אַ חלום געוויזן...
כ׳וויל דיר פערצייהלען, לאה...

לאה.

(געריהרט)

פערצייהל...
דו פערצייהלסט אזוי שען...

יונתן.

(אזארט)

איך בין אין הימעל געווען!

(קוקט זיך אום, צו זעהן דעם איינדרוק)

משה.

צו וואָס קינדער זענען זוכה!

לאה.

(עטוואָס שטרענג)

פערצייהל!

מרים.

(ווילענדיג פערגלעטען)

פערצייהל, יונתן, פערצייהל...

אַז דו פּערציטהלסט, טוט זיך
פון דיר, פון דיין נשמה
דער שוואַרצער וואָלקען אָפּ.
לייטערן זיך דיינע בלאָהע אויגען אויס,
באָדט זיך דיין מאַמעסהאַרץ אין זיי,
ווי אין אַ קריסטאָלען-טייך...

יונתן.

(פּערציטהלט)

אין הימעל בין איך געווען...
אַלץ אַרום איז מערמעל-שטיין,
פריש געפאַלענער שניי —
קלאָר! אַזוי ווייס, אַזוי העל אַרום,
אַזוי הייליג — —

(פּלוצלינגע ענדערונג)

לאַכסט נאָך נישט, לאה?

לאה.

ניין!
דיינע חלומות האָב איך ליעב...
פּערל זענען דיינע חלומות,
פּערל שיטען זיך פון מויל...
און איך, אָרימע,
איך, דיין אָרימע שוועסטער,
בעטעל אום זיי!

משה.

וואָס פאַר אַ לשון?

(קיינער הערט איהם נישט)

יונתן.

און אַזוינע שטילע,
שטילע, זילבער-ווייסע נעפּעלעך,
מיט גאָלד און פּורפּור געזוימט,
ציהען זיך, שווימען, וויקלען זיך אַרום,
הויך, הויך... איבער מיין קאָפּ...
איך רייס צו זיי די אויגען אַרויף...
מיט בענקעניש, מיט האַרציגער פרייד...
און אין די נעפּעלעך ציטערן,
שימערירען, בליצען און לעשען זיך בעהאַלטענע,
פליהענדיג אויף און אָב און אַרום —
שטערנדלעך,
גאָלדענע, קליינע, פינקעלדיגע שטערנדלעך...

לאה.

(האַפּט אָן די מוטער ביי דער האַנד)

זיינע אויגען זעה, מאַמע!
טויבען, ריינע טויבען!

יונתן.

(פערבליפט)

טויבען, זאָגסטו? טויבען!

(פערדעכטיג)

פון וואַנען ווייסטו, לאה?

(ענדערונג)

אמת, טויבען געווען!
זילבער-ווייסע טויבען...

און די שטערנדלעך —
זענען זייערע אייגעלעך געווען...

לאה.

וואָס בעטייט?

יונתן

(נישט געהערט)

לייכטזעליג-זיסע טויבען,
טיקען זיך און באָדען זיך
אין די זילבערנע נעפּעלעך.
און דערזעהען מיך,
און גיבען זיך אַ לאָז צו מיר...
און שוועבען, און פליהען, פליהען,
נידריגער, נידריגער,
צו מיין קאָפּ צו!
און אַרום, אַרום מיין קאָפּ!
ריהרען זיך אָן אָן מיר,
פליהענדיג,
מיט די שנאָבעלעך, מיט די פליגעלעך,
אָן די קליידער,
גלעטען די באַקען מיר, ליעבליך אַזוי,
מיט די ווייסע פליגעלעך...
קושען אין די ליפּען מיך
מיט די שנעבלעך...
און רוימען מיר אין אויער אַריין,
אַזוי האַרציג בעטענדיג — — —

משה. מרים. לאה.

וואָס? וואָס?

י ו נ ת ן.

גלייב!" „גלייב!" גלייב!"

ל א ה.

(פערדעכטיג)

וועמען?

י ו נ ת ן.

אַלע גוטע, פרומע לייט,
אַלע אין דער גאָלדענער קייט...

ל א ה. מ ר י ם.

וואָס פאַר אַ קייט?

י ו נ ת ן.

(דערויף נישט אכטענדיג)

און פלוצלינג — —

(די אויגען פינסטערן זיך, דאָס געזיכט — ברוינט זיך; עטעמט שווער.)

ל א ה.

צוריק זיידע!

י ו נ ת ן.

(בייז.ענטשלאָסען)

פלוצלינג—טריט!
טריט דערהער איך!

צוויי קומען אָן, צוויי!

(פערשטעלט זיך דאָס פנים מיט די הענד)

כ׳וויל נישט זאָגן, ווער.

לאה.

(געבּיטענד)

זאָג!

יונתן.

(בּעפריִיט אַ שטאָהלערן געזיבּט)

דו און — ער!

מרים.

ווער?

משה.

וואָס פאַר איין „ער״...

יונתן.

(צו לאה׳ן געווענדט)

ער — אַ מענש פון אַייז!
אויגען פון שטאָהל!
בּליקען פון שאַרפע מעסער!
און אַ מעסער אין דער האַנד...
און דיר ד״רלאַנגט ער עס!

(צוריק דאָס פנים פערשטעלט, טיעף-שמערצליך)

און זאָגט דיר: שנייד!
און דו, שלעכטע שוועסטער, פאָלגסט,

פּאָכסט אַרום מיט׳ן מעסער!
איבערן קאָפּ פּאָכסטו מיט׳ן מעסער,
אַרויף נישט קוקענדיג;
וואַרפסט נאָר מיט די הענד אַרום...
און דאָס מעסער לויפט אַרום און בליצט...

(האַפּט זיך אָן מיט די הענד בײַם קאָפּ)

און די טויבען,
וואָס פליהען אויפ׳ן מעסער אָן,
פאַלען!
געקוילעטע,
געשאָכטענע פאַלען זיי...
אויפ׳ן ווייסען מערמעלשטיין
פאַלען זיי און בלוטיגען,
און צאַפּלען גוס׳ענדיג,
און פערגעהען אינ׳ם בלוט,
און פערגעהענדיג אין בלוט,
צו מיר קוקען זיי, רומען זיי:
„גלייב, גלייב, גלייב!"
און די אייגעלעך שליסען זיך —

בערגמאַן.

(עטוואָס פריהער פון לינקס אַרייַנגעקומען)

דעקלאַמירסט, יונתן!

יונתן.

(אויסער זיך אין שרעק)

זיידע!
זיידע! קום אַריין...

(פויזע — פנחס בעוויזט זיך אין טיר פון בית-המדרש

(קעהרט זיך נאָך אום צו די פרעמדע יודען, וואָס געהען איהם נאָך)

אומזיסט!
מיט שרעק זייט איהר געקומען,
מיט שרעק וועט איהר געהען...
מיט שרעק איז געפלאַסטערט אַייער וועג...

(מאַכט עטליכע שריט אין צימער אַריין, עטליכע פרעמדע קומען נאָך, אנדערע בלייבען אין טיר)

**אַ פרעמדער חסיד.**

איהר מאַכט חרוב אַ וועלט!

**פנחס.**

(וואָס האָט נאָך קיינעם קיין צייט נישט געהאַט צו בע-מערקען, קעהרט זיך ווידער אום צו זיי)

כולו זכאי מוז זיין!
„איך לייטער די וועלט, ווי זילבער
מיט'ן פייער" — זאָגט גאָט!
ווינטען שיקט ער אַרויס,
וואָס טרייסלען אָב פון איהר
די זינד!
„שירת דודי לכרמו" —
זיין ווייגאָרטען, פון זיין האַנד געפלאַנצט,
זענען מיר —
און דער שטורם זינגט:
דערנער אויסגעריסען,
און פערטילגט דאָס ווילדע גראָז!

**אַ פרעמדער.**

אָבער, רבי — —

דאָס האַלט נישט אויס דער עולם;
דער צבור האַלט עס נישט אויס:

פּנחס.

(סאַרקאַזם)

עולם... צבור!
ווער דאַרף איין עולם!
ווער דאַרף דעם צבור!
און ווען אַ ריינער מנין בלייבט,
און ווען נאָר איינער!
אַ געטרייער וואַסער־טרעגער!
מיט'ן שטריק אַרום די לענדען,
און מיט אַלע זיינע גרייזען זאָל ער
תהלים שרייען!
וועט שוין זיין אַ פרייד אין הימעל,
אין גיהנם—אַ מהומה...
ווען אַ דאַך־בעשלעגער בלייבט!
צום הימעל שליידערן
מיט כח „שמע ישראל!" —
זאָל איין יוד!
און ווען אַ קרעציגער!
מיט דער נשמה פאַכט ער,
און מיט'ן לעצטען אָטעם רופט ער
גאָטס נאָמען;
בעגייט און אויסגעלייזט
ווערט די וועלט
און דאָס גיהנם — פאַלט...
איין גאָט
און איין יוד זאָל זיין,
נאָר מיט מסירת נפש,

מיט קדוש השם ...
און איהר עולם — געהט!

(ווענדט זיך אָב מיט אָבשיי, דערזעהט בערגמאַנען, ווערט צוטומעלט, צושראָקען, האַפּט זיך אָן ביים שטול)

דו ... דו ביסט דאָ ...

בערגמאַן.

(קאַלט)

ד״ר בערגמאַן, צו דיענסטען!

פנחס.

ביין ...

(זעצט זיך אָהנמעכטיג)

דו ביסט אונטערגעשיקט
פון אונטען ...
אונטערגעשיקט פון יענע לייט ...
פון די שוואַרצע — — —

לאה.

ביין!
אַ ווייסער איז ער!
עס איז מיין חתן, זיידע!

(פנחס קוקט אויף איהר אָבוועזענד)

יונתן.

(פאַלט צו איהם צו)

שטראָף זי נישט, זיידע!

מיט׳ן בליק נישט פערבערן!
אַ כשוף-מאַכער איז ער;
זי אין גען אַריינגעצויגען...

פּנחס.

(ארויסטערפּאָלענדיג מיט׳ן קאָפּ אויף דעם אָנלעהן, געבראָכען)

כּרמי שלי לא נטרתי...
גערייניגט אַ וועלט
און אָן מיין הויז פערגעסען...
גאָט, גאָט אין הימעל!
איך האָב דיינע מלחמות געפיהרט
אויף דער ברייטער וועלט!
דיין גאָרטען אויסגעשטייניגט,
דערנער אויסגעריסען...
און ס״ם... און דער ווער-וואָלף
האָט זיך צו מיר,
שטיל, אונטער מיינע אַקסעל
אריינגעשליכען;
און דאָס קלאָרסטע,
און דאָס ריינסטע,
דאָס וויסטע שעפעלע פערצוקט...
ווערסט דו שווייגען, גאָט?
דיינע וואונדער נישט בעווייזען?
מיר נישט העלפען אין דער נויט?

(לאַנגע פּויזע. עס דערהערען זיך שלייפענדיגע טריט, — עס קומען פון בית-המדרש למך און בייניש, — די פרעמדע מאַכען זיי אַ וואַרע און לאָזען דורך מיט גרויס דרך-ארץ, זיי געהען צום רבין צו. אין דערזעלבער צייט מעהרט זיך, לויט׳ן גערודער, וואָס קומט פון דאָרט, דער עולם אין בית-המדרש, עס ווייזען זיך אויך מענשען, און

(וייער צאָהל פערגרעסערט זיך אין הויף. פון טיר לינקס קומען אָן עטוואָס שפּעטער דבורה און נאָך איהר ישראל)

למך.

(צו פּנחס'ן צוגעקומען)

רבי...

(קייכט)

ביינ יש.

רבי... אַ בשורה...

(פערקייכט זיך)

למך.

נישט קיין גוטע...

דבורה.

(אריינגעקומען)

די שטאָדט ברענט!

ישראל.

(באַלד נאָך דבורה'ן)

דער דאָקטאָר ברענט!

משה.

(צוזאַמענגעפאַלען)

נאָך אַ שטראָף!

יונתן.

(טראָציג)

אַ נס!

דבורה.

אַ מופת נאָך אַ מופת!

(די ישישים קוקען זיך איבער, עולם — אונרוהיג)

פנחס

איך דאַנק דיר, גאָט אין הימעל!
אָנגענומען זיך מיין קריוודע!

בערגמאַן.

(שניידענדיג)

איך בין אַסעקורירט, רבי.

לאה.

(צו ישראל)

און דו, ווייז די הענד!
מוזט האָבען שוואַרצע הענד, ישראל!
ווייז די הענד!

(ישראל רוקט זיך אָב, צושראָקען. אין פענסטער בעוויזט זיך איין אָבגלאַנץ פון בראַנד, אין גאָרטען אַריין לויפט אַן אַ גרויסער עולם, איילען צום פענסטער, רייסען עס אויף, — מען שפאַרט פון בית-מדרש צו דער טיר)

שטימען.

— רבי, עס ברענט!

— עס געהט די שטאָדט מיט׳ן רויך!
— דער ווינט שליידערט די פלאַמען
פון דאַך צו דאַך!
— העלפט, רבי, העלפט!

בערגמאַן.

דאָס קען ער נישט!

ישראל.

(צופאַלענדיג, נאָך איהם אַנדערע)

אפּקורס, עוכר ישראל!

(צום עולם)

אַליין אונטערגעצונדען!
ר׳איז אַסעקורירט!

עולם.

אַה:

(פאַלט צו צו בערגמאַנען)

לאה.

(צום עולם)

האַלט!

(זיי שטעלען זיך אָב)

דורכגעלאָזט!

(עס געשיהט; זי געהט צו, נעמט אָן בערגמאַנען ביי דער האַנד)

קום, חתן מיינער!
קום, דו מענש פון ליכט,
פון דער פינסטערניש אַוועק,
פון דער שלאַנגען-נעסט...
אַדיעי, מאַמע,
טאַטע, זיי געזונד...
געדענק אָן אונז, יונתן...
מיר געהען פון דאַנען!...

(אז דער עולם וויל זיי צוריק ארומשליסן)

אַוועק!
אַ וואַרע געמאַכט!
לאָזט דורך, רוחות פינסטערע,
מענשען ריינע, קלאָרע,
וואָס געהען צום ליכט!

עס נעשיהט. לאה, בערגמאַן — אָב. פנחס — פאַלט
פון שטוהל אראָב).

# דריטער אַקט

דאָס זעלבע צימער, אויף אַ קליין בית־המדרש'ל איבער־געמאַכט. אין אָרון־קודש, איבער איין אָפען שענקעל מיט טליתים און שופרות, אונטער אַ מעשענעם הענגעל־לייכטער — איין איינפאַכער טיש מיט צעוואָרפען שרייב־געצייג און „קוויטלעך". דערביי — אַ פּאָטער־שטוהל. אָן די זייטען אָבגעלאָזטע מעבעל־שטיק פון ערשטען אַקט. אַ טריבער נאָכמיטאָג, וואָס לייטערט זיך. —

(מרים זיצט איינע אַליין אין צימער, מיט אַ סדור אין האַנד, גאָר זי דאַווענט נישט; פון בית-המדרש דורך דער פערמאַכטער טיר הערט זיך געררויש פון אַ גרויסען עולם; זי מערקט נישט דערויף, זיצט, אין זיך פערטיעפט, מיט אַ פערגליווערטען טרויער אויפ'ן פנים. פון הויף-גערטעל קומען אַרויף חסידים מיט טליתים און תפילין-זעק, בעמערקען מרים'ען און געהען שטיל איבער צום בית המדרש. צווישען אַנדערע — דער יונגער רייכער און היימישער, און אָרימער חסיד, וואָס געהען איהם נאָך.)

## דער יונגערער רייכער חסיד,

(שטעלט זיך אָב אין פאַרבייגעהן)

רביצין —

(אַז מרים ציטערט אויף)

גוט מאָרגען אײַך, רביצין.
כ'קען אײַך אָבגעבען פון אײַער איידעם אַ גרוס...

(מרים לייכט אויף)

איך בין אין גובערניע געווען...

מרים.

(זיך אויפשטעלענדיג)

ביי מיין טאָכטער...

דער יונגער רייכער חסיד.

ביי׳ן אייער איידעם...
ער האָט מיר מיינס אַ ברודער בעפרייט...
געננוג געקאָסט...
רייך ווערט ער...

מרים.

און מיין טאָכטער?

דער יונגער רייכער חסיד.

האָב איך נישט געזעהן...
נישט אינגאַנצען...

(דערמאַנט זיך עפּיס, האַקט אָב צומיטצט)

האָט נישט קיין פּאַראיבעל, רביצין...

(אָב ; היימישער און אָרימער חסיד ווילען נאָכגעהן)

מרים.

וואַרט...
איהר קענט דעם יוד...
פרעגט איהם אויס — —
אויף מיין טאָכטער פרעגט — —

(היימישער חסיד ראַש אָב ; צום אָרימען, וואָס וויגערט זיך)

האָסט דאָך זי ליעבּט געהאַט ...
ז'אי' דיר קיין שלעכטע נישט געווען ...
זי האָט אַ קינד געהאַט ...
פרעג חאָטש אויפ'ן קינד ...

אָרימער חסיד.

כ'האָב מורא, רביצין ...
ישראל לאָזט קיין אויג אַראָב ...
כ'וועל פּרובּען, רביצין — —

(אָב)

דבורה,

(פון עזרת-נשים-טיר, בעדרויערנדיג)

איי, מרימ'ל, מרימ'ל ...
דיין מאַן געהט האַלטען אַ דרשה,
די ערשטע פאַר'ן עולם ...
און דו זיצסט און טרויערסט ...

מרים.

כ'האָב וואָס צו טרויערן, שוויגער ...
האָט מיר אַיין איינציגע טאָכטער
חתונה געהאַט, —
צו דער חופּה נישט געפיהרט!
האָט מיר איינמאָל אַ בשורה געשריבּען:
אַ קינד געהאַט —
כ'וועל מיין אייניקעל נישט זעהען!

דבורה.

(מיטלייִדיג, דאָך שטרענג)

פערגעס!

מרים.

אַ ברודער פערגעסט ...
אפשר אַ טאַטע אויך ...
און אפשר נישט ...
קרעכצט גאַנצע נעכט,
ווײנט גאַנץ אָפט פון שלאָף ...
אַ מאַמע — קען נישט פערגעסען ...

דבורה.

קום די דרשה הערען ...
ער דרשנ׳ט שוין אַ ווײלע ...

ישראל.

(פאַלט אַרײן פון בית-המדרש)

אַ ישועה, רביצינס,
אַ ישועה!

דבורה.

וואָס אַזוינס?

ישראל.

הערט!
און איהר אויך, יונגע רביצין ...
הערט זײן שטים!
דעם רבינס שטים!
אויפ׳ן בעלעמער, פאַר׳ן עולם,
אויסגעגלײכט, געהייבט
שטעהט ער און רעדט!
די אויגען זײנע לײכטען מיט הילף ...

און פון די לעפצען פליהען ווערטער אַרויס;
אמונה, בטחון, ליעבשאַפט צום ליעבען-נאָמען
און מסירת נפש... ווי די טויבען
פליהען זיי...

מרים.

יונתנ׳ס ווערטער...

דבורה.

אַ הויז מיט נסים; ווייטער אַ נס!

ישראל.

דער קבוץ!
רביצין, דער כח פון קבוץ איז עס!
צוזאַמענגערופען האָב איך איהם
פון אַלע עקען וועלט...
בריעף דורך רייטער געשיקט...
און געקומען —
יודעלעך, חסידימלעך...

מרים.

(שטומפיגער עקעל)

דער עולם...

ישראל.

(מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ)

דעם עולם!

(צו דבורה׳ן געווענדעט)

און יעדער איינציגער פון עולם

איז — אַ יוד!
און איטליכער יוד האָט —
אַ פינטעלע,
אַ פינקעלע אין האַרץ!
און קליין איז דער פונק,
און פול מיט אַש איז דאָס האַרץ,
טליעט עס קוים...
געהט מען אין חשך אַרום...
קומט מען זיך אָבער צוזאַמען,
בעהעפט מען זיך,
נעמען זיך צונויף די פינטעלעך,
פלאַקערן אויף די פינקעלעך
און שמעלצען זיך צוזאַמען
אויף אַ זון,
אויף אַ גרויסע זון, —
אויף דער קרוין צום צדיק'ס קאָפּ!

(מיט נצחון)

ניין!
נישט איבערגעריסען
די גאָלדענע קייט!

דבורה.

וואָס פאַר אַ קייט?

מרים.

געהערט שוין אַמאָל...

ישראל.

די קייט,

פון בעל שם אָן, די גאָלדענע...

יונתן.

(פון בית-המדרש מיט פרייד)

מאַמע, באָבע!
אין עזרת נשים געהט!
הערט מיין טאַטענס שטים,
זיין ליכטיג פּנים זעהט...
זעהט, ווי די שכינה בליהט
איבער איהם, איבער זיין קאָפּ...

דבורה.

קום, מרימ'ל...

יונתן.

מאַמע!

דבורה.

קום, טאָכטער...

(ציהט זי)

מרים.

(זיך לאָזענדיג ציהן)

דיר צוליעב, קינד!

(דבורה און מרים—אָב. אין דרויסען לייטערט זיך, עס בעפרייט זיך א זון)

יונתן.

(צו ישראל'ן)

זעה!

אַ זון, אַ גאָלדענע זון!
זומער-לעב מיט אַמאָל!
זומער-לעב פאַר אונז!

(צוגעלאָפען צום פענסטער)

אָבגעטון דער וואָלקען זיך
פון אונזער הויז...
אונזער גערטעל בליהט,
אונזערע הערצער — אויך!
הערסט, עס ריזעלט!
טייכער ריזלען,
שטראָמען יאָגען
פון די בערגעלעך אַרום —
אונזער הילף!

(אין בית-המדרש ווערט פלוצלינג שטיל)

וואָס איז דאָס, ישראל?

(אַ גערויש און ווייטער שטיל)

(ישראל און יונתן אײלען צו דער טיר, עפענען זי; עס קומט אַריין משה, פון ערשטען און צווייטען גבאי געפיהרט, אונטער זיי—דער היימישער און אָרימער חסיד; משה איז דערשלאָגען, אײנגעשרומפען.)

יונתן.

טאַטישי...

(נעמט איהם איבער פון די גבאים)

ישראל.

(צו די גבאים, היימישען און אָרימען חסיד)

לאָזט דעם עולם נישט אַריין —

די טיר פערשפאַרט —

(דער עולם ווערט צוריקגעשטופּט, די טיר — פערמאַכט און מיט די ריקען פערשפּאַרט; עס בעווייזען זיך דבורה און מרים, בלייבען שטעהען צושראָקענע אין טיר)

דער עולם.

(אין טיר פון יענער זייט קלאַפּענדיג)

— לאָזט אַריין!
— רבי!
— האָט רחמנות, רבי!

ישראל.

מ׳קען נישט! מ׳טאָר ניש׳!
דער רבי וויל התבודדות...
חשבון הנפש מאַכט ער, דער רבי!

עולם.

(קלאַפּט ווידער)

— רבי!
— מיר האָבען אַזוי פיעל צו בעטען,
— קוויטלעך צוגעגרייט!...
— מיר האָבען אַזוי פיעל בקשות...

ישראל.

שפּעטער!

(צו די גבאים)

געהט דורכ׳ן הויף...
נאַרט מיט עפּיס דער עולם אַרויס,

אַניט — צוטרייבט,
מיט שטעקענס צוטרייבט...

(גבאים און היימישער חסיד—אָב)

### דער אָרימער חסיד.

(ווכט און געפינט אונטער אַ באַנק זיינס אַ פעקעל)

נישטאָ דאָ וואָס צו טון מעהר...
זייט געזונד...

(אָב, מיט'ן פעקעל אויף די אַקסלען)

### משה.

(עטוואָס צו זיך געקומען)

בקשות האָבען זיי..
קוויטלעך...
איך ווייס...

(נעמט קוויטלעך פון טיש, לייענט איינס נאָך אַנדערען, וואַרפט אַוועק)

„בנים"...
„בנים זכרים"...
„בעפרייען פון די זעלנער"...

(ביטער)

דאָס קען מיין איידעם...

(נישטערט ווייטער)

„פרנסה"...
„ווידער פרנסה"...
אַיין עושר אַ שענקער וויל „שפע",

„שניי" — אַ סוחר פון וועלדער,
„רעגען" אַ דאַציגער...

(ציהט זיך אוים פאַר די אויגען די שוואַכע מאָגערע האַנד)

געגומען אַ יוד אַ שוואַכען,
אין זיינע שוואַכע, ציטריגע
הענד אַריין שליסעל געלעגט
פון בנים, פרנסה, שפע,
פון רעגען און שניי —
איך קען נישט,
כ'קען זיי נישט דערטראָגען...
גענומען אַ יוד אַ קראַנקען,
וואָס עטעמט קוים:
„פיהר אַ וועלט!" —

מרים.

(געריהרט, צוטרעטענדיג)

וואָס איז דיר, משה?

דבורה

(אונטער איהר)

וואָס איז דיר פּלוצלינג געשעהן?

ישראל.

מעשה שטן.
אַזאַ שענער אָנהייב געווען...

יונתן.

טאַטע, אַזאַ שענער אָנהייב געווען!

## משה ,

אַיין אָנהייב ...
געווען אַיין אָנהייב ...
געמיינט, עס קומט צוריק
דאָס אַמאָליגע ,
דאָס שטראַהלענדיג-זיסע ...
דער עולם אַרום אין טליתים,
ווי נל כים ווייסע ,
אויגען — שטראַהלענדיגע,
בינטען שטראַהלען פון אמונה ,
פון בטחון, פון גלויבען אָן מיר,
מיט מסירת נפש צו מיר ,
צו בעל-שמ׳ס אַיין אייניקעל ...
זאַפּט דאָס האַרץ די שטראַהלען אַיין און וואַקסט,
און בליהען הייבט עס אָן, דאָס האַרץ,
און עס יאָכצט דאָס האַרץ: איך בין!
אַיין אָדלער בין איך ,
ברייטע , ווייסע, שטאַרקע פליגעל האָב איך ...
און דאָס אַרום זענען מיינע „יונגע".
און איך פיהר זיי אינ׳ם בלאָהעם רחבות,
אַרויף, אַרויף , אַלץ העכער און העכער!
צושפּרייט די פליגעל איבער מיינע אָדלערלעך!
און קוק מיך וואָס אַמאָל אום אויף זיי,
צי פאַלט נישט ווער? זוימט נישט ווער?
און שטאַרק די שוואַכע מיט׳ן בליק,
הייב די געפאַלענע מיט׳ן רוף!
און מיר פליהען... ווייט ווייט און הויך,
איבער דער ערד, איבער דער וועלט ,
און איך רוף, און מיין קול קלינגט איבער ימים!
איבער באַרג און טאָל, פעלד און וואַלד ,

דערפער און שטעט ... קלינגט דאָס קול,
דאָס קול פון מנהיג הדור, פון אמת'ן גבור....

(הייבט זיך)

און שטאַרק איז דאָס קול, — וואָלקען פּלאַצן,
הימלען שפּאַלטען זיך פאַר איהם...
ס'גן-עדן עפענט טיר און טויער!

(פאַלט צוריק מיד; הייבט זיך נאָך אַ מאָל אויף)

און ס'קומען אונז אבות אַקעגען,
און צדיקים!
אָנגערוקט — דער טאַטע פּנחס!
שמייכעלט דאָך אונטער בּרעמען און וואָנסען...
„נישט מיין שטה... נישט מיין דרך...
„נישט דאָ אַרום געדאַרפט צו קומען...
„און נישט אַזוי...
„אָבער גוט...
„אַז געקומען!" —
דער זיידע שלמה קומט אַרויס!

(זעהר הארציג ווייך)

„דוקא אַזוי!" „גראָד אַזוי!"
אַלע פליהען נאָך,
העכער און העכֿער געהט דער וועג...
צום לבנת הספיר.
צום מערמעל-שטיין —
און פלוצלינג — —

ישראל.

וואָס פלוצלינג?...

משה.

„שווינדלער״ האָט אַ רוף געטון!

ישראל.

ווער?

משה.

איך ווייס?
אפשר לאה פון ערגיץ...
אפשר דער דאָקטאָר — איהר מאַן...
אפשר אין בית-המדרש ווער...
אפשר אַ בת-קול גאָר...
צי ביי מיר איז האַרץ?

עולם.

(פון אונטער דער בית-המדרש-טיר)

רבי —
גבאים טרייבען מיט געוואַלט,
האָט רחמנות, לאָזט אַריין...
מיר שרעקען זיך אַזוי!

משה.

(בעט זיך ביי ישראל׳ן, ביי אַלע אַרום)

לאָז אַריין...
לאָזט אַריין דעם עולם צו מיר...
לאָזט מיך פאַר׳ן עולם
כורעים פאַלען,
מודה זיין,
מתודה זיין...

אַ יוד מוז דאָך עהרליך זיין!

**דבורה.**

(וואָס איז ביים פענסטער געשטאַנען)

עמיץ געהט...
לאה, דאַכט זיך, געהט...
אַ פערבלענדניש, צי וואָס...

**מרים.**

(צוגעלאָפען צו דער טיר, ווילענדיג און נישט קענענדיג
מיט די פערציטערטע הענד זי עפענען.)

עס איז לאה... עס איז לאה...

(שרעק)

נאָר אַליין, אָהן דעם קינד...
און זי וואַקעלט זיך,
און ווי בלאַס זי איז..
יונתן, דיין שוועסטער געהט, —
עפען איהר!

(יונתן קעהרט זיך אָב)

**משה.**

שטראָפען קומט זי, שטראָפען...

**לאה.**

(אַרויַנגעקומען, אָנהאַפענדיג די מוטער ביי די הענד, —
צום פאָטער)

ניין, נישט שטראָפען, טאַטע...

יונתן.

(ווענדט זיך אום, שטרענג)

פון וואַנען קומסטו, לאה?

לאה.

פון דאָרט, פון ווייט....

יונתן.

וואו אַהין, געהסטו, לאה?

לאה.

צו אײַך...

יונתן.

נאָך וואָס?

לאה.

נאָך הילף!

יונתן.

דו — צו אונז?

ישראל.

האָסט דאָך אויסגעפיהרט,
אַ גרויסען נצחון געהאַט!

יונתן.

געזיעגט, צו ליכט געגאַנגען!

ל א ה

ליכט איז—קאַלט...

(ציטערט)

אזוי קאַלט...

מ ש ה.

דיר פעהלט עפּיס, לאה?

ל א ה

וואָס האָב איך, טאַטע?!

י ש ר א ל

(לאה'ן בעטראַכטענדיג)

איין אָבצעהרונג...

ל א ה.

(בעשטעטיגט)

איין אָבצעהרונג...

(פּויזע)

און דאָרט,
דאָרט אין וויעג געלאָזט אַ קינד...
דיין איינציגער שוועסטערס קינד, יונתן!
דיין אייניקעל, טאַטע!
מאַמע, דיין אייניקעל ליגט דאָרט בלינד...

אַ ל ע.

בלינד?

ל א ה.

אויגען האָט עס, גרויסע!
מיינע, דער מאַמעס,
דעם עלטערזיידענס אויגען...
פלעגט אויך אַמאָל אַזוינע האָבען
יונתן...
און אפשר האָסט דו נאָך אַמאָל אַזוינע...

י ו נ ת ן.

(האַרט)

ניין!

ל א ה.

מיין קינד האָט!
און עס קוקט מיט די גרויסע,
מיט גרויסע טויבען-אויגען,
אָבער זעהען זעהט עס נישט!

מ ר י ם.

טאָכטער!

ד ב ו ר ה.

וואָס אַזוינס?

מ ש ה.

פאַרוואָס?

ל א ה.

ווייל דאָס,

וואָס קוקט ביים מענש דורכ׳ן אויג אַרויס,
דרימעלט נאָך דאָרט....
די יונגע נשמה שלאָפט,
נאָך נישט אויפגעוועקט...

(צעוויינט)

און וועקט זיך דאָס נשמה׳לע אויף אַמאָל,
מיך,
די מאַמען זעהען וועט עס נישט!
העלפט מיר!

ישראל.

און דער דאָקטאָר, דיין מאַן?

לאה.

איך האָב איהם נישט...
מיט מיין לייב, וואָס איז פון מיר אַראָב
צוזאַמען,
האָב איך זיין ליעבשאַפט פערלוירען...
און ד׳אַפטייק האָט פאַר מיר קיין תרופה נישט;
ער זאָגט אַזוי!
אַלץ איינס!
איהר העלפט...
לאָזט מיך ביי מיין קינד!
העלפט!

יונתן.

צו מענשען פון פינסטערניש
קומסט דו, מענש פון ליכט,
נאָך הילף...

לאה.

כ׳בין שוין נישט שטאָלץ!
דער טויט
האָט אויף מיינע אַקסעל
זיין האַנד געלעגט;
דריקט מיך אַראָב, אַראָב
צו אַייערע פיס —

(פאַלט אין דער מוטערס אָרעם אריין)

יונתן.

קלאָר געוואָלט, ליכט בעגעהרט!

לאה

שווייג!
רחמנות האָב און שווייג!
קלאָר איז שניי —
און שניי איז קאַלט, שניי איז טויט!
עס יאָגט דורך די ביינער אַ פראָסט!
קלאָר — איז טויט!
דער אין תכריכים ווייסע
אַיינגעהילטער סוד!
וואָס קלאָר איז קאַלט
און ווי אַייזען האַרט,
ווי שטאָל...
אויב עס בליצט,
איז עס, יונתן, אַ מעסער,
וואָס קוילעט דיינע טויבען!
אויב קלאָר,

(פערצווייפלונג)

אויב קלאָר, בין איך פערפאַלן!
דער לעצטער טראָפּען בוימעל
ברענט זיך אויס — אין לאָמפּ!
אַזוי זאָגט ער!...

משה

אָ, „געזעץ" האָט ער געזאָגט —

יונתן.

און — נאַטור ...

לאה.

אָהן רחמנות פאַלש!
געזעץ איז אַ קייט!
נאַטור — אַ שטריק אויפ'ן האַלז ...
ווערגט, שטיקט, לאָזט נישט עטעמען דער שטריק!

(העפטיג)

עס קען נישט זיין קיין הפקר-וועלט —
איז דאָ אַ וועלט, מוז זיין ווער,
וואָס פיהרט די וועלט;
מוז זיין אַיין אויג, וואָס קוקט אויף אונז!
אין אונז, אין אונז שלאָגט אַ האַרץ,
די וועלט מוז האָבען אויך אַ האַרץ!
אַ באַרמהערציג האַרץ ...

(געבעט)

בעט פאַר מיר —
בעט פאַר מיר ביים האַרץ,
ביים באַרמהערציגען האַרץ בעט! —

משה. יונתן.

מיר? — מיר?

לאה.

איהר!
איהר, די גרויסע, די הייליגע — איהר!

משה.

לאה, איך בין אַ וואורם!

לאה.

און דו, יונתן?! אָרימער טאַטע!
יונג ביסטו און שטאַרק...

יונתן.

וואו זענען מיינע טויבען, לאה?

לאה.

(טויבענאַרטיג.)

גלויב... גלויב... גלויב!...

יונתן.

(האַרט.)

זיי זענען טויט!

משה.

(פּלוצלינג, אויפשטעהענדיג, צו ישראל'ן, רבי'ש-שטאָלץ-
פערביטערט)

עפען!

י ש ר א ל.

(דערשראָקען).

כ'עפען! כ'עפען!

מ ש ה.

לאָזט אַריין!
דעם עולם לאָזט אַריין —
דעם גאַנצען עולם לאָזט אַריין!

י ש ר א ל.

(עפענט מיט פערציטערטע הענד, זעהר וועהמיטיג)

צוגאַנגען זיך...
אַ מנין קוים — —

מ ש ה.

רוף אַריין!

י ש ר א ל.

כ'פאָלג, רבי, כ'פאָלג!

(ווינקט אריין דעם עולם; זיך צוריק צום צימער ווענדעניג.)

די אויגען זיינע! די אויגען!

(עס קומען אריין אַ צעהנדליג איבערגעשראָקענע יודען; דאָס מעהרסט בטלנים. צווישען זיי ישיש 3 פון צוויי חסידים געפיהרט)

מ ש ה.

ליכט!

אָנגעצונדען זאָל ווערען ליכט!

(ישראל און די יורען טוען עס)

מ ש ה.

מיין טלית!

(ישראל לויפט נאָכ'ן טלית צום ספרים-שענקעל)

מ ר י ם.

וואָס ווילסטו, משה?

מ ש ה

פרובען!

י ו נ ת ן.

פרוב, טאַטע, פרוב...
זעה, ווי בלאַס זי איז...

מ ש ה.

פאַלען, —
ווי דתן ואבירם פאַלען
ווי קורח!
נישט צוטרעטען ווערען, ווי אַ וואורם!

(הילט זיך פיבערהאַפט איין אין דערלאַנגטען טלית;
ישראל טרעט אָב פאַר שרעק, ווערענד משה גערט צום ארון)

ל א ה.

(רופט נאָך מיט שרעקיגער הרטה)

טאַטע —

(אז ער הערט נישט)

מאַמע ...
עס פאַלט אַ פחד אָן אויף מיר –
יונתן ...

(האַפּט איהם אָן ביי דער האַנד; יונתן רייסט זיך אויס קעהרט זיך אום)

(משה, קושענדיג היציג דאָס פּרוכת, עפענט דאָס ארון-קודש, שטעקט אריין דעם קאָפּ, זאָגט עפּעס, ווייגענדיג שטיל.)

ל א ה.

(צו יונתן.)

זעה —
זעה, ווי זיינע אַקסלען צוקען —
ווי עס ציטערן די הענד !

מ ש ה.

.... מתפלל ...
מתפלל בין איך פאַר איהר —
פאַר מיין טאָכטער, פאַר מרים׳ס טאָכטער, לאה !
און ווייל איך בין אַזוי שוואַך,
און ווייל איך בין אַזוי, אַזוי געפאַלען
און ווייל איך בין די שוואַכסטע רינג
אין דער קייט, אין דער גאָלדענער —
בעט איך פון אבות הילף —
מיהט אייך !

(פּויזע, טאָן-ענדערונג)

טאַטע !
איך, דיין שוואַכער זוהן, משה –

בעט ביי דיר פאַר איהר,
פאַר דיין איי‏ּניקעל! —
מקנא קנאת השם צבאות
ביסטו דאָ געווען!
וואו אַ שלעכטער וואורצעל — אויסגעריסען!
איין אומריין שעפעלע — פערטריבען —
ווי זילבער האָסט'ו געלייטערט אונז
מיט פייער —
דיין אייגענעם טאַטען און אַלע,
אַלע אַרום אַוועקגעגעבען פאַר גאָט!
צונד!
צונד ביסטו געקומען אויף דיין לוין!
גרויס —
ביים כסא הכבוד
אין דער רעכטער האַנד
איז דיין פלאַץ!
העלף!
און טאָמער ביסט דו בייז אויף איהר—
ווידערשפעניגטיג איז זי קעגען דיר געווען —
געדענק:
לא תקום שטעהט,
לא תטור שטעהט,
אויפ'ן עולם-האמת ביסט דו דאָך —

ונתן.

אַזוי, אַזוי טאַטע, אַזוי...

לאה

(פערצוקט).

נישט אַזוי!

ניט אַזוי, טאַטע ...
זאָג: חרטה האָט מיין האַרץ!
זאָג, אַז איך גלויב אין איהם,
אַז איך ליג ביי זיינע פיס,
אַז איך וואַש מיט טרעהרען זיי —
אַז איך וואַרף מיך פאַר איהם אין שטויב —

משה.

הערסט, טאַטע?

(פויזע.)

און דו, זיידע!
דו גרויסער יוד, שטאָלצער יוד — —
זיי אויף מיר נישט בייז,
וואָס איך קום אַזוי צו דיר,
וואָס איך שטעל צונד אויס די האַנד צו דיר
און בעטעל דיין גנאָד!
נישט שבת׳דיג און נישט יום-טוב׳דיג
איז דיין אייניקעל —
געפאַלענע זענען מיר!
אויף בעטעל-ברויט געקומען זענען מיר ...

מרים.

נישט אַזוי, משה, נישט אַזוי ...
דאָס וועט ער דיר נישט מוחל זיין —

לאה.

ניין, נישט אַזוי, טאַטע,
זאָג, איך האָב איהם ליעב געהאַט ...
זאָג, אַז איך געדענק איהם נאָך —
אַז די שטראַהלען פון זיינע אויגען
בליהען נאָך אינעם האַרץ ביי מיר.

אַז אין מיין נשמה ציטערט נאָך
זיין ליעבער, ליעבער שמייכעל דאָרט! —

מ ש ה.

און דו,
דו עלטער-זיידע —

(שטיל.געבעט.)

און דו עלטער-עלטער-זיידע!
און — די קייט!
די גאַנצע גאָלדענע קייט —

(שטיל-געבעט; פערצווייפעלט)

זיי שווייגען!

ל א ה.

אַ וואָלקען געהט ....
איבער מיינע אויגען ציהט
אַ נעפּעל זיך —
פינסטער ווערט.
טאַטע!
איינמאָל, וויל איך, זאָל מיין קינד מיך זעהען!
זאָל מיין אָבגלאַנץ בלייבען דאָרט אין אויג!
איינמאָל, נישט מעהר!

(אָרימער חסיד נעהמט דעם זאַק פון אונטער דער באַנק אפּער)

מ ש ה.

און דו —
דו אַליין —
ווען איך רוף צו דיר —
גיב אַ צייכען מיר!

אַז דו ביסט!
אַז עס איז פאַרהאַנען אַיין אויג —

אָרימער חסיד.

שלעבּט!
(האַפּט דעם זאַק אויף די אַקסעל, לאָזט זיך צו דער
טיר.)

יונתן.

(לויפט גלייכצייטיג צו צום פאָטער, שטעלענדיג זיך צווי-
שען פאָטער און ארון-קודש)
מען טאָר נישט פּרובען גאָט!
(עולם עטעמט אָב פון שרעק, אויגען בליצען אויף).

משה.

(זיך אומקעהרענדיג, פערצווייפעל)
לאה, ער לאָזט נישט!

לאה.

(צוזאַמענפאַלענדיג פאַר שרעק)
דער זיידע פנחס,
דער זיידע פנחס...

שרעקיגע שטימען.

איבערגעריסען,
איבערגעריסען די קייט!

ישראל.

(פּלוצלינג ענטשטאָסען)
ניין!
יונתן איז רבי!

ל א ה.

(דערשראָקען)

יונתן?!

מ ר י ם.

(אָבוועהרענדיג)

קינד מיינס!

(יונתן וואַקעלט זיך)

י ש ר א ל.

דער עולם וויל, דער עולם הייסט!

מ ר י ם.

(אנגסט-אויסגעשריי)

דער עולם...

ע ו ל ם.

מיר ווילען, מיר הייסען!

ל א ה.

(מיט האָפנונג)

זיי! ווער!

י ו נ ת ן.

(מיט אַמאָל ענטשלאָסען.)

איך בין!

(פאָרהאַנג)

# אין פאליש אויף דער קייט.

(אַ חלום פון אַ קלויזניק).

דראמאטישע פאעמע, מיט וויסן פּערז,

אין דריי אקטן.

# פּערזאָנען:

---

**זינדיגער** — א קלויזניק.

**ברכיה** — א רייכער אויפגעקומענער בעל הבית, פון א יאהר 50—60, פּראַפינאַטאָר, שבת־שענקער, הייבען האלטער, ארענדאטאָר פון א מיהל און א פּיש־טייך, א תבואה־סוחר און דערגלייכען.

**זיין ווייב,**

**זוהן,**

**איידימעס און**

**שניערען.**

**זיין יונגסטע טאָכטער.**

**רב,**

**שמש,**

**מחותנים.**

**משוגענער.**

**אויסגעלאַסענע.**

**דריי גבאי'טעס.**

בחורים, יונגע לייט, בעלי־בתים, קצבים, קלעזמער, א בדחן, אָרימע לייט.

צווישן די לעצטע:

א שמייסער, א טרעגער, א האלץ־העקער, א לאָמער, א בלינדער, א וואסער־פירער, א בעטלער און דערגלייכען. און אזוי יודען און יודענעס.

**סצענע:**

אַ פּאָליש מיט אַ ברייט־געעפענטען טויער צום שול־הויף אין הינטערגרונד.

אין פּאָליש (פון פאָדער־ צום הינטערגרונד גערעכענט):

רעכטס — איין אייזערנע טהיר צו דער שוהל אַראָב. — אַ באַנק פאַר דער וואנד. — טרעפ אַרויף צו דער ווייבערישער שוהל.—

לינקס — אַ טהיר צו דער בית־דין־שטוב. — די קונא: אין דער וואַנד פון א נישט טיעפער נישע — אַ קייט, מיט אַ האַנד־רינג געענדיגט. — טרעפ צום בית־המדרש אַרויף.

צ י י ט:

אַ הערבסט טאָג.

די אַקטען שפּילען זיך:

דער ערשטער — נאָך שחרית.

דער צווייטער — נאָך מעריב.

דער דריטער — חצות־צייט.

# ערשטער אַקט

(פֿאָרהאַנג).

אין שוהל-הויף — איין איבערגעלעגטע, נישט אויפֿגעשפּאַנטע בויד. דער שמייסער פּאָרוט זיך ביי די פֿערד. פֿרעמדע יודען, אין וועגס-קליידער, איינער איין אַלטער — אין, אנדערע — ביי דער בויד, זענען אויפֿגערעגט, פֿערזאָרגט. היימישע, וואָס קומען אָן און געהען אָב רעכטס און לינקס פֿון שוהל-הויף, גיבען זיי שלום; בעדויערן, טרייסטען, פֿרעגען אוים, ווערען אויס-געפֿרעגט... דערביי ווערט אַלץ געקוקט צום פּאָליש. צווישען עולם, און אַמ-מעהרסט אויפֿגערעגט, דרעהען זיך אַרום קלעזמער מיט די כלים אין די הענד.

אין פּאָליש, אויף דער באַנק פֿאַר דער וואַנד, זיצט דער בלינדער. נעבען איהם, האַלב ליגענדיג — דער לאָמער. צו זיי קומען צו אָרימע לייט פֿון פּאָליש. אין עק באַנק, צו דער שוהל-טהיר צו, אָן וועלכער עס איז אָנגע-שפּאַרט אַ צוזאַמענגעשטעלטע חופּה, — זיצט אַ שמש מיט נישט אָנגעצונדענע הבדלות אין דער האַנד. דרימעלט, חאַפּט זיך אַלע ווײַלע אויף, קוקט זיך אום דערשראָקען, דרימעלט צוריק איין. אַלע וואַרטען עפּיס אָב פֿון בית-דין-שטוב.— פֿון דאָרט דאַרף אַרויס עפּיס ענטשיידענדעס — אַ זעהר וויכטיגע זאַך פֿאַר אַלע. פֿון בית-דין-שטוב הערט זיך אָפּט אַ גערודער פֿון פֿיעל מענשען; אַמאָל—איינציגע אויסגעשרייען: צער, צאָרן א. ד. ג. די טהיר איז, קענטיג, פֿון אינעררווייניג מיט מענשען פֿערשטעלט. פֿאַר דער בית-דין-שטיב שטעהען יונגע לייט, וואָס האָבען, שפּאַרענדיג אין טהיר, קיים אַ שפּאַרע געעפֿענט, דורך וועלכע זיי קוקען אַריין, הערען-אונטער, וואָס אינערווייניג טהוט זיך.

צווישען שוהל-הויף און פּאָליש — אַ בעשטענדיגער מענשען-טויש.

(אָרימע לייט קומען איינציג= און פּאָרען=ווייז פון שוהל=הויף אין פּאָליש אַריין, געהען צו דער באַנק צו. רעדען בעדרויערענד, פערדראָסען.)

**שמייסער**

(ברומט)

ביי ר׳ ברכיה׳ן טעי געהאַט...
ערב שבת — מרחץ־געלד,
און אַ העמד,
און פון לייב אַראָב — אַ מלבוש, —

(צאָרן)

דאָס׳ם דער האָבער געשטאָכען!
לאָזט ער קיין חופה נישט שטעלען,
זיין כלה, זאָגט ער!

**טרעגער.**

פון לייזינ־געהן קומט עס, פון הוריות,
פון קוועציען די באַנק אין קלויז, —
וואָלט ער אַ קאַסטען געטראָגען...

**האָלץ־העקער.**

האָלץ אַ פוהר׳ל צוהאַקט...

**בלינדער.**

(פערטראַכט).

אַ שענע מוז זי זיין...
ניט עפּיס־וואָס און זאָגט:
עסט׳ צו .מרינק נעזאַנ־ערה׳ים׳.
צו נעהט זיך עס...

וואַסער־פֿיהרער.

ד׳פֿלעגן זיי ביים טייכעל טרעפֿען.
ד׳פֿיל דאָס פֿעסיל, פֿאַיע ס׳פֿערדיל,
גיב מיט דער ביי טש אַ קנאַק, —
נישט זיי זעהען, נישט זיי הערען...

שמש.

(וועקט זיך, זיפֿצענדיג.)

פֿערזינדיגט זיך...

לאַמער.

פֿיס געהאַט, צו שלעבטס געלאָפֿען...

בלינדער

אויגען —
דעם יצר הרע׳ס מעקלער...

(דריי גבאימעס זענען ארויס געקומען פֿון דער ווייבערישער שוהל. די ערשטע, מיט אַ צדקה־פושקע אין האַנד, איז אַראָבגעגאַנגען און געשטעלט זיך אויפֿ׳ן לעצטען טרעפּ. די צווייטע, מיט אַ גראָבען סדור אינטערן אָרים, אין איהר נאָכגעהינקען, און שטעלט זיך ביי דער אָנלעהן רעכטס, אַ טרעפּעל צופֿריהער. די דריטע, וואָס האָט דערוויל פֿערמאַכט הינטער זיך די שוהל־טהיר, שטעלט זיך אַ טרעפּעל העכער, ביי דער אָנלעהן לינקס. אַלע דריי בויערן זיך מיט די אויגען אין טהיר פֿון בית־דין־שטוב).

ערשטע.

און די תורה הקדושה האָט נישט בעשיצט!

צווייטע.

און אַז אין צעדער פֿאַלט אַריין די פֿלאַם...

דריטע.

דעם לויתן ציהט די נעץ...

(בלייבען אַ ווייל ווי פֿערשטאַרט; געהען דערנאָך, איינציגווייז און טיעף־בע־דויערנד, אויפֿ׳ן שוהל־הויף אַרויס, און מישען זיך אויס מיט אַנדערע ווייבער).

בעטלער.

(קומט מיט אַ טאָרבע פֿון שהל הויף, געהט צו צו דער באַנק:)

הימעלט די אָרימע סעודה!

(וואַרפֿט די מאַרבע אונטער דער באַנק, זעצט זיך צווישען שמש און בלינדען.)
(קלעזמער מיט׳ן בדחן, וואָס זענען געקומען פֿון שוה:-הויף, געהען צום שמש צו.)

**אַ קלעזמער.**

(קלאָגט זיך)

אָנגעבאָרנט זיך אין קרעמיל...

**בדחן.**

וואָכען לאַנג דעם קאָפּ געדאַרט
אויף נוטריקון — ראשי תיבות,
גראַמען נייע און המצאות — —

**אַ צווייטער קלעזמער.**

האָב איך אויסגעקלערט אַ וואָלאַך
פֿון דער נאָדעל צום בעדעקענס,
פֿאַר ר׳ ברכיה׳ס מיזיניקיל!...
און אַ מאַרש, אַ שפּאָגעל-נייעס,
זאָל ער קנאַקען צו דער חופה...
נעהט אַ קלויזניק —

**שטימען ביי דער טהיר פֿון בית-דין-שטוב.**

(האַקען איבער).

— דער רב!
— דער רב רעדט!
— מ׳הערט נישט אַ וואָרט...

**שמש.**

(צופֿיהרט די חופה).

און אַ חופה, זעהט, אַ נייע —
ווייסער אַטלעס, אויסגעהאַפֿטען,
און מיט פֿליטערליך געשטיקט, —
פֿון די שנורען און די טעכטער...

(בעלי-בתים, אַוועגע, וואָס לערנען נאָכען דאַווענען, קומען מיט טלית-און תפלין-זאַק פֿון בית המדרש טרעפּ אַראָב).

ערשטער.

זיצט דער חתן אין אכסניא...

צווייטער.

(נאך א בליק צום שוהל־הויף).

און די בויד — נישט איינגעשפאנט...

דריטער.

אבער וואס א קלויזניק קען...

(שמעלען זיך אב אין מיט פאליש).

ערשטער.

(צו דער טהיר פון בית־דין שטוב צו).

וואס הערט זיך דארט?

א שטימע

(ענטפערט):

ס'רעדט נאך דער רב!

ערשטער.

זיין בעסטער תלמיד!

צווייטער.

סמיכה געגעבען...

דריטער.

פאר איין איידעם געוואלט...

צווייטער.

נאך אזא דרשה!

קאפ אויף קאפ געווען די שוהל...

דריטער.

פייער געשיט! —

ערשטער.

ווי א גלאק געקלונגען...

שמש.

ד'גנע'ה דערנאך אויף קבר אבות,

קום פאר־ביי זיין פאטערס קבר.

קלאַפּ איך נאָך אין ברעטיל אָן:
קלמן, זאָג איך, נישט דערלעבּט!
נישט בעשערט געווען דער נחת...

בדחן.

דרעהט זיך ציננד אין קבר איבער —
(געהען אַרויס צו דער בויד).

שמש.

מעשה שטן, מעשה שטן...

שטימען ביי דער טהיר:

— מחותן רעד!
— מיט דער ריש...
— קלאַפּט אין שלחן מיט דער פויסט —
„חצי נדן קנס". „הוצאות".

בחורים.

(מיט תפלין-זעקליך פון בית-המדרש אַראָב, סודען זיך):

— ר'האָט דעם שוואַרצען זיך פערקויפט...
— שוואַרץ אויף ווייס אַ כתב געמאַכט,
— און גע'החתמ'ט
— מיט'ן בלוט פון יונגסטען פינגער
— רוישען פּלעגט עס האַלבער נאַכט...
ג'זאָגט: אַזוינע ווינטען בלאָזען;
גאַנצע שאַרען פייגעל שוועבען! —
ס'האָבען רוחות זי געטראָגען
נאַכט אויף נאַכט צו'ן'איהם אין קלויז.
פון בעט אַרויס, אַ נאַקעטע!

שטימען ביי דער טהיר פון בית-דין-שטוב

— ברכיה רעדט...
— ס'צאַפּעלט איהם די ווייסע באָרד,
— ס'ציטערט די אויסגעשטרעקטע האַנד.
עפּ'ס זאָגט ער, עפּ'ס שווערט ער...

עס קומט אָן דזרכ'ן שוהל־הויף דער משוגע'נער, אָבגעריס'ען, מיט אַ טעפּיל אין האַנד).

**בעטלער.**

(שפּרינגט אויף).

האָסט בעקומען? —

**משוגענער.**

(קיהרט איבער דאָס לעערע טעפּיל, געהט ווייטער. צו אַ בחור, וואָס ער בעגעגענט אויפ'ן וועג).

די גאַס איז שוואַר'ץ...
די ברכיה'כע — חלש'ט...

(צו די בחורים, וואָס רינגלען איהם ארום).

די כלה ברעכט זיך די ווייסע הענד,
רייסט זיך אוים די האָהר, די שוואַרצע,
וויינט די בלויע אויגען אוים,
וואַשט דער מוטערס פיס מיט טרערען,
וויל אַהער — רייסט זיך אַהער —
מ'ווייסט נישט, נאָך וואָס —
שטימען ביי דער טהיר פון בית־דין־שטוב
— ער אליין!
— ר'אַט זיך אויפגעשטעלט און רעדט...
— אויפגעויאַקסען!
— ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד!
— שטרעקט די האַנד אוים ווי אַ שררה;
— הערט די שטימע פון אַ מלכות...

(פּויזע. די יונגע לייט שפּאַרען זיך שטאַרקער אין טהיר. זי גיט מעהר נאָך. עס ווערט אַ ברייטע שפּאַרע).

(פּויזע).

(פון בית־דין־שטוב הייבען אָן איינציגווייז אַרויסצוקומען יונגע לייט, פערוואונדערט, פערבליפט דערשאָקען.)

אַרויסגעקומענע.

— „זײַן געזאַנג"...

— „דער תּוך פֿון זײַן נשמה איז זי"...

— „זײַן שכי — נהי"

א שטימע אין פּאָליש.

וואָס לאָזט מען איהם רעדען?!

אַרויסגעקומענע.

(מיהר דערשראָקען).

— זײַן רוח הקודש, זאָגט ער.

— היילינג, זאָגט ער, איז די ליעבע...

— ליעבע זאָגט ער איז דער סָנה...

— ליעבע האָט די וועלט בעשאַפֿען!

א שטימע אין פּאָליש.

פֿערשטאָפּט'ס מויל!

אַרויסגעקומענער.

„גאָט איז די ליעבע" —

א צווייטע.

(לויפֿט צו דער שוהל-טהיר).

וואו דער שופר?

א דריטער.

מחרים זײַן, מנדה זײַן...

(רייסען די טהיר פֿון שוהל, זי גיט נישט נאָך).

א שטימע פֿון בית-דין-שטוב.

רײַסט די צונג איהם פֿון מויל אַרויס!

שטימען פֿאַר דער טהיר

— לויפֿען מיט די פֿויסטען צו.

— שטעלט זיי אָב מיט'ן בליק!

ווי א מלך זײַנע קנעכט!

— רעדט און שמײַסט, ווי מיט ריטע,

— זיבויגען זיך אונטער די ריייה,
ווי זאנגען, פון האנעל געשמיסען...
— ער געהט אַרוים...

(אונווילקירליכע ווארען עס קומט אַרויס דער זינדיגער, הינטער איהם — די אנדערע).

זינדיגער.

(ארויסקומענדיג).

אין מיר האט אויפגעפלאמט א רויז,
ווילט איהר, דערנער, שטראפען מיך?
מייז, פון פינסטערע לעכער אַרויס,
ווילט איהר משפט'ן די נאכטיגאל
פאַר איהר מארגען-ליעד,
פאַר איהר פריהלינג-ליעד,
פאַר'ן העכסטען ליעבעס-ליעד?!
שוואַרצע, פינסטערע וואלקען-שטיקער,
ציטערט איהר פאַר מארגענשטראהל?

(בעמערקט די קלעזמער).

עה, קלעזמער, שפּיעלט א זמר!
פיעדעל. שפּיעל! גיס די זיסע
קעניגליכע בענקשאַפט אויס,
ווי א שמעקענדיגען בוימעל..
און דו, פלייט, —
דעם קעניג'ס ציטערינגע פרייד,
זיין בליהענדיגע ליעבע זינג!
קינדיג, באַס, דער וועלט זיין ווילען!
זאג א בשורה אן, טראמפייט—
צו זיין מלכה דער קעניג געהט!

(קלעזמער געהארכען אונווילקירליך און שפּיע, ען).

א מאַ־יש!
טאַנצען, טעלער, קעסעל-פויק!

זאָלען ציטערן די היזער,
און פאר פרייד די הימעל־הייך.
זאָל׳ן זיי שיטען מיט די שטערן
אויפ׳ן חתן׳ס קאָפּ, ווי האָפּען!
צו זיין מלכה נעהט דער קעניג.

ברכיה׳ס טאָכטער.

(האָט זיך אריינגעריסען צווישען עולם אין פאַ־ליש)

ניט מיין מלך, ניט דיין מלכה!
ד׳האָב רחמנות געהאַט מיט דיר!
א יתום אָנגעקלאַפּט אין טהיר,
א שוועסטער־האַרץ געעפענט דיר,

(חאַפּט זיך אָן ביים האַרצען).

און די שלאַנג אין בוזים בייסט!

(צום רב צופאַלענדיג).

רבי, איך בין ריין פון זינד!

(צום מחותן).

ריין ווי גאָלד איז ברכיה׳ס טאָכטער!
מאַכט, מחותן, ניט קיין בייז,
און בעדעקט ניט, האָט רחמנות,
ז׳טאַטענ׳ס ווייסען קאָפּ מיט שאַנד,
טייט מיר ניט די קראַנקע מאַמע...

(צו אַלע געווענט).

ד׳בין ניט שולדיג.

זינדינער

שולדיג בין איך!

רב.

הערט! איהר הערט?
ער לייקענט זיינע ווערטער אָב

(אויסרופענדיג).

ברכיה'ס טאָכטער איז ריין,
ווי א שפּיגעל אָהן א הויך,
ווי א בת ישראל — —

ברכיה.

(אויפהייבענדיג די טאָכטער).

עולם, זעהט!
איז א פֿאַ.יקייט אין די אויגן?
קענען אזוינע ג.היין ליינען?

ב.

(צו מחותן).

הייס שפּאַנען אויס די בויד!
מנחה דאַווענען — דעם חתן...
האָט א חשד א זינדיגען,
אויף א בת ישראל ג'האַט,
זאָל ער תשובה טהון!

(צו ברכיה).

פֿיהר די כלה צום באַזעצען!
זאָל איהר זיין כפּרת עון
אָט די חרפּה, אָט די בושה,
זאָל עס גאָט געדענקען איהר
אין א סכנה־שעה...

ברכיה.

(אַרויספיהרענדיג די טאָכטער).

אָרימע לייט — צו דער סעודה!
אויף דער שמחה — ווער א גוטער פֿריינד!
נעהט צום חתן — יונגע לייט...

(ס'מעהרסט אָב).

**רב.**

(רופט זיי נאָך).

ד׳וועל מסדר קדושין זיין!

(צום זינדיגן).

און דו...

האָסט אַ יוד די שמחה געשטערט,

לשון הרע געזאָגט...

צו ווייט געגאַנגען, צו ווייט,

נעם דיך צוריק.

**זינדיגער.**

רבי, ווען צוריק,

קומט מען קיינמאָל צום קבר נישט.

**רב.**

גיב די האַנד צו דער רינג...

(עמ׳ץ הייבט א׳יף די קייט, פירט זי צו).

**זינדיגער.**

ניין, ניין, דאָס נישט׳

נאָר דאָס נישט,

לאָזט מיך געהען...

**רב.**

ביז צו מאָרגענס!

צו דיין גוטען גיב די האַנט...

**זינדיגער.**

מיך וואַרט קיין גוטס נישט מער...

**רב.**

גאָטס רחמנות איז גרויס,

און דער זכות פון דער הייליגער תורה

וועט ביישטעהן דיר!

אַ טאָג פון שאַנד און שפּאָט

וועט ברעכען דיין שטאָלץ!

פאַרבלאָזען וועט זיך די נאַכט,
די שטילע נאַכט...
ווערסט דו איינזאַם אין פערנעכטען,
אין דער שטילקייט איינגעהילט,
זיך מיט דיר אַליין בערעכענען...
אַ חשבון מאַכען...

וינדיגער.

שוין געמאַכט,
און קיין רעשט איז נישט געבליבען!

רב.

געבליבען:
דער היילינער פונק
פון דער תורה, דער היילינער.
אונטערן זינדיגען אַש!
נאָטס רחמנות איז גרויס,
אין דער שטילער נאַכט וועט ער שיקען דיר,
זיינע צוויי מלאָכים ווייסע —
פון תשובה, חרטה און איבערגעבעניש
צו איהם...

(צום שוהל־הויף גענעהנט זיך חופה־מיזיק).

אומגעדולדיגע שטימען אין פאָליש.

— ניב, הונד, די האַנד צום רינג...
די כלה געהט שוין צו דער חופה...
— מיר צושפאַלטען די נעסט
פון די זינדיגע געדאַנקען...

וינדיגער.

(ראַנגעלט זיך).

לאָזט מיך, לאָזט מיך געהן פון איך...
אונטערגעגאַנגען איז מיין טאָג...

מיך רופט די נאכט...
הערט די פידעל, זי בעוויינט מיך —
מיך בעקלאגט עס די פלייט...
(ראנגעלט זיך פעסטער.

ניין — ניין—
משוגענער.
(אבשטופענדיג דעם עולם).

לאזט צו!

(נעמט די קייט).

ברודער, מיר גיב די האנד!

(זיגדיגער איבערראשט — טהוט עפּ.
(פאָרהאנג).

# צווייטער אַקט

נאָך מעריב. אויפ'ן שוהל־הויף ברענט טונקעל איין איינציגער לאַמטער. ביים רויט-שטראַהלענדיגען שיין בעמערקען זיך שאָטען פון מענער אין ווייבער.

דריי גבאיטעם.

(קומען אראָב פון דער ווייבערישער שוהל, זוכען מיט די אויגען דעם זינדיגען, בעמערקען איהם; בלייבען דאָך שטעהען, דערזעהענדיג דעם ערשטען און צווייטען בעל־הבית, וואָס קומען אראָב פון די בית המדרש טרעפ).

משוגענער.

(נעמט ארויס פון נישע זיין געלעגער און בעט זיך אוים אויף דער באַנק פאַר דער וואַנד).

זינדיגער.

(גאַהנט צום פאָדערגרונד, אויף דער גאַנצער לענג פון דער אויסגעצויגענער קייט, ציטערט).

ערשטער בעל־הבית.

(ווילענדיג צו געהן צום זינדיגען).

פושע ישראל!

צווייטער בעל־הבית.

(ציהט איהם אַוועק).

מ'הערט נישט שפּיעלען;
מ'מוז שוין זיצען ביי דער סעודה.

(ביידע אַב).

די דריי גבאיטעם.

(געהען נאָך, איינע נאָך דער אַנדערער, אויסשפּייענדיג ביים פאַרבייגעהן צום זינדיגערס זייט).

משוגענער.

(זיך אויסדרעהענדיג צום זינדיגען).

ציטערסט ?

זינדיגער.

ס'ריזעלט אַ קעלט דורך די גליעדער.

די האָהר שטעלען זיך, ווי שלאַנגען קאַפּויער.

און די וואורצלען שטעכען, שטעכען —

(ווישט זיך פנים און שטערן).

די נשמה טריפט מיר אויס,

טראָפּענווייז, טראָפּענווייז —

(אין שוהל־הויף מעהרען זיך די שאָטען. קומען זיך צוזאַמען, סוד'ן זיך, צוגעהען זיך, געגעגען זיך צום פּאָ־ליש, שטעלען זיך אָב, געהען צוריק. קענטיג אַז זיי וואַרטען נאָך אויף עפּיס אָדער עמיצען, אים עטוואָס אויסצופיהרען).

זינדיגער.

(מיט די לעצטע קרעפטען אויסציהענדיג די קייט, ווי אַם ווייטסטען פון די שאָטען, צום משוגענעם :)

דיך שרעקען זיי נישט ?

משוגענער.

(וואָס האָט געוואָלט זיך לעגען, זעצט זיך ; נאָך אַ קליינער פּויזע, גלייבגילטיג)

לויפען מיר נאָך ; ד'בין אַנדערש...

קומט ווער אונטער, רייסט אַ לאַפּען

מיר פון מלבוש, צי פון העמד,

זייער שאָדען ; גיבען אַנדערש —

אָה, זיי שרעקען זיך פאַר „נאַקיט"...

זינדיגער.

און אַז זיי שלאָגען ?

ריהרען זיך צו צום ליב מיט ברודיגע הענד,

אַלטע ווייבער מיט שמוציגע נעגיל ! —

אָדער די בליקען, ווי די ענגבער,

בויערען דיר אין טיעפען האַרץ...

משוגענער.

ד׳שטעל מיך אַב; ענטלויפען זיך...

נאָר נישט שרעקט...

זינדיגער.

נאָר נישט...?

משוגענער.

נישט מיין לייב, נישט מיין נשמה...

איך בין שוין לאַנג נישט איך...

זינדיגער

דו — נישט דו?

משוגענער.

ד׳האָב מיך אַמאָל צום הימעל פערבענקט...

ד׳גנעה פאַרבײ דעם טייך אַמאָל...

וואו דו פלעגסט שפּאַצירען גערן...

וויעגט ער, וויעגט אַ הימעל אין שוים.

מיט לאַכענדיגע שטערענדליך...

בוך! ברכיה׳ס פישער — נאָך!

חא־חא־חא — זיי זוכען אין שלײַם

איך וויעג מיך אין הימעל, וויעג מיך אין טאָך,

זעה ווי זיי שלעפּען אַ פגר אַ פרעמדען

חא־חא־חא!

(די שאָטען און דער שלאָסער, אויף וועלכען זיי האָבען געוואַרט, קומען אין פּאַליש אַריין).

בעלי־בתים.

שלײַף, מייסטער, שלײַף,

ברעכט די קייט!

(אז דער שלאָסער טהוט עס, צום משוגענעם:)

אַ האַנד זאָל וואַשען אַ האַנד!

און דו וועסט בעפרייען אונז

פון ר׳ בּרכיה׳ן, פון דעם רײַבּער
און פון רב, זײַן אונטערשטיצער
פאַר רח״ש און יום־טוב־געלד.
ר׳האָט אונז צוגענומען אַלץ —

אײנער.

אויסגעדונגען מיר די מיהל...

צװײטער.

אויסגעריסען מיר די פּאַכט...

דריטער.

מיר דעם טײַך אַװעק גענומען...

פערטער.

מיר — די שבּת־שענק...
מיט די זיהן, מיט די אײדעמעס
שלינגט ער אײן די װעלט.

(אײנער בײם אַנדערען אויסכאַפּענדיג:)

— און דעם כבוד פון דער תּורה!
— די הוצאות און הכנסות!
— חתן תּורה און בּראשית!
— און ד׳עליות, און די שטערט
פון די בּײדע מזרח־װענד —

װײבּער שטימען.

— און אין װײַבּער־שוהל — די פענסטער...
— װאו אַ פאָרהאַנג, װאו אַ קראַטע,
— װאו מען הערט אַ װאָרט פון שוהל!
— פאַר׳ן װײַב און פאַר די טעכטער,
פאַר אַראָבּגעבּרענגטע שניערען!
— סאַמעט, אַטלים, זײַדענצײַג,
גאָלד און זילבּערינע פּליסען;

בריסטען־טיכער, שטערענטיכער,
און בעהאנגענע מיט שטיינער, — —
און פערשעמען אונזער דלות,
און פערשווארצען אונזער יחוס
ד'אויפגעקומענע, די שטאלצע...

בעלי־בתים.

— ער צעוואקסט זיך אינם שטעטיל
און צושפרייט זיך, און צוגיסט זיך,
ווי א ראשצינע אין מילטער —
— און מיר ווערען איינגעשרימפען,
איינגעצויגען, אבגעשטויסען,
און דער אלטער רב, דער שיצט אים...
„דער דין אזוי! דער דין אזוי!"
— וועל'מיר מאכען דיך פאר רב:
אויף דער גרויסער שטוהל דיך זעצען,
און דעם שענסטען מאנטעל געבען,
און דאס רייכסטע שטריימעל שענקען
מיט די לענגסטע זילבער־האהר...
און א נייע קלויז דיר בויען,
נייע ספרי תורות שרייבען
אויף דער פיינסטער הירשען־פעל...

ווייבער.

און מיר אלע, און די טעכטער,
און די שניערען — וועל'מיר נייען
רויטע מענטעליך פון סאמיט,
און בעשפינען גאלד און זילבער,

בעלי־בתים.

און בערענגען זילבער טרעסען;

און מיט קרוינען, פיין פערנאלדטע...
און די גלעקליך וועלען קלינגען,
און דו וועסט כבודים טהיילען...
דו פערגעס נור ברכיה׳ס טאכטער...

### וויבער.

וועל׳מיר געבען דיר די שענסטע
און די רייכסטע פאר א כלה,
ווילסט׳ו — באלד א חופה שטע׳ן —
פון דער חתונה די קלעזמער
ביי די האהר וועל׳מיר שלעפען,
און דאס רביל — ביי דער בארד — —

(בלייבען פלוצלינג שטיל, רוקען זיך אב, אויסער דעם ש׳אסער, וואס שלייפט אלץ ווייטער, צו די ווענד, אוים שרעק פאר נייאנגעקומענע).

### בעלי־מלאכות.

פייל, פייל.
אויף אונזער חשבון פייל,
זאל א האנד ד׳צווייטע וואשען,
דו וועסט אונז די יאך צו ברעכען,
מבטל וועסטו זיין די פאכט;
פלייש נישט ביינער וויל מיר עסען, —
מתיר מאכען שחיטה חוץ —
הייוועו — פריי און שבת-שענק!
הפקר איז דער טייך מיט פיש!
און מיר רייסען אויף די שפייכלער
מיט׳ן קארן, מיט די ווייצען!
דו וועכט לאזען, רו וועסט הייסען,
וועל׳מיר עסען ברויט צו זאט...

(טרעטען אב פאר נייאנגעקומענע).

## קלויזניקעם

פײַל, מײַסטער פײַל,
אויף אונזער חשבון פײַל!
אַ האַנד וואַשט אַ האַנד:
ווע׳ל׳מיר איהם פון קײַט בעפרײַען
וועט ער אונז דאָך איבערגעבען
די צירופים, די השבעות,
און בעפרײַען אונס די הערצער
פון דער נאָנענדיגער בענקשאַפט,
פון דער דריקענדיגער נויט —
פון דער שרעק, וואָס האָט קיין יצ:יאה,
זויגט דאָס בלוט אַרויס פון לייב,
ציהט די קלעע אַרויס פון ביינער
און פערברענט אונז די געהירען
נאַכטע נעכט אין קאַלטען קלויז.
מ׳זאַפט נור שווארצע שאָטען איין,
מ׳הערט נור ס׳קלאָגען פון די ווינטען!
און אין דרויסען, אינ׳ם פרײַען,
אין די שטומע, טויבע הײַזער,
אין די טהיר־און־טויער פערמאַכטע,
אין די בעטען — שלאָפען ווײַבער,
שלאָפען מיידען, אין די נעצען
פון געקרײַזעלטע־לאַנגע האָהר,
אָדער פײַער־פלאַמענדיגע...
אין די היציגע חלומות...
שטרעקען נאַק׳טע פיס אַרויס,
נאַק׳טע הענד, נאַק׳טע העלזער...
שווערע אָטהעם, רונדע בריסטען...

אָה, בּעָפריַ אונז פוּן דער בּעַנקשאַפט,
פוּנעם פייער, פוּנעם שוואַרצען!
זאָלען רוחות, שדים ברענגען
אין די העמדער פוּן די בּעטען!
מיר פערקויפען די נשמות — —

### קצבים.

(לויפען אָן, שטיפען יענע אָב).

שלייף, מייסטער, אונזער חשבּון! —
וועל'מיר געהען מיט די טאָרבּיס;
טרפה מאַכען זיי די אָקסען —

### ווינדיגער.

(רחמים בעטענדיג.)

נעדעט... נעהט,
ווערמליך־אוינען גליהען אונטער אָקסען־שטערען;

(מיט עקעל.)

מיך שטיקט דער דונסט פוּן אייערע לייבער,
אייער אָטהעם שטיקט...

(טאָן ענדערונג.)

לאָזט מיך אויף דער קייט —
טהוט, וואָס איהר ווילט אַליין!

### בּעלי־בּתים.

וואָס מיר ווילען? גוט געהייסען!
אויף דער התונה צוריק!
צו דער סעודה, צו דער גרויסער!
וועל'מיר פרעסען, וועל'מיר זויפען!
און פערשכורט, אַלץ צוברעכען,
אַלץ וואָס גלאָז און וואָס קריסטאָל,
און וואָס זילבּער איז און גאָלד...

(אָב).

## בעלי מלאכות.

קומט נור פרעסען, קומט נור זויפען!
און פערשכור'ט וועל'מיר שיקען
ז'רויטען האהן, ז'רויטען האהן!
זאל ער זיינע רויטע פליגעל
שטרעקען אויס און צושפרייטען
איבער ברכיה'ס פולע שפייכלער.
איבער קלייטען, איבער שענקען...
זאל איהם לייכטען! רויט זאל ברענען
ווי א מאל צום נייעם חודש —
(אב).

## קלויזניקעם.

וועל'מיר טרינקען, וועל'מיר זויפען
און צו כלה־טאנץ דערנאכטען!
כלה טאנץ! כלה טאנץ!
— כלה, כלה גיב די האנד,
אהן א טיכעל, ד'רייס עס אויס!
— גיב די האנד, די ווייסע האנד
ווילסט נישט? נעם איך מיט געוואלט —
— טאנצען קום — טאנצען קום!
— ד'וועל זי האלזען, ד'וועל זי דריקען
צו דעם הארץ צום ברענעדיגען!
— ד'וועל זי כאפען אויף די אקסעל
ביי די מארמאר־ווייסע הענדטליך,
און א שפרונג טהון דורכען פענסטער,
ז'נאם ארויס, אין נאכט אריין!
(אב).

## קצבים.

ווי'על'מיר טרינקען, וועל'מיר זויפען,

אין פֿער־שכורים, וועל׳מיר שאַרפֿען,
שאַרפֿען, שאַרפֿען ברייטע מעסער,
פֿאַר די בייכער פֿון שוחטים!

(אָב).

**וינדיגער.**

(צום שלאָסער).

שלייף, שלייף, ענדיג דיין זאך

**שלאָסער.**

אויף וועמ׳ס חשבון?

(אָב).

**וינדיגער.**

(כאַפּט די איינגעשלייפטע רינג פון דער קייט, וויל זי איבער רייסען. פריווט מיט הענד און צייהן).

ווען עטוואָס קראַפט!
קיין הענד, קיין צייהן —
עס האָט געבליהט א רויז אין הארץ!
ד׳בין א נאכטיגאַל געווען,
א נייַ פריהלינגס־ליעד געזונגען —
און א קעניג אין מאַנטעל און קרוין —
(אז די קייט גיט נישט נאָך).

הילף, הילף —

(צו דער באַנק צו).

שלאָפסט? —
ד׳האָב מורא הערכער צו רופען, —
ס׳וועלען זיך שאָטען פֿערזאַמלען —

(פריזע. אויפ׳ן געזימס פון דער שוהל־טהיר בעווייזט זיך א שווארצע קאַץ)

ווער ביסטו?
קומסט פֿון דאָרט?

נאָך מײַן נשמה קומסטו?
ניטקומען די צײַט?
ד'האָב זי פערקויפט?
האָב איך דאָך אַ הויכע,
אַ קעניגליך־שטאָלצע פערקויפט!
און האָב אַ דערנידערטע,
צוט־עטענע, בעשפיגענע —

(מיט שטייגענדער שרעק).

ד'קען פון דיר קיין אויג נישט ווענדען,
כשופ'סט ווי אַ שלאַנג די נשמה אין מיר,
ווי אַ פייגעלע צאַפּעלט זי
און פערשטאַרט אין מיר —
לאָז מיך,
ד'קען דאָך, אַ געבונדענער,
פאַר דיר נישט ענטלויפען —
ווער דו ביסט, רחמנות האָב,
ברענסט מיר די געהירן אויס
מיט דײַן בליק, די נשמה
זויגסט דו מיר מיט ד'אויגען אויס —
ד'שרעק מיך פאַר דיר,
ד'פאַל פאַר דיר אין שטויב אויפ'ן פנים,
'שטרעק מיך אויס — —

(טהוט עס)

## רב.

(געהענדיג צו חצות, מיט גרויס רחמנות:)

אוי, אוי — אין שטויב פאַר גאָט!
פאַר זײַן ליעבען נאָמען אין שטויב;
ער וועט שטרעקען אויס זײַן אָרים

**און הייבען דיך —**

**און איך וועל געדענקען דיך**

**און ביי חצות דערמאָנען דיך...**

(צו די בית המדרש טרעפּ).

(פאַרהאַנג).

# דריטער אַקט

חצות-צייט. אין דער לופֿט ציטערט דאָס געבעט: דייטליך, נור פֿון אַ זעהר קליינעם עולם, אין שֿהל; אַלס גערויש פֿון אַ גרעסערען עולם — פֿון בית המדרש. פֿון צייט צו צייט פֿאַלען אַריין אין געבעט איינצעלנע הילכיגע און שאַרפֿע טענער פֿון איין איבערמיהטיגער חתונה־מוזיק.

(משוגענער ליעגט אויפֿ'ן געלעגער; זינדיגער רייסט די קיוו אויפֿ'ן געשליפֿענעם אָרט מיט הענד און צייהן, בלייבט מיעד).

זינדיגער.

אַזוי אָהן קראַפֿט,
און צו דער הֶעכסטער קראַפֿט
אַזוי עֶהנליך!

(משוגענער זעצט זיך נייגיריג אויף).

אידעֶען —
כּינסטערע וועלטען צו שטורמען;
חלומות —
נייע, זונשט־אַהלענדינגע,
מיט געזאַנג בענאָסענע
בליהענדינגע וועלטען צו בעשאַפֿען!
און פֿון איין־מאָל געשעהענעם —
אויף דער קייט!
שלאָגען צים האַ־ין
וואַלען צופֿלאַטען נעבעט —
נשמות און הערצער ציגאָסענע.

העלפען קען איך נישט —
און זענען ענטפלעקט מיר די סודות פון דער נאכט
די גרייל, וואס רייסען זיך פון איהר שויס.
פיהל דאס ווארימקייט פון בלוט. איידער ס'ווערט פערגאסען,
שלאגען זיך מיר אין די אויגען אב די פלאמען,
איידער מ'האט זיי ארויסגעשיקט —
איך שווייג!

(ער שפעטיגסטער יוד געהט אין שוהל אריין צי חצות. קומענדיג פארביי דעם זינדיגען, שפייט ער אויס).

זינדיגער

שפייסט אויף נאט!

(דער יוד, דערשראקען, אב).

משוגענער.

(זיך איפזעצענדיג).

נישט היימליך מיט גאט:
בליצען פון קאלטע מעסער אין ד'אויגען,
די גליעדער—שטאר, אין נעפעל איינגעהילט.
און געדיכטער ווערט דער וואלקען, —

(ארויסגעהענדיג פון פאליש).

ד'נעה מיר צייילען מיינע שטערען.
ד'טרעט דיר מיין געלעגער אב.

(אב).

ברכיה'ם טאכטער.

(קומט אנצולויפען האלב נאקיט).

ך קום צו דיר...
פון אונטער זיין הימציגען אטהעם,
פון אונטער די שוויסיגע העמד —
כמעט אין העמד פון בעט ארויס...

(אז דער זינדיגער ענטפערט נישט, דערשראקען).

שוויַיגסט ?

פִינסטעֶר־צאָרניג איז דיַין בליק !

(טאָן ענדערונג).

פֿעֶרציַיה !

א רגע האָב איך געלייקענט אָן דיר

צוליעב דעֶם טאַטעֶנ׳ס וויַיסעֶן קאָפּ,

צוליעב דעֶר מאַמעֶס קראַנקעֶ האַרץ,

און מיט שאַנד און שפּאָט געשראָקען !

**זינדיגער.**

(אַלץ נאָך שטאַר).

נעֶה !

**ברכיה׳ס טאָכטער.**

ד׳וועֶל דיך בעֶפריַיעֶן, —

און בעֶפריַיטעֶ — —

(אַז דער זינדיגער שטויסט זי אָב).

שטויסט מיך אָב ?

(פּייזע, זעהר צערטליך בעטענדיג).

ד׳בין דאָך דיַין געזאַנג געוועֶן ?

ד׳בין דאָך דיַין איינציגעֶ בלום געוועֶן !

דיַין הייליגקיַיט —

**זינדיגער.**

פֿעֶרשוועֶכט

געוויקעֶלט האָט זיך ארום דיַין נאַקטעֶן האַלז

אַ פֿרעֶמדעֶ האַנד !

אין דיַין אויג, אין דיַין הימעֶל־בלאָהעֶן

האָט אַ פֿרעֶמדעֶר זיך געטיקט !

הייליג זעֶנעֶן דיַינעֶ ליפּעֶן מיר געוועֶן,

צום בית־המקדש צוויי פֿעֶרמאכטעֶ טויעֶרן,

און דו האָסט זיי פֿאַר אַ פֿרעֶמדעֶן

הײסען אָטהעם אויפגעשלאָסען...
און אײנגעזאַפּט האָסטו דורך זײ
פון אַ פרעמדען מענש דעם שאָטן !
אין ער וואַקסט אין דיר !
און ער וואַקסט !...

(פערשטעלט זיך ס'פנים).

אַ אָבגאָט אין מײן הײליגטהום,
אין קדשי קדשים — אַ געץ — — —

(בעפרײענדיג דאָס פנים).

ביסט פערשוועכט...

ברכיה'ס טאָכטער.

(לאָזט זיך פאַר איהם אויף די קניהען).

פערציה —

װינדיגער.

שװײג !
װי ברענענדיגע דערנער שטעכט מיך יעדער קלאַנג !
דײן אַמאָליג הײליג בילד,
פון ליכטיגע שטערען צוזאַמענגעשטעלט,
שטראַהלט אין מיר —
און פון דײן פערשוועכטען בליק
לעשט זיך אַ שטערן נאָך אַ שטערן...
געה !

ברכיה'ס טאָכטער.

װאו אַהין ?
ד'בין פון מאַנ'ס בעט אַרויס,
פון טאַטע־מאַמעס הויז אַװעק...

װינדיגער.

צום טײך, צום טײך...

פריזו דיך וואַשען ריין,
פריזו דיך וואַשען ריין...

**ברכיה'ס טאָכטער.**

זײַ געזונד!

(אָב).

**ברכיה — ברכיה'ס ווייב, טאָכטער — שנירען און איידעמעס — מענשען.**

— ז'איז ערגיץ דאָ...

— ד'האָב זי לויפען געזעהן —

(בעלייכטען דעם פּאָליש).

— זוכט זי אין דער שוהל —

— אין דער ווייבער שוהל.

— צום בית המדרש אַרויף!

— אויף די בײַדעם זוכט!

(מענשען צולויפען זיך, וואו מען שיקט זיי. מענשען מיט לאַמטערן לויפען אַהין און צוריק איבער'ן שוהל־הויף.)

(אין שוהל־טהיר און אויף די בית המדרש טרעפ בעווייזען זיך חצות־יורען, ווייבער — אויף די טרעפליך פון דער ווייבער־שוהל).

**ברכיה'ס ווייב.**

גיב מיר מיין פערפיהרטע טאָכטער אָב!

**ברכיה.**

מיין איינציגען אַפּעל פון אויג,
מיין לעצט געפיהל אין האַרץ,
ז'לעצטען געדאַנק אין קאָפּ...
א שוועסטער.
גיב מיר מיין פערפיהרטע שוועסטער אָב...

**ברכיה.**

אַלץ גיב איך דיר אוועק,
גיב מיר מיין טאָכטער אָב:
אַלע קליידער, אַלע הייזער.

מיט די תבואות אויף די ביידעם,

מיט די רענדלעך אין די קעלער...

ברכיה'ס ווייב, טעכטער און שניערען.

— נא דיר, נא דיר אלץ אוועק!

— גיב אונז אונזער שוועסטער אפ!

— האסטו צירונג! — אט א שטערן

— האסט דו אלע ציטער־נאדעל.

— האסט'ו די אויריגגלעך און קרעלען — —

— האלז־בענדער, פעריל... און אבאלעז...

(אויף די בית המדרש טרעפ מאכט זיך א ווארע, מען לאזט דורך דעם רב).

## ברכיה.

(צופאלענדיג צו א־הב).

רבי

מיט'ן כח פון אייער תורה

בעפייט זי!

ר'האט זי ערגיץ דא בעהאלטען;

מיט א כשוף זי פערוואנדעלט

אין עפיס וואס,

ד'ווייס ניעט, אין וואס...

### שטימען.

(פון וויט איבער'ן שוהל־הויף).

— עמיץ לויפט צום טייך,

— א ווייסע געשטאלט,

— אין איין העמד

— א פרויען געשטאלט...

(פויזע).

— געשווינד שיפלעך, שטריק,

— אריינגעשפרונגען די געשטאלט.

— שווימט ארויס, שווימט ארויס.

— טיקט זיך צוריק.

— שווימט דער קאָפּ אַרום.

— שווימען נאָך די לאַנגע האָר...

(די שטימע דערווייטערן זיך, אלע פֿון פּאָליש אָב, אויסער דעם זינדיגען).

— ריעדער! ריעדער!

— שטויסט מיט אַלע קרעפֿטען צו!...

— טהוט אַייך אוים... טהוט אַייך אוים —

## משוגענער.

(קומט פֿון שוהל־הויף צוריק).

וועט זיך וויעגען אינעם הימעל.
מיט ד'שטערענדליך זיך שפּיעלען;
האָסט דאָך זי אויף דעם געשיקט...

(זעצט זיך אויף דער באַנק).

ר'איז נאָך גאָט און שווייַגט!

## אויסגעלאַסענע.

(קומט אָנצולויפֿען).

ס'האָבען ווינטען מיך געוועקט
אין פֿון בעט אַרויסגעריסען
אויף די פֿליעגעל מיך געטראָגען,
זינדיגער, צו דיר...
האָבען אויפֿגעפּאַכט אין מיר,
אַ פֿלאַם צו דיר אין טיעפֿען האַרץ.
לעש מיר, זינדיגער, די פֿלאַם
ביי דער זינדיגער די פֿלאַם...

## זינדיגער.

דו ביסט ריין!
דיינע זינדיגע געדאַנקען
פֿליהען אַרויס פֿון דיר.

װערען נשמות פֿאַר זינדיגע זאַכען,
זײַ ענטלױפֿען פֿון דיר,
די שאָטען און נעפּיל פֿאַר אַ ליכט.
פֿאַר׳ן ערשטען מאָרגען־שטראַהל,
דו בלײַבסט ריין, שטענדיג ריין!

## אױסגעלאַסענע.

גײן!

נײַע װעבען זיך, נײַע,
ברענענדיגע, פֿלאַמענדיגע!
קום צו מיר, קום מיט מיר,
ד׳רײַס די קײט די אײזערנע,
ד׳האָב די קראַפֿט דיך צו בעפֿרײַען,

(רײסט איבער די געשליפֿענע רינג פֿון קײט; ציהט איהם צו דער װײבער־שוהל).

קום אַרױף, אַהין אַרױף,
אױף די תחנות, אױף די תפֿלות,
אױף די דורכגעװײקטע בלעטער
פֿון אומזיסט פֿערגאָסענע טרערען, —
קום, װעקען די שטילע שוהל
די צנועה׳דיג פֿערשטומטע שוהל
מיט געשרײ פֿון העכסטען בונט,
קרעכצען פֿונ׳ם רױסטסטען גליק —

(ציהט איהם צוריק פֿון די טרעפּליך אַראָב צו דער שוהל־טהיר).

נײן, נײן, אַהער —
אָבריַיסען װעל מיר זײַן פּרוכת,
פֿון די פֿרומסטע הענד געשטיקט!
שלעפּען פֿון אָרון די תורה אַרױס,
אױף די יריעות, דאָרט, װאו ער האָט
טיעף און שענדליך מיך בעלײדיגט.

זיך געקרענקט, מיך פערשאלטען,
דארט וועל'ן דיך מיינע ארעם שטיקען,
מיין אטהעם דיך ברענען,
מיינע בריסטען דיך קיהלען.
זינדיגער.
(ציהט זיך צום שוהל-הויף צו).
גיין, גיין, אהין קום, אהין —
יענ'ן היילינקייט פערשוועכען!
דארט צום טייכעל, צווישען הושענות,
דארט צום וועלדיל אויפ'ן ברעג,
דארט, וואו די בארמהערציג-היילינע שכינה
האט מיך אין איהרע ארעם געוויענט,
איבער מיין פנים געעטהעמט;
וואו איהרע היילינע טרערען
האבען איבער מיינע ליפען געטריפט...
און איהרע היילינ-ווייסע הענד
האבען מיינע האהר געגלעט, — —
און לייטועליג-היילינע אויגען
אריינגעשטראהלט דורך מיינע
א היילינע נשמה אין מיר,
אהין קום! ס'קדשי־קדשים פערשוועכען!
איבער'ן לייכט געשרומפענעם וואסער־שפיגעל
ציטערט נאך דער שכינה'ס הארפען־קלאנג!
צווישען די ציטרינע קנייטשען,
פון שפיציגע הושענא-בלעטליך
שוועבט נאך איהר היילינער רויזען־אטהעם-דופט,
אין דער נעץ פון לבנה-ליכט
שוועבט איהר ריינקייט נאך!
(שטעלט זיך אב).

חאַ! האַ! האַ!
מיציהט די שכינה פֿון וואַסער אַרויס,
אַראָבגעהאָנגענע גלידער,
צוגעפּרעסט דאָס ווײַסע העמד!
און די האָהר אַרום לײַב,
און די אויגען צוגעמאַכט, —
מיט גרינעם גראָז
מיט שלײַם פֿערקלעבט,
און וואַסער, וואַסער טריפֿט, טריפֿט...
אַהין קום, קום! —
(ציהט זי ווייטער).
משוגענער.
דינע איך נאָך!
דינע איך נאָך!

ענדע.

# בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק

(אַ טרוים פֿון אַ פֿיבער־נאַכט).

פֿאַרשפּיל, פֿיר אַקטן

און עפּילאָג, אין פֿערזן.

# פערזאָנען

### פון טעאַטער:

דירעקטאָר.
רעזשיסער, — מיט'ן סצענאַר-העפט אין דער האַנד.
לעקטאָר.
דיכטער.
וואַנדערער.

### שפּילער:

„ער" און „זי".
נאַכט-מיידעל.
זאָקענשטריקערין.
אויבס-און אייער-הענדלערינס.
לאָמפּען-לעשער.
בדחן.
פּרוש.
נתן-שכור.
היימישער דיכטער.
עמיץ.
נאַכט-וועכטער.
פערהונגערטער אַרבייטער.
שוהל-שמש.
נושאים.
חברה-קדישא-שמש.

קרעמער. ווייבער (אויפ'ן גאניק,) יונגליך (פון קלויז,)
„אַ ראָד" קליינע מיידלעך. צוויי עלטערע מייד-
לעך; איינע פון זיי אַ ליעבעס-בריעף אין דער
האַנד. יונגע-לייט, אויף איין אפּיפה-איילענדיג.
דריי רערנער.

## פון עולם התהו:

(געקליידט ווי ביים לעבען.
וואַסער-טרעגער מיט קאַנען אָהן אַ דנאָ
האָלץ-העקער האַק און שטריק אויף די לענדען.
צנועה אָרים געקליידט, איין אַלטע שאַל איבער'ן קאָפּ.
קרעמער, צו די לעבענדיגע עהנליך; איילען אויף אַ יריד;
פּעקלעך אין די הענד, וועגס-מאַנטלען.
דריי בעלי-בתּים — אַ רייכער אַ דיקער, צווישען צוויי מאָ-
גערע אָרימע; דער ערשטער אין טוך, די
אַנדערע — אין לאַסמינג.
משכּילים.
בלינדע זעצערין.
אַרעסטאַנט אָהן אַ פוס — מיט נאָכגעשלעפּטע קייטען.
דורכגעשאָסענער-הוזאַר—אוניפאָרם מיט אָבגעריסענע קנעפּ.
אַ שווארצע וואונד אין ברוסט.
געקעפּטער גאַרבער — מיט'ן קאָפּ אין די שווארצע הענד.
געהאָנגענער — מיט'ן שטריק אויפ'ן האַלז.
חזן.
נעפּרוּירענע.
שוהל-שמש.
רעדנער, צו די לעבענדיגע עהנליך.
קדושים.
קלעזמער —פון ברונען אַרויס, מיט די אינסטרומענטען, וואָס
זענען גלייך מיט זיי נאַס און פערוואַקסען, אין די הענד.
מתים — צווישען זיי:

פון בית-עלמין: פון איינצעלנע קברים, אין תכריכים: גרייז.

אַלטע און יונגע מתים: פרויען, מענער און קינדער. נישט לאַנג, לענגער און גאָר לאַנג געשטאָרבענע, וואָס איז צו דערקענען לויט דעם צושטאַנד פון די תכריכים.

קינדער — יונגלעך און מיידלעך.

בוגרת.

חוקרים.

משכילים.

חסידים.

אַרבייטער.

געוועלבס-לייט.

פון איין אַלגעמיינעם קבר, אין געפּעקטע זעק: בראָדער זינגער.

אַ כלה — אין די חופּה-קליידער, פון אַ יאָהר 14—15, אונטער אַ שווארצער חופּה, געפיהרט פון שמשים, מיט געלאָשענע הבדלות אין די הענד.

זינדיגע — פון ערגיץ אויסערן בית-עלמין, מיט פעך אויסגעשמירט, מיט פעדערן אָנגעשטעקט.

## עס שפּיעלען אויך מיט:

ברונען-געץ.

ריטער, גייסטליכע און אַ בישאָף — שטיינבילדער.

קלויסטער-גלאָק.

מאָרגענשטערן

אַ בלעכענער האָהן און צו ענדע —

דער פּייפּער פון פאַבריק.

# פאַרשפּיל




**ערקלערונג און בעשרייבונג:**

(רעכטס און לינקס דעם סופלער.)

**רעכטס:**

1) די שוהל. א נידריגע, אַלטע, גראָהע מויער. האלב-קיילעכדיגע פענס-

טער מיט דאָס מעהרסט אויסגעשלאָגענע שויבען, אונטער א מאָדנע אויסגעקרומטען, שווערען דאַך, מיט א וועטער-פענדיל אויפ'ן שפיץ, אין געשטאַלט פון א בלעכענעם האָהן מיט אויסגעצופּטע פליגעל. טרעפּליך אַראָב צו'ן א שווערען אייזערנעם טויער.

2) דאָס שוהל-געסיל.

3) די קלויז; דער אַריינגאַנג—פון געסיל. איין אַלטע פּרייסישע וואַנד, אָבּ-געשיילט. דער דאַך—אַלט און פריש בעלאַטעט—שיעף אין מאַרק אַריין. לענגליך-פּיערעקיגע פענסטער.

4) א חורבה. א שיעפּער האַלבּער טויער אויף איין האַקען; פענסטער מיט ברעטער פערשלאָגען; א שוואַרצער, אויבּען אָבּגעהאַקטער קוימען.

## לינקס:

1) א שענק. א שילד פון ברענענדיגע לעמפּלעך: „ביז צום לעצטען גראָשען!"

2) דאָס קלויסטער-געסיל.

3) איין אַלט הויז. ביים טויער—צייכען פון א פעלדשער-וואָהנונג: א פאַרביג לעמפּיל פון רויטען קרייז און דריי מעשענע טעלער; איין אַריינגאַנג בעזונדער צו'ן א וואָהנונג דורך א הילצערן גאַניקעל. דערויף א נייער שטאָק; גרויסע פענסטער און א באַלקאָן מיט שויבען-טהירען.

## טיעפער לינקס:

אין א הינטער-גאַס א קלויסטער. א מאַרמאָרענער טהורם מיט א גאָלדענעם קרייז. דערבּיי א גלאָק-טהורם.ביידע טורמען הייבען זיך איבּערן מאַרק, וואַרפען זייער צוזאַמענגעגאָסענעם שאָטען קווער איבּערן מאַרק ביז צום אַריינגאַנג פון שוהל.

## אין הינטערגרונד:

1) א ג ע ס י ל וואָס, שנייזט דורך דעם הינטערגרונד און טהיילט איהם אויף צווייען. אין געסיל — רעכטס און לינקס — קלייטען.

## רעכטס צום געסיל:

2) איין אַלט הייפעל מיט א שטאָק. אַרום-שטאָק לויפט א הילצערנער גאַ-

ניק, וואָס קרעכצט בײַ יעדן טריט. די טרעפּ אויפ'ן גאַניק אַרויף — דירעקט פון מאַרק. אין דער טיעף פון גאַניק — פענסטער און אַ חיי־וועל מיט טהירען אין וואָהנונגען אַריין. אונטערן גאַניק — קלייטען.

## טיעפער רעכטס:

אַ געסיל צו'ן אַ פאַבריק, וואָס הייבט זיך מיט'ן רויטען, פּיעל־קוימענדיגען דאַך איבערן מאַרק.

## לינקס:

דאָס מאַגיסטראַט מיט אַ זייגער־טהורם. אין די נישען פון דער מאַגיסטראַט־מויער — שטיינבילדער פון אַלט־פּוילישע ריטער און גייסט־ליכע. אָן זייגער־טהורם אָנגעשפּאַרט — אַ בישאָף מיט קרייץ און שווערד, וואָס קוקט שטרענג אַראָב צום מאַרק.

## אין מיט מאַרק:

איין אַלטער האַלב־פערשיטער ברונען; פריש אַרומגעצוימט. דער־בײַ — אַ ברונען־געץ, אַ אַלטער פערגרינטער שטיין, וואָס שטעלט פאָר איין אונגעהייער — האַלב מאַן, האַלב פרוי, מיט איין האָרן אויף דער מענליכער זייט.

## געשפּיעלט ווערט —

פון זון־אונטערגאַנג ביז אויפגאַנג וועהרענד אַ הערבסט־נאַכט. —

# שמאָלע סצענע.

[די קורטינע אין הינטערגרונד בעשטעהט פון שוואַרצע גאַזען און ווערט וואָס אַמאָל דינער אַזוי, דאָס צו ענדע פון פאָרשפּיעל ענטפּלעקט זיך די גאַנצע סצענע.]

[פון קעגענאיבער-ווינקעל קומען: פון איין זייט — ד י ר ע ק ט אָ ר, פון דער צווייטער — ר ע ז ש י ס ע ר און אונטער איהם — ל ע ק ט אָ ר.]

ד י ר ע ק ט אָ ר.

(צום רעזשיסער.)

פערטיג?

ר ע ז ש י ס ע ר.

באַלד זיין;
מען צוימט נור דעם ברונען אַרום.

ל ע ק ט אָ ר.

וואו אומגעקומען אַמאָל
עס זענען די שכור׳ע קלעזמער...
און דער געץ, וואָס האָט געכשופט
און אין ברונען אַריינגעצויגען?

רעזשיסער.

שוין אויפגעשטעלט ...
פון גרינעם שטיין אַיין אונגעהייער,
האַלב מאַן, האַלב ווייב, מיט אַ האָרן
אויף דער מענליכער זייט ...

לעקטאָר.

פון פאַר שוהל און קלויסטער,
אַ לאַנג פערגעטענער גאָט ...

דירעקטאָר.

און וועט זיך וועקען און גיסען ...

רעזשיסער.

אַ רויט שניריל וואַסער פון מויל
ווי ביי׳ן אַ קוה, וואָס הייבט דעם קאָפּ,
אין מיטען טרונק פערטראַכט ...
און פון ד׳אויגען וועט
שטראַהלען אויס אַ צויבער-קרייז
אַ רויטליך-גיעריג ליכט אַרום, —
ווי דער דיכטער וויל ...

דירעקטאָר.

(צום לעקטאָר.)

דו רעדסט פאַר יעדען אַקט,
אָבער — קורץ און שאַרף!

רעזשיסער.

אַניט, — קורטינע אויפ׳ן קאָפּ!

ד י ר ע ק ט אָ ר.

פאַר׳ן ערשטען — וועגען דער סצענע,
בעשרייבען די וויכטיגע שטעלען ...

(צום רעזשיסער.)

דו וועסט זיי בעלייכטען ...

ל ע ק ט אָ ר.

און וועגען סיוזשעט?

ד י ר ע ק ט אָ ר.

רעדט דער פּערפאַסער אַליין.
אָט געהט ער ...

(דיכטער קומט אָן.)

ל ע ק ט אָ ר.

אַ בלאַסער,
פּלעמליך אין אויגען שוואַרץ,
די רעכטע איבער׳ן האַרץ ...

ד י ר ע ק ט אָ ר.

זעהט נישט קיינעם...

(אָב, פערדראָסען.)

ל ע ק ט אָ ר.

פערטראַכט ...

(צום פּובליקום.)

דאָס האָט ער דאָס שטיק געמאַכט,
יויל עפּיס זאָגען ...

# דיכטער.

אין דער מיט אריין געקומען, פערנייגט זיך עטוואָס ליג-
קיש פאר'ן פובליקום.)

אַ טרוים פון אַ פיעבער-נאַכט,
אויף אַ זומפּ, וואָס וויל נישט טראָגען
שטעהט דאָס קראַנקען-בעט,
עס וואַכט
דאָס טויט-צושראָקענע האַרץ...
פון ערגיץ העט,
פון סטעפּען שוואַרץ,
פון נאַכט-בעגאָסענע פעלדער
און וועלדער,
קומען
טענער ווילדע געשוואומען...
ווילדע, בלוט-דורשטיגע חיות ברומען,
טייוועל-געלעכטער, מתים-געשפּעט...
און ווייטע מיראַזשען-פלעמליך,
ווי הינטישע שוועמליך,
טאַנצען אַרום, לעשען זיך, וועקען
און שרעקען...
און אין דער הייך —
אַ הימעל-בלייך,
טויב-שטום אויסגעצויגען...
אָהן אַ שימער, אָהן אַ ליכטיגען צאַפּעל...
אָהן אַ שוואַרצען אַפּעל,
אַ ווייסעל פון בלינדע אויגען..
קיינער וואַכט,
אַ טויב-שטומע פיעבער-נאַכט!
און אַ וואַהנזיניגער לץ
פלעכט צופוסענס אַיין אַלטען נעץ

אַ נעץ
פון שאָטען און שטראַהלען...

(צוגעהט זיך, בעוועגט, אהין און צוריק.)

שאָטען פון פערגאַנגענעם,
קוים איבערגעלעבטע קוואַלען...
און שטראַהלען
ווערען אַריינגעהאָפּטען
פון נאָך אין נעץ נישט געפאַנגענעם,
פון קוים געהאָפטען...
פרעגט דאָס האַרץ אין שטילער פּיין:
„געוועזען", „וועט קומען", וואו איז זיין?
ווען קומט זיין פּאָדעם אַריין אין געפלעכט?
ענפערט ווער אין פיעבער-נעכט?
דער שאַקאַל, די היענע...

(צוגעקומען צו'ן אַ ווינקעל, אומגערעכט — אָב.)

ר ע ז ש י ס ע ר.

שטאַרק!

(דעם לעקטאָר וועקענדיג.)

די סצענע...

(אָב.)

ל ע ק ט אָ ר.

איין אַלטער מאַרק,
אָט, דאָס אַ מאַגיסטראַט.

(דאָס מאַגיסטראַט ווערט בעלויכטען.)

אין די נישען פון פאַסאַד

שטיינבילדער: אַלערליי
פּריצים אַלטע; גלחים צוויי,
פרום און פערקלערט;
און אין דער הייך, ווי איהר זעהט,
ביים זייגער-טהורם (דער זייגער שטעהט —)
אַ בישאָף מיט קרייץ און שווערט,
די האַנד געשטרעקט און געהויבען
גרייט צו קעמפּפען פאַר'ן גלויבען...
מיט'ן קרייץ בענשט ער, מיט'ן שווערט שטויסט ער...
אין הינטער-גאַס, טיעפער לינקס — אַ קלויסטער,

(קלויסטער ווערט בעלויכטען.)

דעם גאַנצען מאַרק איבערבליקט ער,
לייטזעליג שטאָלץ, צושמייכעלט האָלד,
מיט מאַרמאָר-ווייס און צלם-גאָלד,
און זיין לאַנגען שאָטען שיקט ער
איבערן מאַרק געשפּרייט,
ביז צו דער שוהל אין רעכטער זייט...

(עס ווערט בעלייכט די שוהל.)

אַ שוהל, ווי אַלע שוהלען,
קוקט אויף צושלאָגענע שפּאַקולען...
איין אַלטע מויער,
איינגעהילט אין טרויער,
אויסגענעצט פון טרערען...
אונטערן אייגענעם דאַך, דעם שווערען,
געדריקט... און קוקט צושראָקען
צום קלויסטער: זעה, איך פערנעם אַ בראָקען
אָהן פאַרבען, אָהן קלאַנגען;
טרעפּ-אַראָב ווערט צו מיר געגאַנגען...
דו — זיי גרויס! זיי בליצענדיג און העל!
נור נעם דיין שאָטען צו פון מיין שוועל,

ער ציהט מיר די נשמה אַרויס ...

(די קלויז ווערט בעלויכטען.)

אַ פריילינכער דלות די קלויז ...
אַלט, שיט זיך, פאַלט צוזאַמען,
און גרויסע פענסטער פלאַמען!
יונגלעך, תורה-לערנער זיצען —
בלאַסע בעקאַליך,
שוואַרצע לעקאַליך!
בליצען
די חנ׳עווודיגע אייגאַליך ...
זינגען די ווי פייגאַליך!
קלינגען ווי די גלעקאַליך ...

## רעזשיסער.

(בעוועגט זיך אין ווינקעל ברומענדיג.)

שפעט!

## לעקטאָר.

(וויל ווייז ענדיגען, דערהערט טריט אונרוהיג.)

אָבער עמיץ געהט ...

(ואַנדערער בעוועגט זיך, מיער און ועהר לאַנגזאַם.)

גאַנץ אונבעקאַנט ...

## רעזשיסער.

(דורכוואָרפענדיג ויין העפט.)

אין סצענאַר נישט דערמאַנט ...

לעקטאָר.

(דעם וואַנדערער מיט שטוינען בעטראַכטענדיג.)

טרעט,
פיקסירט די לופט, די לערע;
רוק-זאַק, וועגס-קליידער שווערע...
דער שטאָק מיט וועלקע רויזען געציערט,
געהט און פערליערט
די בלעטליך אינ'ם גאַנג...
די ליפען פערביסען...

רעזשיסער.

כ'געה, טהון צו וויסען...

(אָב.)

אַרום זיי דער שמייכעל — קראַנק,
יונגע אויגען קוקען באַנג
פון אונטער'ן גערונצעלטען שטערן...

(פויזע, דערהערט רייד.)

עפּיס רעדט ער, לאָמיר הערען!

וואַנדערער.

(זיך אומקוקענדיג.)

דערזעלבער הימעל, די זעלבע שטערען
דיזעלבע ערד...
און דאָס אויער הערט
און ווערט נישט פול פון הערען,
דאָס אויג — פון זעהן נישט זאַט...
נישט ליניען-און פאַרבען-מיעד...

דאָס נאָהענטע טרייבט, דאָס ווייטע ציהט
אַלץ מעהר, אַלץ מעהר...
פיס ווערען מאַט...
דער רוק-זאַק—שווער...

(הייבט אָן אָבצולעגען.)

און עס דריקען די געווענדער
מיט׳ן שטויב פון וועגען און לענדער
אין די נעט, אין געוועב...

(זעצט זיך ביי דער שוהל-טויער.)

שוועב צו, נאַכט, שוועב!
דיין שאָטען איז ווייך,
דיין אָטעם — לינד...
איך קום, פרעג נישט פון וואַנען...
און איידער דיין שאָטען צערינט,
געה איך פון דאַנען.
וואו אַהין? נישט פרעג...
אפשר ווייסט ווער אין דער הייך...
איך פון מיין לאַנגען וועג
בין עלטער געוואָרען, נישט קליגער...
כ׳געה שוין לאַנג, זעהר לאַנג
מיט דער זון; פון אויף- ביז אונטערגאַנג...
אין ערגיץ קיין פרעמדער און קיין היגער...
געטריבען פון אונבעקאַנטען יעגער,
וואָס טרייבט אַלע און מיך נאָך שנעלער..
רוה איך, טרוים איך אויף אַ פרעמדען געלעגער,
און ווערט עטוואָס העלער,
פון בעט אַרויס!...
נאַכט, לאָז רוהען אין דיין שויס..
איך וויל נישט אַריין אין שטאָט...

איך קען זי; דאָ, אין דיין געגנאָד,
שפּין אַ טרוים מיר אויס,
שטיל פערוויעג דאָס מיעדע האַרץ ...
שפּין גרוי, שפּין שוואַרץ,
שפּין רויט ...
קענסט אויך די פאַרבען מישען,
צוזאַמען וועבען ...
נאָר שפּין! שפּין פון לעבען,
שפּין פון טויט
און פון צווישען ...

(שלאָפט איין, די גאַזען-פאָרהאַנג איז שוין אַזוי דין, אַז מען זעהט בולט דעם גאַנצען מאַרק, מיט אַלע פערזאָנען, וואָס שפּיעלען אין אָנפאַנגס. די שוהל איז פינסטער, די קלויז — העל בעלייכט, בליץ-לאָמפּען ברענען רוויכיג אין דער טיעפעניש פון די קלייטען אין אַלטען הייפעל. קרעמער שטעהען גרייט, די לאָמפּען צו לעשען, צו פערמאַכען, אויפ'ן הילצערנעם גאַניק, אין דער הייך פון הייפעל, זיצען ווייבער פערקוקטע; מאַנכע צו דער קלויז, אַנדערע אַראָב צו די מיידלעך, וואָס שטעהען אין מאַרק אין איין אונבעוועגליכען ראָד, נאָך אַנדערע — אַרונטער, צו די קלייטען, אונטער די ווייבער זעהען זיך די פענסטערלעך צו די וואָהנונגען — רויט, ווי אָנגעצונדענע אויגען. אין געסיל פון הינטערגרונד, נעהנטער צום מאַרק, שטעהען צוויי עלטערע מיידלעך. איינע פון זיי — מיט אַ בריעף אין דער האַנד בּיי דער פלאַם פון אַ לאַמטער. טיעפער, אונטער זיי — דער לאָמפּען-לעשער מיט זיין אינסטרומענט, גרייט צו צוטרעטען צו זיין אַרבּייט. דאָס מאַגיסטראַט — פון אינעווייניג פערלאָדענט. אַרום די לאָדען-שפּאַלטען ציטערט אַ רעגענבויגען-פאַרביג-ליכט. אין מאַרק-ווינקעל, בּיים קלויסטער-געסיל — „ער“ און „זי“, געאַרעמט, גרייט אַריינצושפּאַצירען אין מאַרק אַריין, אָנגעשפּאַרט אָן דער

וואַנד, נישט ווייט פון דער שענק־טהיר, קענטיג ערשט פון דאָרט אַרויסגעקומען, שטעהט דער נאַכט־וועכ־טער, גרייט צו מאַכען די רונדע, מיט׳ן פייפערל אויף אַ קייט אַרום האַלז. דער געץ אין מיט מאַרק—גרינליך־טונ־קעל. די ברוקירטע געסל:ך שימערירען מיט׳ן גלאַנציגען קוזעל... די פלעמלעך אין די לאַמטערן — ציטערן ווי אין פייכטער לופט...

די פּערזאָנען, אויף זייערע ערטער צושטעלט, וואַרטען אונבעוועגליך אויף אַ צייכען, אָנצוהייבען.

רעזשיסער קומט צוריק מיט דירעקטאָר און דיכטער: זיי געהען צו אויף די נעגעל.)

## רעזשיסער.

(אויפ׳ן וואַנדערער וויזענדיג.)

שלאָפט...

## לעקטאָר.

ווי אין נעפּעל געהילט...

וואָס אויף אַ סצענע קען געשעהן!

## דירעקטאָר.

נעמט איהם, אין איינעם...

(דירעקטאָר, לעקטאָר און רעזשיסער נעמען און טראָגען דעם וואַנדערער טיעפער אין קוליסען־ווינקעל אַריין, איבערלאָזענדיג זיינע זאַכען.)

## דיכטער

(אין פּלוצלינגער אויפלייכטונג.)

האָב איך, הייסט עס, איינעם

פון זיינע חלומות געזעהן,
און דעם וועט מען שפּיעלען!

(זאַמעלט דעם וואַנדערערס זאַקען.)

(פאָרהאַנג.)

# ערשטער אַקט

[אויף דער סצענע — גערויש און בעװעגונג.

די קלויז לערנט, זינגענדיג. די שענק פלוישט, גערויש פון דער פערזאַמלונג, דורך אָפענע, שטאַרק-בעלייכטע פענסטער אויפ'ן נייעם שט[illegible]. קרעמער שליסען די קלייטען: געקריצער[illegible] פון [illegible]טע שליסלען אין אַלטע שלעסער. אונטען אין [illegible]ען לעשט זיך א פענסטער; די זאָקענשטריקערין, קומט אַרויס, א זאָק אַרבייטענדיג, און שטעלט זיך בײ'ן אַ לאַמטערן, צו װעלבען זי הייבט אָפט רעם זאָק, קאָנטראָליערענ-דיג, צי זי פערלאָזט נישט קיין אויג. „ער" און „זי" שפּאַציערען געאַרעמט, געגענזייטיג אין זיך פערקוקט, אין דער ריכטונג צום שוהל-געסיל, דעם מיידליך-ראָד פאַרביי. זייער אָרט פערנעמט דאָס נאַכט-מיידעל, װאָס שטעלט זיך ביי דער װאַנד, אויסקוקענדיג, מיט קרענקליך-בליצענדיגע, אַרומגערענדערטע אויגעי, װעמען עס איז פון מאַרק; הוסט. איהר פאַרביי, מיט אָבשיי אויף איהר קוקענדיג, מיט רעשטליך נישט-פער-קויפטע סחורה אין די הענד, שלעפּען זיך מיער אין מאַרק אַריין, אין דער ריכטונג צו דער זאָקענשטריקערין צו, די אויבסט-און-אייער-הענדלערין. דער נאַכט-װעכטער, נישט זיכער אויף די פיס, זוכט, פערשלאָפען, דאָס פייפערל אַרום האַלז, אויף דער רונדע צו געהן. דער לאָמפּען-לעשער הייבט אָן זיין אַרבייט אין היגטערגרונד-געסיל;

די עלטערע צוויי מיידלעך אַנטלויפֿען פֿאַר איהם צו'ן
אַ לאַמטער אין מאַרק. דאָס מיידליך-ראָד בעוועגט
זיך, ווי אין חלום, רונד אַרום, שטיל זומענדיג.
פֿון פֿערזאַמלונג קומט מען אַרויס אויפ'ן באַלקאָן, זיך
טריקענען פֿון שוויים.
איבערן גערודער הערען זיך שטימען:]

---

אַ יונגע שטימע פון קלויז.

הני מילי, — אַ מוכּח עץ!

אַ הייזעריגע פון שענק.

טרינק — פּאָדליעץ!

פון באַלקאָן, אַרויף צו דער פערזאַמלונג.

ס'אַ אײַזערן געזעץ!

פון אַ קרעמער ביי דער קראָם.

(ארויף צום באַלקאָן.)

העץ דעם עולם, העץ!

פון אַ צווייטען קרעמער.

וועסט אויסגיסען דאָס באָד!

פון אַ ווייבעל אויפ'ן גאַניק.

זיי וועלען פערברענען די שטאָט!

(עס ווערט שטילער; דאָס מיידעל־ראָד וועקט זיך.)

אַ מיידעל

שפּיעלען מיר אין קעסטאַליך...

ד אָ ס ר אָ ד.

אין קעסטאַליך ...

ד אָ ס מ יי ד ע ל.

— קומט אַרויס אַ בער...

אַ צ וו יי ט מ יי ד ע ל.

(אָנווייזענדיג אויף „ער" און „זי", וואָס געהען פאַרביי.)

— שטילער, שטילער, שוועסטערליך,
זעהט, ווער ס'קומט אַהער...

(בעווענען זיך איינגעהאַלטענער, זומען שטילער, אויף „ער"
און „זי" פערקוקט; צו זיי די אויערן צוגעשפּיצט.)

ז י.

(פער'חלומט.)

מעביל—ווייס, ראָזע טאַפּעטען!

ע ר.

(בעריהמעריש.)

געביעטען דאַרפסט דו, קינד, נישט בעטען!

ז י.

און אַיין אַמפּעל?

ע ר.

פון טריעסט!

ז י.

און אַ פאָנאָגראַף פאַר געסט?

וועט נישט זיין צו טייער?

נ אַ כ ט - ו ו ע כ̄ ט ע ר.

(דאָס פייפעל געפונען, די רונדע אָנהייבענדיג.)

היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!

(געהט אַרום מארק, שלאָפענדיג אין גאַנג.)

ב ד ח ן.

(רוקענדיג זיך ביי דער וואַנד נעהנטער צו דער קלויז; צום פּרוש.)

ס'איז מיר עפּיס אַראָב פון זינען...
כ̄'האָב עפּיס אַ וויכ̄טיג וואָרט פערגעסען...
צו לאַנג אין חורבה געזעסען
צווישען די שפּינען...
און כ̄'וואָלט מיר דערמאַנט, כ̄'וואָלט עס געפינען...
אַ רגע שטיל, און ס'וואָלט מיר געראָטען.
איז פול די חורבה מיט אַלטע שאָטען,
עפּיס הייליגע אַלערליי...
עפּיס וויינען זיי, עפּיס זאָגען זיי...
און ס'ציעפּיט זיך די פלעדער-מויז,
און עס שטערט די גריל...
און דאָ — די קינדער, די קלויז...
די ווייבער אויפ'ן גאַניק איבער דער לענג...
און די שענק...

אַ ו ו י י ב ע ל א ו י ף אַ ג אַ נ י ק.

וואָס ער ביעט זיך אויס...

**בדחן.**

(צום גאַניק אַרויף, זיך בעטענדיג.)

זאָל זיין שטיל, אֵיין רגע שטיל!
ס׳איז דאָך אַזוי נייטיג!
און ס׳איז דאָך אַ וועהטאָג...

(צום פרוש.)

עס איז דאָך פּאָרט
פערהאַן אַזאַ וואָרט,
אַלץ איבערצומאַכען, איבערצוקעהרען...

**פּרוש.**

(מיט דער האַנד צום הימעל.)

זיין ווערק!

(קעגענזייטיגער אֵיינגעשפּאַרטער אויגען-שפּיעל ביז צו גע-
גענזייטיגער סוגעסטיאָן; ביז ביידע ווערען אויף ווייערע ער-
טער ווי פערגליווערט.)

## דאָס עלטערע מיידעל מיט׳ן בריעף.

(וואָס האָט איהם געענדיגט, ווייזט איהם דעם צווייטען
עלטערן מיידעל.)

זעה, נאַס פון טרערען.

(קושט דעם בריעף; בעהאַלטענדיג איהם אין בוזעם אריין;
מעהר שטאַלץ אַלס פערליעבט, פון בריעף ציטירענדיג:)

איך בין זיין ליכטיגער שטערן...
קוקט ער מיר אין די אויגען אַריין,
טרינקט ער לוסט, ווי שטאַרקען ווין!

רופט מיך: ליעבסטע, ליעבסטע דו מיין...

(פארבייגעהענדיג דעם מיידעל-ראָד:)

קושט מיר די אויגען די בלאָהע...

א מיידעל.

אין ראָד, פערבליפט:)

אויגען האָט זי — גראָהע!

(די עלטערע מיידלעך — ראשער אָב אין שוהל-געסעל. לאָמפען-לעשער קומט אין מאַרק אריין, הייבט אָן זיין אַרבייט.)

א מיידעל.

(אין ראָד בעמערקט איהם, מאַכט נאָך ויינע טריט:)

טיפ—טאָפּ! טיפּ—טאָפּ!
הילעכדיג און שווער!
וואו ער שטעלט זיך, גיט אַ קלאַפּ, — —
אָבגעשטאָרבען אַ לאַמטער!

(קרעמער קומען זיך צוזאמען, און מאַרק זיך אָבוואַרטענדיג. דאָס נאַכט-מיידעל רוקט זיך ווייטער אַרוים; דער ערשט-גע-קומענער קרעמער בעמערקט זי. אוינען-שפּיעל.)

א ווייבעל פון גאַניק.

(דערזעהען, אונרוהיג אַראָב צום קרעמער.)

שפּעט! ס׳עסען ווערט קאַלט!

קרעמער.

(פערשעמט.)

באַלד... באַלד...

(האפט ארוים זיין טאשען-אוהר, וויל, מכלומרשט, פער-
גלייכען מיט'ן שטאָט-זייגער.)

כ'זעה נישט פון ווייטען ...

(צו די אָנקומענדיגע.)

איהר זעהט?

צווייטער קרעמער.

(האָט פערשטאַנען, לאַכט.)

אַז יענער שטעהט
פון מלך סאָביעסקיס צייטען ...

ערשטער קרעמער.

(וויל נישט נאָכגעבען, מיט א געבעט-בליק.)

מיין זייגער לויפט ...

דער דריטער קרעמער.

(ראַטעוועט פון פערלעגענהייט.)

אָלטוואַרג אַ וואָגען פערקויפט!

צווייטער קרעמער.

מאָרגען — אויפ'ן יריד?

ערשטער קרעמער.

וואָלט איך געלד געהאַט ...

פרוש.

(פון קלויז ארויסגעקומען, זיך נישט דרייסט בעטענדיג.)

נעמט מיך מיט. נעמט מיך מיט...

(מען הערט איהם נישט.)

פערטער קרעמער.

(צוקומענדיג, אויפ׳ן נאָבט־מיידעל פערקוקט.)

אָבער — בלאַט!

אַ צווייט ווייבעל פון גאַניק אַראָב.

(שטרענג.)

יואל!

(קרעמער צוגעהען זיך; טייל—אויף די טרעפ, צום גאַניק ארויף.)

זאָקענשטריקערין.

קען קומען דער גואל?!

פרוש.

זינדיג איז די וועלט, זינדיג...

דאָס מיידעל ראָד.

(נאָך אַ מאָל געוועקט.)

שפּיעלען מיר אין קעסטאַליך,
קומט אַרויס אַיין אינדיק...

### זאָקענשטריקערין.

(צו די צוגעקומענע הענדלערנס, מיט שמייגענדיגער לײדענשאַפט.)

אוי, ליעבע שוועסטערליך,
פאַרצייטענס ווען ס'פּאַסירט,
מען וואָלט זי אין באָד אַריין געפיהרט,
אין פעך אויסגעשמירט,
אין פעדערן אויסגעציערט
פון מאַרק, פון שטאָט אַרויסגעפיהרט ...
געפּיפען און געשמיסען!

### אויבס-הענדלערין.

איך וואָלט זי צוריסען ...

### אייער-הענדלערין.

(ענדיגט.)

אויף שטיקער ...

### מיידלעך פון ראָד.

נתן-שכור! נתן-שכור! נתן-שכור!

(נתן-שכור וואקעלט זיך ארויס פון שענק; דורך דער אָפענער טהיר הערט זיך געזאנג.)

### היימישער דיכטער.

(זיין שטימע פון שענק ארויס.)

זינגט!
טרינקט!
האַלזט אייך און קישט!

די ליעבע פעריינגט,
דער וויין — דערפרישט!

טרינקער-כאָר פון שענק אַרויס.

די ליעבע פעריינגט,
דער וויין — דערפרישט!

היימישער דיכטער.

העכער
די בעכער!
שלאָגט אָן און קלינגט!
ווען אַז נישט איצט?
דאָס לעבען פערבליצט...

(געזאַנג רייסט זיך איבער.)

נתן-שכור.

(האָט פערמאַכט אונטער זיך די טהיר, ענדיגט.)

ס'איז פאַר'ן טויט קיין מענש בעשיצט...

(וואקעלט זיך, פאַלט. פערהונגערטער ארבייטער, געקומען פון הינטערגרונד-געסיל. וויל איהם, אין פאַר-בייגעהען, אויפהייבען.)

נתן שכור.

(לאָזט זיך נישט.)

ליג'ך...
אַזוי וויל'ך...
אויסגעשטרעקט...

## פערהונגערטער אַרבייטער.

(געהט אָב צו'ן אַ טויער, וואו ער וועט זיך ועצען אָברוהען, צוריקוואַרפענדיג:)

שוויין!

## נתן שכּור.

ווי זיס, ווי פיין
די פייכטליכע ערד שמעקט...
האָניג מיט מילעך!
אָהן הענד — ווי אַ מאַמע גלעט זי...
אָהן לשון — מאַמע-לשון רעדט זי...

(די קלויז שטילט זיך דערוויל. יינגליך האָבען די טיש- און שטענדער-ליכטליך געלאָשען, פערשיידען-פאַרביגע פאַפּיערענע לאַמטערליך אָנגעצונדען און געהען אַרוים.)

## מיידליך.

(אויפלעזענדיג דאָס ראָד.)

— קיהל...
— אָהן יינגליך איז קיין שפּיעל...

## יינגליך.

(געזאַנג, פון געסיל אַרויס.)

וואָס איז דער מענש? וואָס איז זיין ווערט?
אַש פון דער ערד; שטויב פון דער ערד!

(שוין אין מאַרק.)

היינט — אין שטוב,
מאָרגען — אין גרוב!

(פערשװײגען פון אַבשײ, צוגעקומען צום געץ; מײדליך
געגעהנען זיך צו זײ פאַמעליך און אײנציגװײז.)

**אַ ײנגעל.**

(אויפ׳ן געץ.)

אַײן „ער" צי אַ „זי"?

**אַ צװײט ײנגעל.**

צוזאַמען!

**אַ מײדעל**

איך האָב עס געהערט פון דער מאַמען...

(געגעהנט זיך, נאָך איהר- אַנדערע.)

**דיכטער.**

(װאָס האָט, אַרויסקומענדיג, געהערט.)

די ליעבע!

**פּרוש.**

(איבערשרײענדיג.)

די זינד!

בלינד!
אינערװײניג שטיקען זיך פלאַמען!

**דאָס ערשטע יונגעל.**

חאַפּט זיך אָפּטמאָל אויף בײנאַכט,
האַלבער-נאַכט...
זאַכט,

מויל און אויגען — אויפגעמאַכט ...
פון מויל — אַ שנירעל וואַסער פליעסט,
פון ד׳אויגען זיך גיעסט
אַ פערכשופט-רויטליכער שיין ...
ווערט אַרום און אַרום אַ פערכשופט ראָד ...
און טרעט ווער גראָד
אין פערכשופטען ראָד אַריין,
דער וועט שוין זיין וועג נישט געפינען, —
דער קומט שוין פון זינען,
און עס ציהט איהם אין ברונען אַריין ..
ווי ער האָט געמאַכט...
מיט די קלעזמער ...

## יִנגליך און מיידליך.

נישט היינט געדאַכט!

### אַ מיידעל.

ז׳זענען נאָך דריינען?

### אַ יִנגעל.

אויסגעשעפט, קיין זכר געפינען ...
צונד — מיט אַ צוים פערהיט!

## היימישער דיכטער.

(צום גאַניקיל אַרויפגעהענדיג.)

איך האָב דערפון געמאַכט אַ ליעד!

(אַרויפגעקומען, אין פויזע געשטעלט, דעקלאַמיערט.)

האָט איהר געהערט פון שרעקליכען פאַל
ווי ס׳אי׳ דער קאַפּעלע, דער היעגער דערגאַנגען?

האַלבער נאַכט, פון פּריצישען באַל,
פון פּריצישען באַל, פון קלויסטער-גאַס!
זענען, אָהן ציצית, קלעזמער געגאַנגען:
פיעדעל, טראָמפּייטעל, פּייקעל און באַס...

. . . . . . . . . . . . .

געהען די קלעזמער פון פּריצישען באַל,
נסך געטרונטען, פת-עכו"ם געגעסען,
שכור פון תאוה, שכור פון וויין...
ס'איז האַלבע נאַכט,
דער געץ וואַכט,
נעמט ער און ציהט זיי אין ברונען אַריין...

. . . . . . . . . . . . . .

שפּרינגען זיי איינס נאָכ'ן צווייטען כסדר...

(האַקט אָב, פון בדחן צאָרניג פּיקסיערט.)

**אַ י ו נ ג ע ל.**

(אויפ'ן בדחן מיט שרעק אָנווייזענדיג.)

דערבּיי געווען?

**אַ צ ו ו י י ט ע ר י ו נ ג ע ל.**

אַקעגען געגאַנגען... און אַלץ געזעהן...

**ב ד ח ן.**

(האַפּט צאָרניג אַרויס אַ רויטע אַפּיטשיילע פון בוזעם.)

האָ — האָ!
קינדער זאָגען אויס פון חדר...
(יאָגט זיי, מיט דער אַפּיטשיילע וועהענדיג:)

אַ — שאָ! אַ — שאָ!

(קינדער צולויפען זיך אין הייזער, אויפ'ן גאַניק אַרויף, מיט
אַ שרעקיג צעוואָרפען געלעכטער.)

**ווייבער-און קרעמער-שטימען אויפ'ן גאַניק**

— אַיין אַיינפאַלען דאָס האָט!
— אַלץ דער געץ!
— פאַרוואָס צוברעכט מען נישט דעם געץ?
— פאָרט אַמאָל געווען אַ גאָט!

**לאָמפּען-לעשער.**

(וואָס האָט געענדיגט זיין אַרבייט אין מאַרק, אַבגעהענדיג
צום קלויסטער-געסיל.)

— גוט נאַכט!

**בדחן.**

(אונטערהאַפּענדיג אין מאַרק אַריין, צום גאַניק אַרויף:)

— גוט נאַכט!

(ווירקונג.)

**שטימען.**

גוט נאַכט! גוט נאַכט! אַ גוטע נאַכט...

(געהען אין די שטובען אַריין; די פענסטערליך אין גאַניק
ווערען פון אינערווייניג פערלאָדענט.)

**בדחן.**

(צופרידען.)

אַזוי איז גוט... אייגען — בלינד...

(אויף דער אפיטשיילע.)

כ׳מאַך נאָך מיט דער כלי ווינד,
און לעש אויס אַלע שטיבער!
זאָל זיין פינסטער ווי אין גריבער!
שטיל ווי אין גריבער!

(טהוט עס; וועהט קעגען עטליכע נאָך ליכטיגע פענסטער, לעשט זיי דערמיט, וויל צוגעהן נעהנטער צום נייעם שטאָק, לעשען די פערזאמלונג; עס מיידען איהם אויס, איהם נישט בעמערקענדיג.)

יונגע-לייט.

(וואָס האָבען זיך געלאָזט פערשטווילען פון שוהל-געסיל צו דער פערזאַמלונג, שנעל ריידענדיג, מיט זיך פערנומען:)

— וועסט רעדען?

— וועגען סיים!

— איך — וועגען שקלים!

— אַ פאָלק, ווי אַ מענש, מוז האָבען אַ היים!

בדחן.

(הינטער זיי, דעם שטאָק מיט דער אפיטשיילע לעשענדיג.)
אָדער אַ חלום!

פערהונגערטער אַרבייטער.

(אויפשפרינגענדיג.)

זיי ווילען דען מעהר?!

נאַכט-מיידעל.

(צו די יונגע-לייט, וואָס צערשטרייען זיך, צושראָקען.)

קומט מיט מיר ווער!

(אז יענע לויפען אַב, צום בעמערקטען ארבייטער, ויך גראָב צושמייכלענדיג.)

דו... דער שענסטער... דער בעסטער!

פערהונגערטער אַרבייטער.

שוועסטער,
ווי האָסט דו דיך פערגעסען?

נאַכט-מיידעל.

(בעטראַכט איהם; נישט גלויביג:)

האָסט עפּיס צו — עסען?!

פערהונגערטער אַרבייטער.

(מיט איין אָנצוגעהערעניש.)

נישט אפילו וואו צו שלאָפען...

נאַכט-מיידעל.

(זיך הארט אָבווענדענדיג.)

אָבער שטראָפען קען ער, שטראָפען!

(געהט אין דער ריכטונג צו נתן-שכור.)

פערהונגערטער אַרבייטער.

(מיט די פויסטען קעגען פאַבריק-דאַך.)

זייג! נאָג אונז אויס אומזיסט!
וואַרף אונז די שוועסטער אַרויס אויפ'ן מיסט!
פעראימווערדיג אַלעס, וואָס הייליג און טייער...

## נאַכט-וועכטער.

(פון געהענדיגען שלאָף געוועקט.)

היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!

## נאַכט-מיידעל.

(ריהרענדיג מיט עקעל נתן-שכור.)

## נתן-שכור.

(האַלב די אויגען געעפענט.)

— שיינדאַלע... מיידאַלע קליינס!

## נאַכט מיידעל.

(ווילענדיג איהם אויפהייבען, אונגעדולדיג.)

אַלץ איינס!

(לאָזט איהם אָב, אָהן אָטעם.)

ביסט אַזוי שווער!

## נתן-שכור.

(דערזעהט זי; שרעק.)

„ער בּיסט דו ווער?

(וואַרפט זיך צו דער ערד, שלאָכצט.)

גלייב מיר, שיינדאַלע, גלייב!
כ'קען זי נישט... קיינמאָל געזעהן...

## בדחן

(צום נאַכט-מיידעל, טיעף-באַרמהערציג.)

מיט מיר וועסט געהן?

פרוש.

(שרעק.)

גאָט, דעם שטן פערטרייב!

(נאַכט־מיידעל, פוןביידע איבערגעשראָקען, שפּרינגט אָפּ פאַלט עמיצען, וואָס איז אַרויסגעקומען פון פעלדשער־שטוב, מיט צוויי גרויסע פלעשער מעדיצין אין ביידע הענד, אויף דער ברוסט אַרויף. ער פערליערט די פלעשער, וואָס פאַלען און פּלאַצען אין מאַרק. אַיין אויפגעציטערט פון אַלע אַרום.)

עמיץ.

אָה, קום אין מיינע אָרים אַריין!
דיין אויג בליצט אין דער נאַכט אַריין...
הייליג שמעקט דיין לייב!
איבער דיין קאָפּ ווייסע טויבען שוועבען...

(אַז דאָס נאַכט־מיידעל וויל זיך אויסרייסען.)

בלייב אין מיינע אָרים, בלייב!
שטיל זיך איבערגעגעבען...

(זי פעסטער אַרומקלאַמערנדיג און נישט לאָזענדיג קומען צום וואָרט.)

ליפּען צום קיסען, ליפּען צום קיסען!
גאָר נישט פרעג! וויל גאָר נישט וויסען
וויסען לעהמט!
דערשראָקען און פערשעמט,
פּראַלט מען צוריק...
אין שטילען צופאַל איז גליק!
אין זיין פערבאָרגענער שויס
בליהט, פלאַמט די מיסטישע רויז —
אייביגקייט אין אויגענבליק!

## נאַכט-מיידעל

(קוים זיך אויסגעריסען, עטוואָס אָבגעשפרונגען, איהם מיט עקעל בעטראַכטענדיג.)

דאַר ווי אַ שפּין...
אַ שטים פון אַ גריל...
ווער ביסט דו?

## עמיץ

(זי צוריק אין די אָרים האַפּענדיג.)

שטיל!
כ'ווייס נישט, ווער איך בין,
כ'ווייס נאָר, וואָס איך וויל...

(ציהט זי מיט געוואַלט אין אַ טהויער אריין, וואו ביידע ווערען פערשוואונדען.)

## פרוש.

אָ גאָט, שטראָף!

(פון אונטער די פערלאָרענטע שטיבער, שפּינט זיך פון שטילען גערויש אויס אַ —)

## קריאת שמע.

שיק צו אונזערע אויגען שלאָף,
צו אונזערע ברעמען — דרימעל,
גאָט, וואָס קיניגסט אין הימעל

. . . . . . . . .

הער אויס אונזער תפלה!
שיק אונז חלומות זיסע, שטילע!
פון ישועות, פון נחמות...

און קומען צו דיר די נשמות,
האַלט זיי, אונטער דיין פליגעל פערבאַרגען,
ביז מאָרגען ... ביז מאָרגען ...

(די קריאת שמע צורייסט זיך.)

(פויזע. די שענק פערלאָדענט זיך פון אינערוויינג. עס בלייבט נאָר ברענען די אויפשריפט פון דער שילד. אויפ'ן גאַניק מיט אַ נאַכט-לטמפעל, וואָס ער שטעלט אויף אַ טישעל, קומט אַרויס.—)

הײמישער דיכטער

(אין הימעל פערקוקט. דעקלאַמירט:)

אין מערב-ראַנד
שאַפט אַ פערבאָרגענע האַנד ...

פרוש.

מיט טרויער דער הימעל פערצויגען ...

הײמישער דיכטער.

נעפּאַליך גראָהע שפינט זי,
פעדימליך רויכיגע בינדט זי
נעצען, נעצען שטריקט זי ...

פרוש.

אויף נשמה'ליך — שטערען!
לעשען זיך הימלישע אויגען!

הײמישער דיכטער.

ציטערט די לבנה
זילבערן גאַנץ ...

טריפֿען די שטערן
אַ גאָלדיקן גלאַנץ ...

פרוש.

טרערן, טרערן!

היימישער דיכטער.

ווייט און ברייט ...

פרוש.

די קליפה איהר נעץ פֿערשפרייט ...

היימישער דיכטער.

שטערנדליך לעשען זיך,
שרעקען זיך, וועקען זיך ...

פרוש.

ווערען פון קליפה געפאַנגען ...

(אזוי געשיהט.)

היימישער דיכטער.

שלאָפט איין מאַרק און שטאָט!
גאָט, העלף אין דיין גענאָד!

בדחן.

(מיט בעהאלטענער פרייד.)

אונטערגאַנגען! אונטערגעגאַנגען!

בלינדע הייזער, שוואַרצע פענסטער

הײמישער דיכטער

אַ נאַכט פאַר געשפענסטער.

פרוש.

און פאַר שגעון!

דיכטער.

(אַבגעהענדיג, צום בדחנ'ס שטילער פרייד, מיט'ן לעמפיל.)

ביז עס קרייעט נישט דער האָהן,
וועכטער, וואַך!
קיין אויג פערמאַך!

(אָב.)

פרוש.

אַ שווײַער דורך די לופטען ציהט...

(אָבגעהענדיג אין קלויז אריין.)

היטער, היט!

(אָב.)

נאַכט-וועכטער.

(וואָס איז שוין געזעסען, אָן אַ וואַגד אָנגעשפּאַרט.)

ך'קען נישט מעהר!

(מיט אַ בליק צו דער שוהל, דערנאָך צום קלויסטער.)

זאָל היטען די אָדער דער!

(די שילד-אויפשריפט פון שענק לעשט זיך.)

עס לעשט זיך אויך פון שענק די שילד...

(איינדרימלענדיג.)

דער קאָפּ — שווער, די ברעמען שווער...

(שנאָרכט.)

בדחן.

(מיט דער פויסט צום הימעל.)

דיין עבענבילד!

(פאָרהאַנג.)

# צווייטער אַקט

[ערשטע פאָרהאַנג; שטאָלע סצענע.]

## לעקטאָר.

נאַכט!
פון זינען אַראָב אַ לץ;
ער איינער וואַכט!
וועט כשופען דער אַלטער געץ,
אין זיין לאַנג פערגעסענער פראַכט...

וועט זיין אַ שפּיעל פון שאָטען-שפּריצען,
פון פיעבער-קראַנקע-אויגען-בליצען!
טויט צושראָקען איז דאָס האַרץ!

די נאַכט איז וויסט;
די נאַכט איז טויב-שטום און שוואַרץ...
פון ערגיץ אַ בייז געלעכטער שיסט,—
צאַפּעלט דאָס פערריקט-
פיעבער-קראַנקע האַרץ,
אין בייזע חלומות פערשטריקט!
און טויט-מיעד...

און פון ערגיץ קיין הילף אין דער נויט!
ערגיץ אַמאָל רויזען געבליהט,
זיי וועלקען!

ליליען און נעלקען —
טויט!

מיט דער פויסט געגען הימעל געשטרעקט,
שגעון לעסטערט, און וועקט
פון נאַכט-פערשלייערטע געצעלטען
אַלטע, לאַנג-פערפאַלענע וועלטען...

(אָב. צווייטע פאַרהאַנג.)

### בדחן.

(קניהט פאר'ן שלאָפענדיגען נאַכט-וועכטער, נעמט איהם אראָב דאָס פייפערל פון האַלז, טרעט אָב צום געץ צו.)

עה, דו, אַלטע גרויל!
עפען ד'אויגען עפען ס'מויל!
דיין גיעריג ליכט פליס,
דיין וואַסער גיס...
דער הימעל — פערמאַכט!
עס איז אונזער נאַכט! אונזער נאַכט!

(שטיינבילדער קומען אין שרעקיגער בעוועגונג.)

### אַריטער.

ער וועקט דעם געץ!

### אַגלח.

וועקט אומזיסט!
דער גלאָק איז גרייט!
פון אויבען שיצט זיין היילינקייט!

(דער געץ וועקט זיך, טהוט דעם בדחנ'ס ווילען.)

### בישאָף.

(פון טהורם אראָב.)

עס איז די צייט פון אַנטיקריסט!

### בדחן.

(גרינזט, נעמט דאָס פייפערל צום מויל, בלאָזט אין אַלע פיער זייטען, אין דער לופט אריין, צום הימעל ארויף.)

מאָרגען קענסט דו שטראָפען!
נאָר כל זמן דו וועסט שלאָפען
בין איך דאָ פעלד-מאַרשאַל!
און איך וועל פיהרען!
העי, פון אַלע נאַכט-קוואַטיערען,
פון פעלד און וואַלד,
פון הייל, ריץ און שפּאַלט,
פון כּף-הקל׳
קום, שאָטענדיג געזינדעל,
פון טרוים,
שוים
צוזאַמנגעוועבט!
זיין ליעבען נאָמענס הייליגער שווינדעל...
אַלץ, וואָס טויט און גלייבט, עס לעבט...
געזונד זייט מיר און שטאַרק!
קומט צום אַלטען מאַרק, צום אַלטען מאַרק!
קומט, איך וועל קאָמאַנדיערען!

### אַריטער.

(עמפּערט.)

אין אונזער לאַנד!

### אַצווייטער.

שמאַך און שאַנד!

### בדחן.

גאָטס וועלט וועל איך פיהרען!

ג'אָז איך מיך נאָר וואו אַהין דערמאַנען.

(דערזעהט צווישען די געקומענע שאַטען דעם וואַסער-טרעגער.)

וואָס וויל דער מיט די קאַנען?

וואַסער-טרעגער.

(ווי שפּעטער אַלע שאָטען, פון בדחן פּיקסיערט, שטעלט זיך אָב.)

גרויסע היצען, שטאַרקע היצען!
און אין בית-המדרש זיצען
לומדי תורה, און זיי שוויצען,
קלעבט צום גומען זיך די צונג.

(איילט צום געץ, שטעלט אונטער דעם וואַסער-שנירעל א קאַן אָהן א דנאָ.)

באַלד, באַלד!
כ'גיב אַ שפּרונג!
כ'ברענג אייך וואַסער, פריש און קאַלט!
כ'וועל אייך מים חיים געבען!

בדחן.

און משיח'ן דערלעבען
אינ'ם זכות פון פרישען טרונק!

(וואַסער-טרעגער, צושראָקען אָב.)

אַ גלח.

(פערגלייסט צום הימעל די אויגען.)

כ'אַך קלאָר, שעפּאַלע ריין,

דעם אַיינגעשפּאַרטען!
זאָל ער נישט וואַרטען,
אומזיסט נישט וואַרטען,
פּאָטער דו מיין!

## האָלץ-העקער.

(פון ברחן פיקסיערט.)

דער פראָסט איז גרויס...
יתומ'עליך נאַקיט און בלויז;
נישט געהייצט די תלמוד-תורה...
איך זעה אַייער פּיין און אַייערע טרערען...

(שטעלט זיך האקען אין דער לופט.)

באַלד, באַלד,
כ'ברענג אַייך האָלץ, האָלץ פון וואַלד...
אָט אַ שייט! נאָך אַ שייט!
און עס וועט וואַרים ווערען!

## בדחן.

און וויל דערפאַר, קומט די צייט,
דעם משיח'ס שופר הערען!

## אַ גלח.

(אויפגערעגט.)

פאַלשע רייד, דומע רייד!
לאַנג געבלאָזען די טראָמפּייט!
לאַנג שוין אויסגעלייזט די וועלט!

## צנועה.

(ווי די פאָריגע.)

נישט עס האָט זיך מיר פערוועלט,

חלילה!
נישט צוליעב מיין מאַן אפילו
געה איך טבילה
אין אַזאַ נאַכט,
אין אַזאַ קעלט...
בענש-ושע, גאָטעניו, מיין טראַכט...
און די לענדען פון מיין יואל...

בדחן.

זאָל פון זיי אַרויס דער גואל!

צנועה.

(אָבלויפענדיג מיט פרייד.)

אוי, איז מיר גוט! אוי איז מיר וואויל!
אַזאַ כשר בת-קול געהערט...
ס׳איז אַ גרויסער גאָט פערהאַן...
לויף איך זאָגען די בשורה מיין מאַן!

צוויי שמייסער.

(מיט לאַנגע בייטשען צוקנאַקענדיג.)

ערשטער.

אַ קבלה פון מיין זיידען:
ווילסט דו האָבען אַ געשפאַן, —
האַבער — ווי קריסטאַל!

(אַ קנאַק מיט דער בייטש.)

צווייטער שמייסער.

לאָז איהם רוהען אין גן-עדן!

דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל ...
איך גיב קלייען, איך גיב מאַקאָך,
און זיץ איך אויבענאָן און קנאַק איך —
איבער בערג און טאָל!
גוטע וועגען, שלעכטע וועגען...

בדחן.

און — משיח'ן אַקעגען!

(שמייסער, צורודערט, איילען צום קלויסטער-געסיל.)

מקובל.

(רופט ווי נאָך.)

אויפ'ן יריד?
וואָס ניט?
נעמט מיך מיט, נעמט מיך מיט!
כ'האָב נוטריקון און לפ"ק'ן
און איך מוז דעם תשבי פּאַקען — —

(אָב, נאָך יענע.)

בדחן.

אויף משיח'ן פרעגען!

קרעמער.

(אין דערזועלבער ריכטונג ווי יענע.)

— וואו שטעהט דען די בויד?
— וואו זענען די וועגען?

(איין אָבגעשטעלט ראָד.)

— ווי טייער איז קרויט!

— לאָז נאָר זיין רעגען ...

(אָב.)

(עס קומען אָן: אַ דיקער בעל־הבית אין בעגלייטונג פון צוויי מאָגערע אָרימע־לייט.)

בעל-הבית.

קענט איהר מיין הויז?

אַ מאָגערער.

אַ שפּאַס!

דער צווייטער.

אַ האַלבע גאַס!
אייזערנע ווענד!

דער ערשטער.

און דער פונדאַמענט?!

בעל הבית.

ביז'ן נאָפּעל פון דער ערד!
אויפ'ן בוידים—ווייץ, אין קעלער—י"ש...
און אַלע פּריצים אין דער טאַש...
און — איהר הערט?
די וועלט איז אויך אַ וועלט!
נאָכ'ן מרחץ — אַ גלעזעלע מעט!
נאָך הבדלה, אויב נישט שפּעט
קומט דער חזן, זינגט ער זמירות...
און מיין סוכה... מיינע דירות!
און טראָג מיר לייפּציגער גרעט

שמעק מיר פראַנצעזישען טאַביק...

בדחן.

שטאַרב!

(בעל-הבית וואקעלט זיך צום פאלען.)

ערשטער מאָגערער.

ווי עס בייט זיך איהם די פאַרב!

צווייטער מאָגערער.

(דעם דיקען בעל-הבית אונטערהאַפּענדיג, אין מארק אריין.)

אַ מעבר-יבוק! געשווינד אַ מעבר-יבוק!

(אָב, עס בעווייזען זיך:)

משכילים.

(לעזענדיג די שילדען אין מארק.)

— אַוועק די צייטען די ווילדע!
— ערשטע גילדע... צווייטע גילדע!
— אַדוואָקאַטען און דאָקטוירים...
די ־ייט געהט נישט צוריק...

(בעמערקט דעם רויטען פאבריק-דאך.)

— און דאָרט וואָס איז? זעה נאָר, זעה!

פערהונגערטער אַרבייטער.

(אויפשפרינגענדיג.)

חמורים!
ס'אַ פאַבריק,

וואָס ציהט אַרויס די קלעע!

(משכילים, צושראָקענע, אָב. עס קומען אָן אַרבייטער, וואָס געהען צו דער פאַבריק צו, געפיהרט פון געהאָנגענעם, מיט'ן שטריק אויפ'ן האַלז; אונטערשטעליג בלייבט די בלינדע זעצערין. הינטער איהר לאָכט-צו דער אַרעסטאַנט אָהן אַ פום.)

## דער געהאָנגענער.

אין דער הייך, אַז מען קומט אַרויף,
נאָך מעהר געטראָצט!
די אויגען אויסגעגלאָצט—
דעקט זיך פאַר אייך אויף
די וועלט, די גאַנצע וועלט...

(אָב צו דער פאַבריק.)

## בדחן.

(צו דער בלינדער זעצערין.)

האָסט דיך אָבגעשטעלט?

## בלינדע זעצערין.

בלינד! וואָס מיר איז געשעהן?
יאָהרענלאַנג אַ זעצערין געווען...
אין אַ פינסטערען קעלער-טיעף...
פערשטעהסט? קאָנספּעראַטיוו...
און אָהן אַ בלייס... און פיצעלע שריפט,
און דער שטויב פון בליי איז גיפט...
מוז מען די אויגען פערליערען...

אַרעסטאַנט אָהן פוס.

(אונטערגעקומען, נאָך א בליק פון חשד אויפ'ן בדחן, צו דער בלינדער, וואָס ער נעמט אונטער די אָרים.)

קום, איך וועל דיך פיהרען!

בלינדע זעצערין.

הינקסט?

אַרעסטאַנט אָהן פוס.

— — — פערגעסען?
צוועלף יאָהר אין קייטען געזעסען!
אַ פוס געפוילט, אַראָבגענומען,
מיט אַ מעסער ווי אַ זעג!
בישט צו קבר ישראל געקומען!
אָבער פאָרווערטס געהט דער וועג...

(א דורכגעשאָסענער הוזאַר טרעפט דעם געקעמפטען גארבער, וואָס בלאָנדזשעט אַרום מיט'ן קאָפּ אין די רויטע הענד.)

הוזאַר.

ביסט אויף מיר בייז?

(נעמט, אז יענער ענפערט נישט, איהם דעם קאָפּ פון די הענד אַרויס, שטעלט איהם צורעכט אויפ'ן אַקסעל, פרעגט נאָכאַמאָל, העכער:)

— — — ביסט אויף מיר בייז?

גאַרבער

(שטאַמעלט מיט דער צונג.)

איך... איך... איך ווייס?

און — פֿאַרוואָס ?

הוזאַר

אַ פֿאַקט !
דאָס האָב איך דאָך דיר אָבגעהאַקט
דעם קאָפּ ...

גאַרבער.

פֿאַרוואָס ?

הוזאַר.

פֿאַר דאָס !
האָסט אַ רויטע פֿאָהן געטראָגען אין גאַס !
איז געווען אַ פּריקאַז :
„קאַלט געוועהר!" ...
אָהן אַ קלער,
פֿאָלגט דעם זעלנערס האַנד ...
האָט דיך נישט פֿערדראָסען ?

גאַרבער.

נישט געזעהען, ווער ...

הוזאַר.

דערנאָך — האָט מען מיך געשאָסען,
קוים געקומען צום פֿערשטאַנד ...

גאַרבער.

(דערפֿרייט.)

אַלזאָ — געגאָסען !

הוזאַר.

האַנד אָן האַנד!

(ביידע צ״ב.)

בדחן.

(אַליין בלייבענדיג, ענטצוישט.)

געזומט
און געברומט,
קיין וואָרט נישט דערמאַנט!
עמיץ געהט... עפּיס מיר בעקאַנט...

חזן.

(צוגעקומען.)

דער עמוד — אַ גולם!
אַרום — דער בייכיגער עולם —
פהי!
ס׳פאַרהענגעל גיט זיך אַ ציה,
אַ בליק פון די זיסע עינים...
געהט שוין:

(זינגט.)

— — — — גדי,
קשור ידים,
ברכות לישאַ—אָ—אָ...

געפרוירענע.

(פון וויטענס פארבייגעהענדיג.)

אוה, או—הו—הו! אוה—הו—הו!
אוי, ווי איך פריהר,

וועה צו מיר, וועה צו מיר ...

(פון בדחן און חזן פיקסיערט, פון ווייטענס אָבגעשטעלט.)

ער האָט מיר די נשמה פערקיהלט!
עס ציטערט איהם די האַנד,
רעדט ער, שיט זיך אַ זאַמד
פון הוילען מויל ...
פויל;
מען האָט איהם פון קבר געפיהלט...
די אונטערשטע ליפּ אַראָבגעלאָזט ...
איין אייבינער פראָסט ...
אַ גרויל!

(אָבגעהענדיג.)

אוי ווי איך פריהר,
וועה צו מיר, וועה צו מיר ...

חזן.

(צום בדחן.)

זי לעבט?

בדחן.

גלייך מיט דיר!

(מיטלייריג.)

איך וויל מיט דיר נישט שפּיעלען...
געה!

חזן.

— — וואו אַהין?

## דחן.

(צו דער שוהל הויזענדיג.)

אַהין!
געה אַהין און פריף...
כורעים פאַל, בייג זיך טיעף,
אין האַרץ זיך שלאָג...
וואָס מען דאַרף זינג און זאָג...
מיך לאָז אַליין...

(חזן אָב צו דער שוהל.)

## שמש.

(ארויסקומענדיג פון הינטערגרונד-געסיל, צו דער שוהל געהענדיג.)

אין שוהל אַריין, אין שוהל אַריין!
נשמות הקדושים מזכיר זיין!
די דערטרונקענע, פערברענטע,
די געפייניגטע, געשענדטע...
אין שוהל אַריין, אין שוהל אַריין!

(אין מארק הייבען זיך צוריק אָן צו זאמלען די שאָטען, קוקען, ווארטענדיג אויף בעפעהל צום בדחן. אויפ'ן גאניק קומען ארויס אַלטע יודען מיט סדורים און ברענענדיגע וועקסענע קערצען אין די הענד; נאָך זיי — די קרעמער מיט פיס-בענקאליך פאר זיך און פאר יענע; זעצען זיך.)

## חצות.

זעה גאָט, ווי אונז איז דערגאַנגען
זייט דו האָסט דיין פנים אָבגעווענדט!
אונזערע זיהן — געפאַנגען,
אונזערע טעכטער געשענדט...

דו האָסט דיך, אין געדעכטען צאָרן,
פאַר אונז מיט וואָלקען זיך פערצוימט!
און דער ים פון רשעות שוימט...
קהלות חרוב ונחרב געוואָרען...
שוהלען פערברענט...
תורות געשענדט...

## פערהונגערטער אַרבייטער.

(שפּרינגט אויף.)

געבענשטע הענד!
אַלץ וואָס דריקט,
שטיקט,
אַלץ וואָס פינסטער מאַכט און פערריקט...
אַלץ, וואָס דעם רויב
פערהייליגט און פערגעטערט —
מוז ווערען צושמעטערט!
אויף שטויב!

## בדחן.

„שטויב!"
איז דאָס דאָס וואָרט?

(בעמערקט די שאָטען, וואָס לאָזען זיך צו דער שוהל.)

נישט פון אָרט!
איך בין פעלד-מאַרשאַל, נישט ער!
וואָס הערט איהר דעם נאַרישען אַלטען?
איהר זייט מיין מיליטער,
פאַר אייך האָב איך געוועהר
דאָ ערגיץ בעהאַלטען...
פערהאַנען,
נישט ווייט פון דאַנען

כ׳וועל מיך נאָר דאָס אָרט דערמאַנען!
לאָזט מיך קלערען אַ ווייל!
איהר דערווייל:
מאַרשיערט!
עקזערציערט...
אין גליעד און רייה...
איינס... צוויי! איינס... צוויי!
מיך לאָזט קלערען איין אויגענבליק
וועגען שטויב...

(אַז עס געהט שלעכט.)

אַה, אייך פעהלט מוזיק?
גוט... איך רוף אייך צרויס!

(צום געץ.)

גרויל! שפיי די קלעזמער אויס!

(צו די קלעזמער, וואָס שפּריגגען פון ברונען ארויס, נאַס און מיט גראָז פערוואַקסען, שנעל ווישענדיג די אינסטרו-מענטען.)

העי, חברים, רויש און קנאַל!
אַ מאַרש געשפּיעלט צום גרויס-געפעכט!
נישט קיין נאַכט ווי אַלע נעכט!
נישט קיין חתונה, קיין באַל!
כ׳האָב דאָ אַ בעפעהל געליינט!
פערהאַן — אַ פיינד!...

(פון שוהל קומען טרויעריגע חצות-קלאַנגען, וואָס מישען זיך מיט׳ן חצות פון גאַניק און צוגיסען זיך אין אַ יע-מערליך געוויין.)

## בדחן.

(ווערט אונרוהיג.)

אָבער ווער וויינט? אָבער ווער וויינט?

(די קלעזמער פּאַלען אַריין אין חצות-נגון.)

פּרוש.

די שוהל וויינט און קלאָגט!
זי זאָגט:
ווערה צום פּאָטער, וועה,
וואָס האָט זיין זוהן פערטריבען,
און — עלענד געבליבען...
און וועה, וועה
צום זוהן, פון פּאָטערס טיש פערדיאָגט...

צושראָקענע שאָטען-שטימען.

— די שוהל וויינט!
— די שוהל קלאָגט!

(אויפ'ן קלויסטער.)

— עס שרעקט זי דער פיינד!
— שטעהט צושראָקען און בלייך...
— יענער שיסט אַרויף אין דער הייך!

פיעל שטימען.

— מיר זענען דאָ צו שפּאָט און שאַנד!

(פלאַטט פלוצלינג אויף דער נייער שטאָק אויפ'ן אַלטען הויז, דריי רעדנער שפּאַרען זיך פון דריי פענסטער אַרויס.)

ערשטער רעדנער.

זוכט אַ לאַנד!

צווייטער רעדנער.

פערלאַנגט אַ סיים!

ערשטער רעדנער.

נײן, אַ הײם! אַ נײע הײם!
נאָך פון בײזען נישט געשענדט,
נאָך פון בלוט נישט בעפלעקט...

דריטער רעדנער.

די אַלטע מאַמע װײנט און שטרעקט
צו'ן איהרע קינדער אויס די הענד!

(דער הונגעריגער אַרבײטער שפּרינגט אויף; אויף זײן
שטים זאַמלען זיך צוריק די אַרבײטער.)

פערהונגערטער אַרבײטער.

פערשטימט, אַלטע גרילען!

(דער שטאָק לעשט זיך, רעדנער פערשװינדען.)

עס װעט געשעהען אונזער װיל'ען!
עס געהט דער נײער העלד
אויף אײער גאָט! אויף אײער װעלט!

בלינדע זעצערין.

איך הער זײן שטים פון װײטען!

געהאָנגענער גאַרבער.

פון דער הײך זעה איך איהם רײטען
אין פולען גאַלאָפּ!

געקעפּטער גאַרבער.

זמת, נאַט אײך מײן קאָפּ!

(חאַפּט איהם אַראָפּ, װאַקעלט זיך פערלױרען, אָפּ. גע־

לעבֿטער, פון דער אַנדערער זײַט — צאַרניג געברום.)

### היימישער דיכטער.

(מיט אומפּעט פון שטוב אויפ'ן גאַניק אַרויס.)

ניִשט געלאַכט! און נישט געברומט!
ער געהט דער נייער מענש, ער קומט!
דונער — אין מויל; אין ד'אויגען — בליצען...
ער וועט קומען און בעשיצען
פאַר פרעמדע הענד און אייערע הענד...

### בדחן.

וואָס?

### היימישער דיכטער.

(שטאַמעלט, אויף דער שוהל וויזענדיג.)

— — די מויער! די הייל'יגע וועגד!

(צוריק עקסטאַז.)

עס געהען טעג, גרויסע טעג...
הנה ימים, ימים באים —
גרויסע העלדען — שוין אין וועג!

### בדחן.

געקומען! אין חורבה פערשטעקט!

(צו דער חורבה רופענדיג.)

העי, גבורים! חשמונאים!
ווערט ענטפלעקט!

(די חורבה הילט זיך איין אין א טויטליך־בלאַס־בלאָחליכען

שיין. אין דעמזעלבען שיין איינגעהילט קומען, זיך אונ־
זיכער וואקלענדיג ארוים — די.)

### קדושים

(און נעמען, זיך קלאָגענדיג און, אין איינוועגס, לויבענ־
דיג, די ריכטונג צו דער שוהל.)

— אָבגעריסען אַלע ריפען!
— און געלעכערט ווי די זיפען!

### בדחן.

(געשפעט.)

גרויסע טעג! הויכע טעג!
העלדען — גאָר אַ נייער מין!

### קדושים.

— מיר צייכענען מיט בלוט דעם וועג...

### בדחן.

וואו אַהין?

### אַ קדוש.

(אַלט-נאַריש-שמייכעלדיג, ווען אַנדערע פערשטומען.)

קנאַקעליך פאַלען ווי האָגעל...
איך — מיין קעפעלע וואָגעל
אַהין, אַהער; דערלאַנג צום קנאַק —
די רעכטע באַק, די לינקע באַק!
טיק—טאַק! טיק—טאַק! טיק—טאַק!

### היימישער דיכטער.

(זיך דאָס געזיכט פערשטעלענדיג.)

וואָס דאָס האָט איבערגעליטען!

**בדחן.**

אָבער וואָס בעשטריטען?

**פרוש.**

ווייט און ברייט
איבער דער וועלט געשטרייט
פון דער גאולה דעם הייליגען זאָמען...
זיין ליעבען נאָמען
געהייכט און געקריינט!

**בדחן.**

און ער וואָס האָט דערמיט געמיינט?
דער, וואָס האָט אַייך אויסגעוועהלט?
איז עס געוועזען זיין שטראָף?
האָבען איהם וואונדער פערפעהלט?
פאַרוואָס זאָגט ער נישט: האַלט!?

**אַ שטימע פון שוהל אַרויס**

און גאָט דעם הימעל שפּאַלט!
ענפערט אַרויס פון געוויטער:
מאַן,
וואָס דיין וועג איז אַ שפּאַן!
דיין צייט — אַ ברעמען-ציטער!
און גאַרטעלסט אונטער דיינע לענדען,
זיך צו מיר צו ווענדען,
מיך צו פרעגען און צו פריפּען...
דו ווילסט מיינע צייכען לעזען?

קענסט דו דעם אָבגרונד דעם טיעפען?

וואו ביסט דו, מאַן, געווען,
ווען מיין מעכטיגע האַנד
האָט דעם הימעל געשפּאַנט

וואו ביסט דו געווען, צווערג!
ווען איך האָב געהויבען די בערג, —
ווען איך האָב בעפעסטיגט די ערד,
און האָב איהר מאָס און וואָג בעשערט
און אַרומגעצוימט דעם ים?!

## קלויסטער-גלאָק.

(פאַלט צאָרניג אַריין.

בים—באָם! בים—באָם! בים—באָם!

(די שוהל לעשט זיך, פערשטומט. שאָטען צולויפען זיך. נתן שכור שפּרינגט אויף, ברחן פאַלט אויפ'ן פּנים מיט די הענד איבערן קאָפּ, זיך שיצענדיג פאַר די קלעפּ פון דער הויך.)

## שטיינבילדער.

(כאָר.)

קלינג—קלאַנג! קלינג-קלאַנג!
עס קומט זיי שוין לאַנג! עס קומט זיי שוין לאַנג
אַ נקמה אין שונא דערלעבט!
אין די לופטען ווי מעכטיג ער שוועבט.
און בעטייבט,
און צוטרייבט...

(עמיץ בעוועגט זיך צוריק פון הויז, וואו ער האָט אַריינגעפיהרט דאָס נאַכט-מיידעל. דער גלאָק און שטיינבילדער

פֿאַר — פערשטומען. ערשטווינטע שאָטען קומען פּאַמעליך צוריק. בּדחן הייבּט אויף לאַנגזאַם דעם קאָפּ.)

עמיץ

איך האָב געהערט אייער שרעקיג ברומען,
און בין געקומען
צו איין, שרעקיגע און טריעבּע,
אויף די פליגעל פון דער ליעבּע!
איך האָב אַ הייליג לייב פערצעהרט׳

שטימען.

הערט! הערט!

עמיץ.

גליקזעליגקייט געטרונקען,
געטליכע צויבער-פונקען
פון נאַכט-שוואַרצע אויגען!
ד׳קום צו אייך, ווי איין אָדלער געפלויגען!
נאַכט און געפּיל פליהען פאַר מיין בליק,
זונען פערזונקענע רוף איך צוריק,
זומערן פערוועלקטע — בליהען!...
פעלזען וועל איך אויף בייטען צואַקערן,
מאַהנען פלאַמענדיגע גליהען!
ליליען – שטראַהלען; רויזען — פלאַקערן
אויפ׳ן וויסטען פעלדער-גאָל!
כ׳וועל פער׳שכור׳ן באַרג און טאָל
מיט געררוך און צויבער-קלאַנג,
מיט געטליכען געזאַנג!
וואונדער, וואונדער וועל איך אייך מאַכען!

(פלוצלינגער איינפאַל.)

**הער, מזרח, מערב, צפון, דרום!**
**זאָל'ן זיך עפענען קברים!**
**זאָל'ן די טויטע ערוואַכען!**

(מיט איבערמענשליכער שטים.)

**אויפערשטעהען! אויפערשטעהען!**

## שטיינבילדער.

(אונרוהיג.)

**וועל'מיר זעהען! וועל'מיר זעהען!**

(בדהן נעמט דאָס וועלטער-פייפערל צום מויל; בלאָזט דריי מאָל. עס קומען אַרויס קולות פון אַ שופר: תקיעה, תרועה, תקיעה. אין דער לופט, נאָכ'ן וועג, וויקעלט זיך אין דער הייך פון נעפיל אַרויס אַ בית-עלמין, מצבות הייבען זיך אָן אָבצורוקען, מתים — אַרויסצוקריכען.)

## פרוש.

(אַרויסקומענדיג פון קלויז, צום בית-עלמין פערקוקט.)

**לינד**
**הייבט מיך אויף פון גאַס אַ ווינד**
**און טראָגט מיך צו'ן אַ טהאָל!**
**און דער טהאָל איז פול מיטביינער.**
**די ביינער זענען — טרוקען, גאָל...**
**עס בעוויזט זיך מיר נישט קיינער.**
**דאָך איבער מיר פליגעל שוועבען...**
**און אַ שטים, פון פידעל ריינער,**

פרעגט, צי קאָן דאָס לעבען ?
און איך ענטפער דרייסט :
גרויסער האַר, דו איינער ווייסט ! ...
כ׳זעה דאָך דיינע וואונדער טעגליך !

## ב ד ח ן.

(אויפשפרינגענדיג.)

עלץ איז מעגליך,
ווען איך וויל, וואָס עמיץ הייסט !

(אויפ׳ן בית־עולם — בעוועגונג.)

(פאָרהאַנג.)

# דריטער אַקט

(ערשטע פאָרהאַנג.)

ל ע ק ט אָ ר.

די לעגענדע פערצעהלט
— איהר גלויבט אַזוי גערן! —
מענשען, פון לעבען געקוועלט,
נישט שטאַרק, נישט דרייסט
זיך צו שיצען און צו וועהרען,
אָ, די אַלע זוכען אין איהר זייער טרייסט!
ווילען — (די געפאַהר איז גרויס!)
אין איהר שאָטענדיגען שויס
די קעפּ בעהאַלטען...

אָהן זון, אָהן ליכטיגע שטערען,
דאָרט דאָס אויג נאָך טרוים-געשטאַלטען;
און דאָס אויער לעכצט צו הערען,
נאָר פון אַלטען, גראָהען אַלטען, —
וואָס די לעגענדע פערצעהלט...

די לעגענדע פערצעהלט — —
דאָס לעבען אויף טרוימען פערביטען!
איהר פעלד נישט געזייעט, נישט געשניטען,
אין גאָרטען — קיין איינציגע פרוכט זיך גילדט!
שאָטען-בלומען, קרענקליך-בלאָהליך-ווייסע שפּראָצען, —

מיט זיסען גיפט פאַר קאָפּ און האַרץ!
און פון אונטען, פונ'ם אָבגרונד-שוואַרץ,
רעטעניששן-אויגען קוקען און גלאָצען...
מענש צי טיר? אָדער געטער ווינקען?
און דעם האַשיש גלוסט זיך טרינקען!
די לעגענדע, וואָס פערצעהלט!
און וואָס זי פערצעהלט, הערט

אַלץ צושמעטערט און צושטערט,
זעעלען ביז צו וואַהנזין געקוועלט!
לייבער מיט גיפטיגע שלאַנגען געדראָשען!
און אויבען, אויף דער העכסטער הייך,
געהט אויס, בלייכט זיך, ווערט פערלאָשען,
דאָס טיר מיט די גאָלד-שטראַהליגע האָהר,
מיט אויגען-קלאָר,
ווי די קלאָרסטע שטערען;
מיט דער אויפשריפט אויפ'ן שטערן:
„וואָהר!"
ווערקט, פערבליהט,
ווערט ווי אין נעפיל צערשטרייט...
און פון אָבגרונד אַרויף ציהט
איהר פערבייט —
אַ גראָה-וואָלקען-שווערער לייב —
אויף זיין נאַכטיגען שטערן גליהט
די אויפשריפט: „גלייב!"
אין פינסטערניש און נאַכט
די לעגענדע וואַכט....
און דער טויט ערוואַכט!
ס'ווערען קברים אויפגעמאַכט,
אין קיטלען, אין טליתים
קומען אַרויס — מתים...

אָהן געריש, אָהן קלאַנג,
אין שוהל אַריין — דער גאַנג,
דאַוועגען און לייענען...
אויף זיך, אויף גלות השכינה צו וויינען...
מתים — אַ מורא!
זייער ליינען — אַ סכּנה!
רופט מען וועמען צו דער תּורה,
זאָגט דעם ווייב, ז׳אַ אַלמנה...
זאָלען מיידליך — יתומות קלאָגען
לערנט די יונגלעך קדיש זאָגען...
אויב אַ בחור, — פערשניטען!

(די צווייטע פאָרהאַנג געהט אויף; לעקטאָר אין צאָרן אָבגעהענדיג.)

פּונקט אין מיטען! פּונקט אין מיטען!

(צווייטע פאָרהאַנג.)

(נאַכט. מתים געהען שוין פון בית עלמין אין שטאָדט אַריין, בעוויזען זיך אין הינטערגרונד-געסיל. פאַר'ן צוים פון בית עלמין וואַקלען זיך, נישט האָבענדיג קיין מצבות זיך אָנ-צוהאַלטען — דער מ ס ר, מיט דער אויסגעשניטענער צונג אין דער האַנד, און דער ק צ ב, וואָס האָט געגעבען טרפות צו עסען, מיט איין איבערגעהאָנגענער לונג-און-לעבער אויפ'ן האַלז. אַנדערע קריכען ערשט פון די קברים אַרויס, רייבען זיך די געבלענדטע אויגען, קנאַקען זיך די ביינער אויס. פון אַ שותפות-קבר הייבען זיך די בראָדער זינגער אין געפּעלצטע זעק, שעמען זיך אָהן תּכריכים אַרויסצוקו-מען אין מיט בית-עלמין. אויף אַ בערגיל שטעהט דער גרויז, מיט דער פלאַכער רעכטער האַנד די אויגען פאַר-שטעלענדיג, זיך אין אַלע זייטען אומקוקענדיג, זוכענדיג אַ צייכען אויף הימעל און ערד.)

### בדחן.

(צום געץ.)

פלינק,<br>
דיין צויבער רינג!<br>
גיב שטראַהלען בלוטיג-רויטע —<br>
עס געהען די טויטע!

(צו די שאָטען.)

און איהר, וואָס גלייבט, אַז איהר לעבט, —<br>
אָבגעשוועבט!

ענטרינט,
אויף די פליגעל פון ווינד
פערשווינד!
אויף אײַערע נאַכט-קוואַטיערען!
ווער ווייסט, וואָס דאָ קען פּאַסיערען...
אַז פון אַלע עקען
שווימען אָן טויטע...

ארבייטער.

געפינען וועמען צו שרעקען,
מיר זענען רויטע!

משכילים

און מיר גלייבען באַלד...

געפרוירענע

(וויל נישט אָבטרעטען פון רויטען ליכט.)

און מיר איז קאַלט, אַזוי קאַלט...

(ארבייטער, משכילים און געפרוירענע בלייבען; אנדערע פערשווינדען.)

עמיך.

(פאַר זיין אייגען וואונדער ענטזעצט.)

זיי געהען אַהער, זיי קומען אַהער!
און זיי װעלען פערלאַנגען בעשייד...
געוואַלד רייד, הוילע רייד...
איך בין לער, איך בין לער...

(ענטלויפט, אין קלויסטער-געסיל אריין.)

גרייז.

(רופט אויס.)

אַ שרעקליכע נאַכט...

עמיץ האָט אַ שוואַרצע קונץ געמאַכט...

(מתים בלייבען אונשליסיג; דער בדחן שטעלט זיך שטראַם
אויף, פיקסיערט לאַנג דעם ציפערבלאַט פון שטאָט-זייגער,
די ווייזער הייבען זיך אָן קריצענדיג צו בעוועגען; ער ציילט,
דער זייגער שלאָגט איהם צאָרנדיג נאָך; צווישען צעהלען
און שלאָגען פאַלט אַריין דער פרוש.)

בדחן.

איינס... צוויי...

פרוש.

געוועזען נסים אַלערליי...

בדחן.

(אונגעדולדיג.)

דריי...

פרוש.

די גוטע צייטען זענען פאַרביי!

בדחן.

פיער...

פרוש.

פערמאַכט פאַר אונז טויר און טהיר...

בדחן.

(פון געדולד אַרויס, אונטעראייַלענדיג.)

פינף... זעקס... זיבען...

(מוז דאָך אָבוואַרטען די שלעג.)

פּרוש.

מיר זענען יתומים געבליבען...

בדחן.

אַכט... ניין, —

(דעם פּרוש צו וואַרפענדיג.)

מען מוז זיך העלפען אַליין!

פּרוש.

אַ שעפּעלע צווישען וועלף!

בדחן.

(צאָרניג.)

עלף! צוועלף!

(מתים געהען ענטשלאָפען צום מאַרק, אויסער גרייז.)

העקער-יונג.

(חאַפּט אָן דעם מסר,)

משיח וועקט?

(טרייסעלט איהם.)

זאָג!

גרייז.

משיח וועט וועקען בייטאָג,
צונד איז נאַכט, שטאָק נאַכט,

עמיץ האָט אַ שוואַרצע קונץ געמאַכֿט ...
מען זעהט
אויף הימעל און ערד קיין צייכען ...
שטעהט !

(נאָכרופענדיג די מתים, וואָס פאָלגען נישט.)

עס וועט אייך דערגרייכֿען
גאָטס האַנד ...
איהר געהט בלינד,
איהר זייעט ווינד,
שניידען וועט איהר שאַנד!

(צוריק אין גרוב אַריין, (יואָס ווערט פון דער מצבה פערדעקט, די מתים געהען ווייטער. וואָס נעהנטער צום מאַרק, דערמאָנען זיי זיך אַלץ מעהר און מעהר שטיקלעך, מענער — פון דאַוונען, פון תהלים; ווייבער — פון תחנות, פערגעסען אָבער באַלד און האַקען אָב.)

אַ מ ת .

(אין געסיל.)

אשרי יושבי ביתך עוד ...

אַ מ ת ה .

(תחנה-לשון.)

כּ'וויל דען מעהר ווי טרוקען ברויט? ...

אַ מ ת .

(עבודה נגון.)

וה—כה—נים, וה—עם ...

אַ י ו נ ג ע ל .

(אונטערטאַנצענדיג.)

נס גדול היה שם ...

אַ מת.

(צום מאַרק קומענדיג.)

זאָל מיך גאָט נישט שטראָפען,
דער אַלטער מאַרק!

אַ מתה:

(אדיינקוקענדיג אין אַ פענסטער.)

מיינע עופעלעך שלאָפען

(בענשענדיג.)

געזונד זייט מיר און שטאַרק...

אַ צווייטע

ווי זי האָט די אויגען פערגלייסט!

אַ דריטע.

(זיך פערטראַכט, אַבווענדענדיג פון אַ פענסטער.)

ר׳האָט זיך שוין געטרייסט! שוין געטרייסט!

אַ מת.

(געהענדיג צו דער שוהל, פערגעניגט.)

מען וועט דאַווענען... מען וועט לייענען...
אַ ביסעל זיך צוקלאָגען.

אַ מתה

ווער האָט כח צו זאָגען?
ווער האָט כח צו וויינען?

אַ צווייטער מת.

מיר איז אַלץ אַרויס פון מח...

א דריטער מת.

אַלץ צושאָטען, ווי אַ זאַנד!

אײן אַלטער

(מיט בטחון.)

די שוהל דערמאַנט!
אַלע האָבען אין איהר אַ חלק!
זי איז הייליג!

מתים און מתות.

(נאָכזאָגענדיג און דערביי זיך עטוואָס דערמאַנענדיג.)

הייליג, הייליג, הייליג!

בדחן.

נישט אַייליג, נישט אַזוי אייליג...

(מאַנכע שטעלען זיך אָב; קוקען פערוואונדערט אויפ'ן בדחן, געהען נעהנטער צו. די וואָס טרעטען אַריין אין כשוף-ראָד פון אַלטען געזן, פערליערען זייער וועג, דרעהען זיך שוין אַרום אין מאַרק.)

בדחן.

(צו יונגע לייט.)

תורה-גלעקליך
סוכה-פלעקליך
תפלין-זעקליך...

וואויל-לערנער.

(אַריין אין ראָד.)

— אויס גדן, חלבשה, קעסט!...

— אַ מת לערנט לשמה!

בדחן.

און פערגעסט...

אַ וואָלערנער.

יאָ!

עלטערע.

— מען זאָל נישט קענען טהון קיין מצוה:
טהיילען קצבה,
— האָטש שופר בלאָזען הערען...
— ס׳נעמט אָן אַ געוויין...

בדחן.

האָסט טרערען?

אַיין עלטערער מת.

ניין!

(אין ראָד אַריין.)

צוויי אַלטע מתים:

ערשטער.

(קוקט אויף זיך קלערענדיג.)

אַ זכר צו אַ נקבה!

צווייטער.

וואָס זאָגט די מצבה?

### ערשטער.

צופרעסן ...

(איז אַריין מיט אַ פּוס אין ראָד.)

נאָר עפּיס ברענען מיר די זוילען ?
כ׳שטעה אויף ברענענדיגע קוילען ...

(דערזעהט, וואו זיין פּוס שטעקט, רייסט זיך פון איהם אָב, לאָזט איהם איבער און הינקט אָב אין שוהל אַריין, איבער־לאָזענדיג דעם צווייטען פּערדוצט.)

### דער צווייטער.

(נאָך אַ ווײַלע.)

איינס מעכט איך וויסען !
דער וואָיעוואָדע —
פאַרוואָס האָט ער מיך געשמיסען ?
— אונשולדיג, ד׳קען אַייך שווערען ...

### דער דריטער.

(צוקומענדיג, לאַבענדיג.)

פון וואָס אַ מת האָט צו קלערען ?!
געוועזן אַזאַ מאָדע,
געוועזן אַ שלעכטער ...
געשמיסען מיך, מיין ווייב, מיינע טעכטער ...
אָנגעלאָפען ביילען, ברוינע-בלאָהע, רויטע ...

### פיערטער.

(פערצווייפעלט.)

ווי לאַנג לעבען טויטע ? ווי לאַנג לעבען טויטע ?

**פינפטער.**

(צום בדחן, צוגעקומען.)

איך געדענק...
אָט דאָ איז געוועזן מיין שענק...
אַיין אויג אין קאָפּ אַ טאָכטער געהאַט...
איינמאָל, געלעגען קראַנק,
אַרויסגענאַרט,
אָבגעשמדט!

**בדחן.**

ווער?

**דער פינפטער.**

... דער גלח...

**בדחן.**

ווען?

**דער פינפטער.**

... ת״ר... יום ב׳... בשלח...

**אַ מתה.**

(נעהמ ארום, בעטעלט.)

שענקט אַ ווינדאַלע, אַ ווינדאַלע...
פאַר אַ טויט קינדאַלע,
נישט אָבגענומען,
און נישט אויסגעדריקט פון שויס...
קען עס, וואו מען דאַרף נישט קומען,
עס איז נאַקיט, עס איז בלויז...
אַ ווינדאַלע, אַ ווינדאַלע
פאַר מיין אָרים קינדאַלע...

עמפערטע אָרימע מתים.

— נאָך ווייניג געגזלט ביים לעבען...
— קיין רעכטע תכריכים געגעבען!
— און די קברים פערשמעהלט...
— ביים וואשען האָט וואַסער פערפעהלט!

מתות.

— מיר נישט געגעבען קיין שלייער!
— מיר נישט געגלייכט די קרעמען...
— האָט מען דאָס געטאָרט?

מתים.

— קומט נאָך דאָס אונגעהייער
און פרעגט נאָך, אויף נעמען...

די מתים און מתות.

(יאָגען זיך אַרום.)

— רייסט דעם גבאי אויס די באָרד...
— שלאָגט איהם אויס די פוילע צייהן...
(לויפען צום געץ.)

בדחן

(צו איין אָבגעשטאַנענעם.)

געהסט נישט מיט?

דער אָבגעשטאַנענער.

ניין!

(זיך אָבשטעלענדיג, בעריהמעריש.)

בעלעגט אויף דער פאָליצע די צייהן...

שמחת תורה קוים געווען זאַט...
אָבער שטיל און פיין!
פאַר דאָס—אַ לויה געהאַט!
תשעה קבין, דער גבאי אַליין!
און אַ געלעכיל פון אַיין איי..
און אפשר צוויי!
מיט געפּאַליך די נעגיל גערייניגט!...
און אַז מען האָט זיך אַ ביסעל געפיינינט,
פהי!

(איין אָנגעלויף פון קינדער.)

מיידלעך.

— פּי—פּי—פּי!
ד׳מאַמע נישט הי!
— איידער די נאַכט וועט בלייבען,
לאָמיר זיך שפּיעלען אין צייכען!

(וואַלען, געפינען.)

אָט אַ שטיינדאַלע, נאָך אַ שטיינדאַלע...

איין עלטערע.

קומט אַהער, אַלע! אַלע!
וועל׳מיר שפּיעלען חתן-כלה...

מיידלעך.

— ווער די כלה?
— שיינדאַלע.
— און דער חתן?
— נתן, נתן! דער שיינער נתן!

### נתן-שכור.

(זיך אָבגעשטעלט.)

מיינט מען מיך ?
שיינדאַלע... איך...

### אַ מיידעל.

זע'מירביידע שפּאַציערען געגאַנגען
צווישען ווייץ און צווישען קאָרן, —
ד'וועגען וואו מ'זעמער שפּאַציערען געגאַנגען,
זענען פערוואָקסען געוואָרען...

### קליינע קינדער.

ציגעלע, מיגעלע, רייב די קליאָצקיס,
רויטע פּאָמעראַנצען, —
אַז דער טאַטע שלאָגט די מאַמען,
געה'ן די קינדערליך טאַנצען...

### בדחן

טאַנצען? האָב איך דאָס געמיינט?

(צו די קלעזמער.)

העי, חברים, פריינד!
קינדער ווילען טאַנצען געזונט,
קינדער ווילען זאָל געשעהען!
פידעל, פייקעל, צימבעל, באַס,
ס'איז אַ באַל אין מיטען גאַס!

(קלעזמער שטימען די אינסטרומענטען.)

### קינדער.

— עלע פעלע!

— פעלע מעלע!
— באַמציג — באַמציג...
— באַם ציג—צאַג!

### קלעזמער.

זע׳מיר אַלע שכור בעלע,
ווער וועט פיהרען די קאַפּעלע,
עס זאָל געהען מיט׳ן קנאַק?

### געפּרוּירענע

לאָ׳מען טאַנצען! כ׳ווער געפּרוּירען!

### קלעזמער.

זאָל אונז עמיץ דיריגיערען!

### נתן שכור.

איך בין סיי ווי סיי פערלוירען,
איך וועל פיהרען...

(לויפט צו צום געץ, רייסט איהם אוים דעם איינציגען האָרן, דיריגיערט מיט איהם; קלעזמער הייבען אָן אַ פּאָלקע, עס הייבען זיך אָן בילדען דריי רעדער: קינדער, פרויען און שפּע-טער עטוואָס אַ מענער-ראָד. דערווייל קומט אָן די כלה אונטער אַ שווארצער חופּה פון פיער שמשים מיט פערלאָשענע הבדלות געפיהרט. די רעדער שטעלען זיך ראַש אָב... אַלגעמיין גערוויש פון בעדויערן. קלעזמער געהען איבער פון דער פּאָלקע צו׳ן איין אל-מלא-רחמים. די כלה שטעלט זיך אָפּ, די שמשים, דאָס נישט מערקענדיג, געהען מיט דער חופּה ווייטער.)

### די כלה

נישט בעדויערט מיך,

ניִשט בעטרויערט מיך,
כ'האָבּ'ם ניִשט געוואָלט...
אַ יִינגעלע געהאַט אין זינען,
אַ יִינגעלע אַ גאָלד!
האָט מיך פון דער נויט
בעפרייט דער גוטער, ווייסער טויט...

(זיך אומקוקענדיג.)

אָבער וואו איז מיין יִינגעלע
מיין יִינגעלע, מיין גאָלד?
גוטע מענשען, טרעפט איהר איהם —
זאָגט איהם — ד'האָבּ'ם האָלד!
און דערקענען וועט איהר איהם, —
אַ קולעכל — אַ גלעקעלע.
צו קושען יעדעס לעקעלע
צו קושען יעדעס ביינדאַלע.
און אייגעליך, ווי לעמאַליך,
ציטעריגע פלעמאַליך,
יעדער בליק—אַ חנ'דאַלע...
זאָגט איהם, זאָגט, אַז שיינדאַלע...

נתן.

(ווארפט אוועק דעם האָרן, פאַלט צו'ן איהר צו.)

בּ'ווייס, איך ווייס!

די כלה.

אוי, דו ביסט אַזוי אַלט
און אַזוי הייס!

נתן.

און דו—אַזוי קאַלט...

די כלה.

דיך בעגיסט אַ שווייס!

נתן.

דיין אָטעם — פראָסט...

(דערזעהט א לעכיל אין איהר בעקיל, שרעק.)

און אויפ'ן בעקיל וואָס דו האָסט?

די כלה.

פערגעסען?
אַ ווערמיל... אַיינגעפרעסען...
און דו ביסט אַזוי רויט...

נתן.

כ'טרינק... פאַר עלענד... אויס נויט...

די כלה.

און ווערסט אַזוי שוואַרץ...

נתן.

(בעהאַלט אין איהר ברוסט דאָס פּנים.)

דריק מיך, דריק מיך צו צום האַרץ.

(פּויזע.)

## אַ שטימע פון שוהל

(ימים-נוראים-נגון.)

יעמוד...

הבחור החתן —
כמר נתן —

מפטיר!

(נתן גליטשט אויס פון דער כלה׳ס הענד.)

די כלה.

וועה מיר, וועה צו מיר!
גליטשט זיך אַרויס פון די הענד!

(פרוש לויפט קלאפּען בײם רופא.)

מתים.

(אונרוהיג.)

וואָס איז דאָס?

בדחן.

בישט דערקענט?

מתים.

— אַ שרעקליכע נאַכט!
— אַ וואָרע מאַכט...

(עם געשיהט.)

די נישט געזעהענע נשמה.

(דורך דער וואָרע פאַסיערענדיג.)

„אַלף" איז אַיין אָדלער,
וואָס ער טהוט נאָר שוועבען;
אַ שאָטען פון אַ פליגעל

איז דאָס גאַנצע לעבען ..
„בית״ איז אַ הויז,
וואו מען איז געזעסען ...
אַז מען רופט צום משפט — —

בדחן.

חאַ-חאַ-חאַ !

די נשמה.

מוז מען אַלץ פערגעסען!

מתים.

חאַ-חאַ-חאַ ! חאַ-חאַ-חאַ!

(אַ הילצערן געלעכטער צוקאָלערט זיך איבער'ן מארק.)

# פערטער אַקט

[ערשטע פאָרהאַנג.]

לעקטאָר.

איינס פון די שרעקליכסטע זאַכען:
מתים לאַכען;
הילצערן געלאַכט!
אַלע שטריק צוריסען,
די לעצטע בריק — געקראַכט,
געפּלאַצט און אין תהום אַריין...
אינ׳ם הילצערנעם געוויין
קריצען צייהן,
רייבט זיך ביין אָן ביין...

[ראַשע צווייטע פאָרהאַנג.]

(לעקטאָר קוים אָב.)

(די מתים — מיעד־לאַפּענדיג, הייבען אָן שלוקעכצען...)

הזן.

(ארויסקומענדיג פון שוהל.)

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!

(עס ווערט מיט אַמאָל שטיל.)

ווייבער.

פּייטשען זיך איבער.

געהייליגט און געקריינט זאָל זיין נאָמען...

זינדיגע.

(וואָס איז געווען אין אַ טויער בעהאלטען, ארויספּרינגענדיג.)

ער איז געקומען!
ער איז דאָ!

די מתים אין מאַרק.

(פּייפען.)

פּיו—פּיו—ו—ו—ו!

### זינדיגע.

(צום חזנ׳ס פיס צופאַלענדיג.)

די נאַכט איז שוואַרץ,
עס פלאַטערט דאָס האַרץ...
נעם און שפּאַן!
כ׳האָב דיר אַזוי פיעל געטרויט!
עס שלאָפט דער מאַן,
עס שלאָפט דאָס קינד,
לויף און שפּאַן...
וואו איז די בויד?
וואו איז דאָס פערד?

### חזן.

אונטער דער ערד!
לעשט דיך, קינד!
איך בין אַ מת!
פּערגעס!
זאָל ער אויך פערגעסען!

(צוגעהען זיך; ער—צו די טענער; זי—צוריק צום טויער.)

### בוגרת.

(אויפשפּרינגענדיג.)

וואָס? נאָך וועניג גענאַרט?
וואָס זאָל איך פערגעסען?
יאָהרען אין חשך געזעסען!
עס האָט געהייסען: „וואַרט!"
„עס וועט קומען דער בעשערטער!"
ליגענטע, נאַרישע ווערטער!

(צום הימעל אַרויפשרייענדיג.)

עס טהוט מיר באַנג! עס טהוט מיר באַנג!

(צוריק אין מאַרק אַריין, זיך קלאָגענדיג.)

פאַר מיין טהיר איז פראַנק און פריי!
מיט זאַנג און קלאַנג,
דאָס לעבען פאַרביי —
אין האַרציגען שטורם...
און איך, אין ראָוו ביים וועג,
איך — דער וואורם! —
ליג אין שטויב!
פאַרבען-בלינד, קלאַנגען-טויב!
גראָהע נעפּיל, ציהען זיך טעג!
אַ וואָלקען-בליי, נאַכט נאָך נאַכט!
נישט געשטיפט, נישט געלאַכט,
נישט געשמייכעלט, נישט געשפּיעלט;
קיין וואַרימע האַנד אַרום האַלז נישט געפיהלט!
קיינעם קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט,
נישט אַריינגעקוקט אין פרעמדע אויגען...
דאָס האַרץ האָט גענאָגט,
דאָס האַרץ האָט געצויגען,
כ'בייס די נעגיל, קריץ מיט די צייהן:
ניין! און — ניין!
עהרליך גליק!
געקומען און — „חיק"!
ווער וועט מיר דאָס פערגעלטען?
איך וועל שרייען, איך וועל שעלטען,
דערלאַנגט מיר אַ שטיין...

(האַקט אָב, דערזעהענדיג די בראָדער זינגער, וואָס קו־
מען אָן אין געפּעכטע זעק.)

## שטימען.

(צושראָקענע.)

ווער זענט איהר? ווי אַזוי געקליידט?
זאָגט אַייער פּיין, קלאָגט אַייער לייד!

(מוזיק געהט איבער צום מאָטיוו: אדם להבל דמה.)

## בראָדער זינגער.

מיר זע׳מיר, מיר זע׳מיר די זינגער פון בראָד!
געשטראָפט האָט אונז גאָט, געשטראָפט האָט אונז גאָט!
געוואַנדערט אין היצען, געוואַנדערט אין פרעסט, —
צו אַייך דאָ געקומען, בעקומען די פעסט!
בושאים געקומען, קיין רגע געוואַרט,
מיט זעק אויסגעפּעכטע די לייבער בעקליידט;
מיט אַייזערנע גאָפּלען, לעבענדיגערהייט,
אַרויף צום בית-עלמין, צום קבר געשאַרט!
וויל׳מיר צינד וויסען, פרעגען מיר גאָט,
פאַרוואָס האָט ער געשטראָפט די זינגער פון בראָד?!

## נאָך מעהר צושראָקענע שטימען.

נישט פרעגען! נישט פרעגען!
נישט געגאַנגען אויף קרומע וועגען!
בעסער טאַנצען

## ליידענשאַפטליך.

— טאַנצען, טאַנצען!
— פלאַמט חאָטש אויף אינגאַנצען!
— זאָלען טויטע אויגען שפּריצען
פונקען — פייערדיגע בליצען!
שיינען און גלאַנצען!

— טאַנצען! טאַנצען! טאַנצען!
— זאָלען די הערצער צאַפּלען צום פּלאַצען!
— זאָל קלאַפּען די שלעפען, ווי טאַצען!
— שפּיעלט!
— שוועבט!

### בדחן.

לעבט, וואָס איהר האָט נישט דערלעבט!
פיהלט, וואָס איהר האָט נישט דערפיהלט!

(עס געהט קוים; מוזיק גרימפּעלט. עס מאַכען זיך דאָך צוויי רעדער, רעכטס און לינקס; אַ מענער און אַ פרויען-ראָד, וואָס בעוועגען זיך איינגעשפּאַרט, — צווישען די רעדער שפּאַציערען אויף און אָב די פאָלגענדע.)

### חוקרים.

### ערשטער חוקר.

טויט און לעבען,
אַלץ — אומזיסט!

### צווייטער.

אַ נאַר דו ביסט!
מען מוז זיך איינמאָל אונטערגעבען...

### ערשטער.

מ׳זאָל אַזוי פערפיהרען...

### צווייטער

לאָז דאָס געהירן
פוילען אין דער שטיל!

ע ר ש ט ע ר.

איך ווּיל...

(צוריק אויפגערייצט.)

אָבער וואָס קענען מיר? צייכֿען!
גאָרנישט צו דערגרייכֿען!
אָט וואָס מיר ווייסען!
ווי מאַנכֿע זאַכֿען הייסען! —

ד ר י ט ע ר.

(צוקומענדיג.)

נישט אַזוי!
פאַרהאַן אַ וויטאָג אָהן אַ נאָמען...

צ ו ו י י ט ע ר.

(אריינגעצויגען.)

צו בעצייכענען גענוי:
פון אַ צווייטער ערשט אַ זאָמען!

ע ר ש ט ע ר.

(מיט וויטאָג.)

געווען דאָך ליכֿטיגע ציקצאַקען!

מ ק ו ב ל.

(צוקומענדיג.)

געווען נוטריקין און לפ״ק׳ן...
געווען אַמאָל...

פירטער חוקר.

הערט, ווי טויטע ביינער קנאַקען,
הערט, ווי טויטע קלעזמער שפּיעלען...
מאַנכע אונפערשעמט און גאָל!

ערשטער.

אָה! זיי וועלען זיך נישט פערקיהלען!

מקובל.

און דער עצם ענין אַליין?

חסיד.

(אין פאַרבייגאַנג, מיט האַרציגען נגון.)

די מאַמע האָט געהייסען
עפּאַליך רייסען...
ס'יידאַלע — צו קליין!
ס'ביימאַלע — צו הויך!
ער האָט נישט קיין כח,
קען נישט דערגרייכען!

ערשטער חוקר.

טומלען זיך אין מח
נאָר צייכען און צייכען...

צווייטער חוקר.

קהלת זאָגט: נאַריש אינגאַנצען...

חסידים.

(אָנגעקומענע.)

נישט גערעדט: בעסער טאַנצען!

(לעגען אין פיערען הענד אויף אַקסעל — אַ חסידישע מיהל—זיך צוזינגענדיג. די טאַנצענדיגע רעדער פון רעכטס און לינקס מישען זיך אין געזאַנג אריין.)

ערשטער חסיד.

טאַנצען איז אַ גרויסע זאַך!
כ׳וויל נ׳שט טראַכטען, גאָרנישט וויסען!
נאָר פון חומר אָבגעריסען!

די מיהל.

(מיט די הענד פּאַטשענדיג.)

ברום, ברום!

מענער-און פרויען-ראָד.

(מיט די פּיס טופּענדיג.)

טראַך, טראַך!

צווייטער חסיד.

טאַנצען איז אַ גרויסע זאַך,
טאַנצען האָט די גרויסע מעלות:
כ׳האָב קיין קשיות, כ׳פרעג קיין שאלות...
און צופלאַקער אין התפעלות!

מיהל און רעדער.

(ווי פריהער.)

ברום, ברום! טראַך, טראַך!

דריטער חסיד.

טאַנצען איז אַ גרויסע זאַך!

בהעלותך — פיס געהויבען !
אין בטחון, אינ׳ם גלויבען,
אינ׳ם גרויסען התלהבות
ווערען מצוות פון די תאוות...

מיהל און רעדער.

ברום, ברום! טראַך, טראַך!

פירטער חסיד.

טאַנצען איז אַ גרויסע זאַך!
אָהן אַ ספק! אָהן אַ שאלה!
וואָס איז „מטה"? וואָס איז „מעלה"?
און „ימין" וואָס איז? און — שמאל?
אַז עס ווינדעלט,
אַז עס שווינדעלט
טאַנצט זיך גוט, טאַנצט זיך וואויל...

חוקרים.

(ציעפען זיך אָן אָן דער מיהל.)

— וואָס איז רעכטס? וואָס איז לינקס?
[illegible]ען — ספינקס! טויט איז ספינקס!
— און [illegible] — טאַנץ! קענסט דו — לאַך

מיהל און רעדער.

ברום, ברום! טראַך, טראַך!

משכילים

(צוקומענדיג.)

ן׳לעבען גאָר אַ גלייכע זאַך!

אַנו, פּרוב נאָר, ראַשער, ראַשער
און דאָס חזיר־פּיסעל כּשר!
פּיס געהויבען און געשטעלט!
און אַריין אין הפקר־וועלט!

די מיהל רייסט זיך פון זיי אָב, טאַנצט אָב ווייטער; משכּילים בלייבען, אָבהענגדיג אליין; צושטרייען זיך באַלד.)

## בדחן.

(אויף מיהל און רעדער פּערקוקט.)

זיי טאַנצען! ווירקליך זיי טאַנצען!
זיי פּיהלען!
אויף טויטע געזיכטער שפּיעלען
שיער נישט לעבעדיגע גלאַנצען!
אין טויטע אויגען: ווילען, בעגעהרען!
הענד זיך שטרעקען, פּיס זיך קעהרען,
שפּרינגען אונטער!
מונטער,
אויפגעטויטע גליעדער!

(פּערבענקט.)

יוען נאָך קלינגענדיגע ליעדער!
וען נאָך רויזען־קראַנצען
אויף די קעפּ! און צוגאָסען
רויזען־אייל!
און דאַמען־האָהר — צופלאָסען!
עס בליצט, שימעריערט
יעדער בליק — אַ פייל!
עס עטעמט מאַרמאָר, דעקאָלטיערט,
ווי ביי פּריצים אויף די באַלען!

(מתים בעווייזען זיך אין די שוהל-פענסטער ... בדהן סוגע-
טיעניערט די טענצערינס.)

אַ טענצערין.

(פלוצלינג געוועקט.)

מאַכט פון סוב'עס שאַלען!
מיט שאַלען טאַנצט און גאָר!

אַ מת פון שוהל-פענסטער אַרויס.

(אָנשרייענדיג.)

מען טאָר נישט!

די טענצערין.

ס'אי' גאָרניש' מיט גאָרניש'!

טענצערינס.

(טאַנצענדיג, גלייך מיט שאַלען, אויסגעלאַסען-לאַבענדיג.)

עה, מע'טאָר! מע'טאָר!

צווייטע טענצערין.

(איבערמיטיג.)

רייסט אַראָב די קאָפּקיס!
לאָזט אַרויס די האָהר!

(צו דער שוהל קוקענדיג.)

מאַלע וואָס מ'טאָר נישט.

דאָס ווייבער-ראָד.

— עה, מע'טאָר, מע'טאָר!

— ס'איז גאָר ניש' מיט גאָר ניש'!

ד ר י ט ע  ט ע נ צ ע ר י ן .

רופט נאָך צו די מענער!
עס ווילט זיך אַייך, נישט וואָהר?
מאַלע וואָס מע' טאָר ניש'!

ב יי ד ע  ר ע ד ע ר ,

(פעראייניגט זיך.)

מע'טאָר, מע'טאָר!
ס'אי' גאָרניש' מיט גאָרניש'!...

(עס הייבט אָן צו געהן ראַשער. מאַנכע מתים, קענטיג, געוועזענע קלעזמער, שטעלען זיך אונטער דער מוזיק, העלפען צו מיט הענד און ליפען און טרייבען אונטער. עס האַלטען זיך אויך נישט איין די בראָדער זינגער. העלפען כאָראַל-מעסיג אונטער.)

ש ט יי נ ב י ל ד ע ר .

(צורודערט, פערגליסטיגט.)

— שענע ווייבליך. שענע מיידליך.
שוואַרץ און חנ'עוודיג פיקאַנט...
— ווייסע שערצען, ווייסע קליידליך...
לייב צו לייב... אַרומגענומען...

ב ד ח ן .

(וואָס האָט, דערהערט צו די שטיינבילדער ארויס.)

אַראָב און לאָז אַייך וואויל בעקומען!
ברודערשאַפט אין פרייד און נויט.

אַלע גלייך, דען אַלע טויט!
און קיינער זעהט, ס'איז אונזער נאַכט!

(אַז די שטיין-בילדער פאַלגען, קריכען אראָב, צום ראָד.)

אָ וואַרע מאַכט!
צושפרייט דאָס ראָד!
די בעלי-בתים פון דער שטאָט!
יעדער אונטערשיעד — פערווישט!
מישט אייך, מישט!
האַלזט אייך און קישט.
חאַ—חאַ—חאַ!
אַ נאַכט אַזאַ!

ביּשאָף.

וועה, וועה! אין שיין פון אַלטען געץ
זיעגט דער ליץ...
און קורץ איז מיין האַנד...
וועה, וועה צו דער שאַנד...

(פערשטעלט זיך דאָס פנים, קעהרט זיך אָב, דער טאַנץ ווערט נאָך האַסטיגער „ער" און „זי", קומענדיג פון שוהל-געסיל צוריק, האַפּען זיך ארום.)

„זי".

היינט איז אונזער חתונה,
קלעזמער שפּיעלען שוין!

„ער".

און די שענע געסט אַרום. —
לאָמיר טאַנצען, קרוין!

„זי".

מיט די חופּה-שטענגאַליך.

קומט דער שמש באַלד ...
עס דרעהט זיך מיר דער קאָפּ פאַר פרייד, —
האַלט מיך פעסטער, האַלט!

ע ר.

האַרץ אָן האַרץ, אויג אין אויג,
דריק זיך צו אינגאַנצען ...

ב י י ד ע.

האַרץ אָן האַרץ, אויג אין אויג ...

אַ ר י ט ע ר.

(קומט אונטער, שלאָגט זי אָב)

איך קען בעסער טאַנצען ...

(טאַנצט מיט איהר אַוועק.)

אַ מ ת ה.

(צום „ער", וואָס בלייבט פערמישט.)

בחור, בחור, טאַנץ מיר אַקעגען.
איך הייס דאָך מלכה, זיי דו מיין מלך!

(ארום איהם טאַנצענדיג.)

נאַרישער בחור, וואָס איז דיר געלעגען?

(האַפּט און טאַנצט אַריין.)

לעבעדיג... פריילינך ...

ג ע פ ר ו י ר ע נ ע.

(לויפט צו צום זיך אַרומבלאָנקענדיגען פּרוש.)

פּרוש-לעב, פּרוש-לעב!

איינמאָל גיב מיט מיר אַ שוועב!
קאַלטע הענד, פייכטע הענד,
און אין האַרץ — גיהנום ברענט.
אין געהירן — צישען שלאַנגען...
איי, איך האָב דיין בליק געפאַנגען!
דו וואָלסט וואַרים מיך געמאַכט...

(דער מאָרגענשטערן שיינט פלוצלינג אויף.)

(געפרוירענע לאָזט אָב דעם פרוש. מוזיק-פערשטומט, טענ-צער — צופאַלען זיך.)

אַנגסט-שטימען.

— וועה, דער מאָרגענשטערן לאַכט!
— אויס נאַכט! אויס נאַכט!

שוהל-מתים.

כ'האָב געזאָגט!

אַנגסט-שטימען.

וועה, עס טאָגט!

דחן.

(פלוצלינג-שטאַרקער בעפעהל.)

געטאַנצט זאָל ווערען, געטאַנצט!

(זען וויל פאָלגען, גערודער.)

ווער האָט אין אייך די שרעק פערפלאַנצט?!
וואָס ציטערט איהר פאַר מאָרגען-גרוי?
וואַשט די קעפּ אין פרישען טוי,
באָדט אייך אין פריהמאָרגען-גלאַנץ!

און טאַנצט אַריין דעם גרויסען טאַנץ
אין גרויסען טאָג!

אַ שוהל-מת.

מען מאָג?!

בדחן.

אַז מע׳ קען און וויל!
קיין פראַגען נישט שטעלען!
קיין פאָרען נישט טרענען!

מאַרק-מתים.

וועל׳מיר דען קענען?
קע׳מיר דען וועלען?

בדחן.

(צאָרניג.)

וועניג נאָך אין קברים געל׳יטען?
נישט פערבענקט זיך נאָך צום לעבען?
זאָל ער אַייערע קברים פערשיטען,
נייע נשמות אַייך געבען, —
אַניט, זאָל ווערען געשטריטען!
אַניט זאָל ווערען געטריצט!
ווילט איהר — און אַייער אויג נאָך בליצט!

(העצענדיג.)

ווילט נאָר, האָט איהר בלוט ווי שטאָל!
ניט אַלע ביינער זענען גאָל!
לעבען נעמט מען מיט געוואַלט!
פון קראַפט

בּע ויַט אייכען און צעדער אין וואַלד,
זייגט און זאַמעלט צוזאַמען
פון אַלע גראָזען דעם זאַפט ...
נעמט ביי דער זון די פלאַמען!
ביי ליליען — ווייס, ביי רויזען — רויט!

מתים

(פערצווייפעלט.)

מיר זענען דאָך טויט!

בדחן.

פון אַ נאַרישען גלויבען פערפיהרט!
אין וואָס מען גלייבט, עקזעסטירט!
וואָס פערניינט, איז רויך און ווינד!
פערלייקענט דעם טויט, אָן לעבען גלייבט
פעסט! און — בלייבט!
עס טאָר אײַך קיינער נישט שטערען!

מאַרק-מתים.

מיר בלייבען!

בדחן.

שווערט!

מאַרק-מתים.

מיר שווערען!

בדחן.

פערלייקענט דער טויט?

מאַרק-מתים.

מיט דער גאַנצער קראַפט,
וואָס אונז איז געבליבען!

בדחן.

איז ער פערטריבען,
איז ער אָבגעשאַפט...
איז פון היינט קיין טויט נישטאָ!

אַלע.

נישטאָ!

בלעכענער האָהן.

(פון שוהל-דאַך אראָב.)

קוקעריקו!

מאַרק-מתים.

(צולויפען זיך אין אנגסטען.)

— איך ווער טויב!

— איך ווער בלינד!

בדחן.

(צום האָהן ארויף.)

דו טרקערנער שפּאָן!

(דער האָהן צואַרבייט זיך מיט די פליגעל.)

מאַרק-מתים.

(ענטזעצט.)

— ער מאַכט מיט די פליגעל ווינד...

בדחן

אַ בלעכֿענער האָהן!

מאַרק-מתים.

און ער יאָגט,
און ער טראָגט,
און ער טרייבט...

(שוהל-מתים קומען געלאָפֿען ארויס פון שוהל, נעמען זייער וועג צום בית עלמין צוריק, מאַרק-מתים ווילען נאָכגעהן.)

בדחן.

(מיט די לעצטע כחות.)

בלייבט!
שוואַכֿע, צו די ווענד!
געכאַפּט זיך ביי די הענד...

(אַז מאַנכֿע פאָלגען, צום האָהן ארויף.)

וואַרט, דו בלעכֿען-פערשייטער!
פערהאַן אין פּאָליש אַ לייטער,
האָסט אָנגעהויבען מיט מיר!
איך געה צו דיר! איך נעם זיך צו דיר!
דאָס איז די שלאַכֿט
פון היינט אויפדער נאַכֿט!
כֿ׳יאָג פון דיר דיין נפש אַרויס!
די פליגעל צופּ איך דיר אויס!
דעם האַלז דרעה איך דיר אָב,
און וואַרף אַראָב
פון דער הייך אויפ׳ן מיסט!
דו בלאָזט דיך אומזיסט!

(אין מארק אריין.)

ווער האַלט בעשטאַנד?

(קיין ענפער.)

העי, ו[illegible] ווייט איהר,
ליכט-פערשפּרייטער,
אין משיח'ס-טויערן-קלאַפּער
צוקונפטס-פליגען-חאַפּער
שלעגער קאָפּ-אָן-וואַנד!

(קיין ענפער.)

און איהר, דאַך-בעשלעגער, בלעכער,
איהר, וואָס שטייגט הויך און העכער,
מיט מיר אַרויף אויפ'ן דאַך!

(מאַנכע ווילען נאָך.)

בלינדע אַרבייטערין

(אָבשטעלענדיג.)

קיין קלאַסען-קאַמפּ, נישט אייער זאַך!

בדחן.

ביין?

(קיין ענפער.)

בו, געה איך אַליין, בעסער — אַליין!

(מתים בלייבען צוטומעלט, פרוש געהט צו צו דער שוהל, שטעלט זיך אָבוואַרטען דעם בדחן.)

[פאָרהאַנג.]

# עפּילאָג

[ערשטע פאָרהאַנג.]

## לעקטאָר

(קומט אַרויס, וויל רעדען, דערהערט שטימען פון אונטער
'ער גאַזען-פאָרהאַנג. געהט נעענטער צו, קוקט אַריין דורך איין
„אויג".)

עס וויינען, עס קלאָגען
מתים, פון ווינד געטראָגען;
מען האָט זיי קיין לעבען קיין נייס נישט בעשערט...
הערט ...

(עס דערהערען זיך די שטימען פון אונטער דער פאָרהאַנג,
וואָס רוקען זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אָב.)

### ערשטע.

עס איז ווער ערגיץ אָבגעגאַנגען, —
און זיין ציטער-בילד געפאַנגען
האַלט אַ וואַסער-שפּיגעל, —
קומט די קאַן און שעפּט! — —

### צווייטע.

און דער ווייַן איז אויסגעגאַנגען, —
אין אַ ריץ פון ערדען-קריגעל
האָט אַ טראָפּען זיך בעהאַלטען,—

ווערט ער אויסגעוועפט ...

ד ר י ט ע.

לאַנג פערהילעכטע געזאַנגען, —
פון געזאַנג
האָט זיך לענגער אויפגעהאַלטען
אַ יתום-קלאַנג,
טהויט ער אויף און ברומט,
און פערשטומט ...

פ י ר ט ע.

אַ זון איז אונטער געגאַנגען,
פון אָבגלאַנץ רייטעלט זיך לייכט
אַ נעפּיל-זוים ....
און — פערבלייכט.

(אלע פיער שטימען.)

געוועזן חלומות אַלערליי ...
געוועזן אַ זינד ...
טראָגט דער ווינד
ווי שטרוי, ווי שפּריי ...

ל ע ק ט אָ ר.

טרויעריג ...

(הערט ווייטער.)

שויעריג...

מ אַ ר ק - מ ת י ם - ש ט י מ ע ן.

מיראַזשען נאָכגעלאָפען ...

האָט אונז זיי שיוערע האַנד געטראָפּען
זע׳מיר זיך שולדיג אַליין ...

לעקטאָר.

שוין ביים טויער, געהען צריין ...

מתות-שטימען

(יאָמערליך געוויין)

מיט די בלויזע קעפּ,
צופלאָסענע צעפּ —
אין קברים צריין ...

שוהל-מתים-כאָר.

די נאַכט הייבט אָן בלייכען!
אויף דיין צייכען
וואַרטען דיינע קנעכט,
די נאַכט, ווי אַלע נעכט ...
טהו, ווי דיר געפעלט!

לעקטאָר.

ביי די קברים — אָבגעשטעלט!

שוהל-מתים-כאָר.

און וועט אונז די ערד פערדעקען,
זאָל געשעהען דיין ווילען!
מיר וועלען וואַרטען אין שטילען,
ביז דו וועסט וועקען!
זאָל דייז ווילען געשעהן!

לעקטאָר.

קינדער געהען ...

(ווענדט זיך אָב.)

בישט צו צוזעהען ...

מיידליך-כאָר.

אַדיעי, איהר זיסע קעפּאַליך
זיסע בלאָהע אייגאַליך
זייט געזונד איהר בלימאַליך!

יינגליך.

און באַראַליך, און עפּאַליך
אויף די גרינע צווייגאַליך ...

צוזאַמען.

אונטער בלאָהע הימאַליך,
זייט געזונד איהר פייגאַליך!

שוהל-מתים-כאָר.

און אָבמעקען
זאָלסט דו אונזערע זינד,
ווי דו מעקסט געשווינד
אַ וואָלקען אָב ...

(צווייטע פאָרהאַנג. עס ענטפּלעקט זיך דאָס בית עלמין.
(מתים — ביי אָפענע קברים, גרייז צוריק אויפ'ן בערגעל
אין מיט פעלד.)

מתים

מיר זאָגען זיך אָב, פון אַלעם אָב!

גרייז.

אַראָב!

(מתים הייבען אָן נידערן; דאָס בית עלמין פערהילט זיך
צוריק אין נעפיל.)

## נאַכט-וועכטער.

(וועקט זיך, זוכט אומרוהיג ארום האלז.)

צום טייפעל!
וואו איז מיין פייפעל? וואו איז מיין פייפעל?

(בדחן קומט ארויס פון שוהל, דער קאָפּ ארומגעבונדען, אויפ'ן טוך רויטע בלוט-פלעק, האלט אין האנד דעם שוהל-קלאפער, ווארפט מיט דער צווייטער צו דעם נאַכט-וועכטער דאָס פייפעל; נאַכט וועכטער ציהט זיך מיט'ן פייפעל אונטער־ווייליכטס צוריק, אָב.)

## בדחן.

(צום פרוש, מיט חרטה.)

איבערגעחאַפּט די מאָס!
געפאַלען מיט'ן קאָפּ אַראָב!

(דערזעהט די קלעזמער, מיט שרעק.)

אַראָב! צום שליים און גראָז!
איך זאָג מיך אָב, פון אַלעם אָב!

(אז קלעזמער פערשווינדען, צום גען.)

לעש דיך, ווילדע זאַך!

(אָנווייזענדיג צום הימעל.)

זעהסט נישט? ער איז וואַך!
ס'אויג דריק צו, ס'מויל פערמאַך!

(אז עס געשיהט, צו די שטיינבילדער, וואָס דרעהען זיך
ארום אומגעלומפערט אין גאַס.)

צוריק צו די נישען!

מעהר זיך דאָ נישט מישען!
אַרויף! פערשטיינערט ווערט!
גאָר נישט געזעה'ן, גאָר נישט געהערט!
געווען אַ נאַכט, ווי אַלע נעכט!

(אז עס געשיהט, פערבייגט זיך פאר'ן האָהן.)

דו ביסט גערעכט...
דיין משפט איז גערעכט!
דו, אויף דיין הייכען אָרט,
ביסט דאָס וואָרט,
דער סימבאָל
און—די פאַראָל!
געזינדיגט שווער,
כ'וועל נישט מעהר...
איך וועל פאַר דיר דאָס לעבען שטרעקען!
איך יועל קלאַפען, איך יועל וועקען!
פערצייה!

(געהט צו'ן אַ טויער; צייהלט, קלאַפענדיג.)

איינס... צוויי...

(האַפט זין)

נישט מעהר!
עס איז ביינאַכט געשטאָרבען ייער...

(געהט ווייטער, קלאַפט.)

„זי".

(וואָס האָט זיך אַרויסגעבלאָנקיט.)

און איך? וואָס וועט זיין מיט מיר?

(אז קיינער ענטפערט נישט — אָב, צום קלויסטער-געסיל.)

לעקטאָר.

געוואוסט פריהר...

(פרוש און וואנדערמאן געהען זיך צופעליג אקעגען.)

פרוש.

נאַריש, נאַריש אַלץ און אייטעל,
נאַריש אַלץ מיט אַנאַנד...

וואַנדערער.

אין מזרח-ראַנד
שאַפט אַ פערבאָרגענע האַנד...

פרוש.

אַ רינגעל נאָך אַ רינגעל ציהט זיך אַ קייטעל...

וואַנדערער.

ליכטיגע שטראַהלען בינדט זי
ראָזיגע געפאַליך שפינט זי..
אַ נייער טאָג ווערט אויסגעוועבט!

פרוש.

עס ווערט נאַכט און עס טאָגט...
און נאַריש איז, אויב עמיץ זאָגט,
ער האָט אַ נייס דערלעבט!

וואַנדערער.

און אין האַרצען-ראַנד

שאַפט אַ פערבאָרגענע האַנד ...
עס וועקט זיך אַ נייער קלאַנג.
עס שפינט זיך אַ נייער פערלאַנג ...
וועב דיך, בענקשאַפט, וועב

פריש.

נאַריש אַלץ מיט אַנאַנדער!

(צום וואַנדערער, מיט איהם בעגעגענט.)

ווי לאַנג דו קענסט, לעב!
ווי לאַנג דו ווילסט, וואַנדער!
ווערסט קיין נייס נישט זעהן:
זיין וועט דאָס, וואָס ס'איז געווען

וואַנדערער.

(צושראָקען.)

עפּיס אין האַרץ דאָך בליהט!
עפּיס טרייבט דאָך און עפּיס ציהט
אָהן אַ האַלט!
וואו איז צוועק, וואו איז ציעל?

לעקטאָר.

(שמרענג.)

דאָס געהער נישט צום שפּיעל

רעזשיסער.

(בעוויזט זיך, וואָרענענדיג.)

די פאָרהאַנג פאַלט!...

(וואַנדערער און פרוש טרעטען ראַש אָב טיעפער; די פאָר־
האַנג לאָזט זיך אראָב.)

וואַנדערער.

(האַפּט אָן דעם פרוש.)

דו ווייסט נישט?

פרוש.

ניין!

(פאָרהאַנג א נגאַנצע אראָב.)

בדחן.

(אונטער דעו פאָרהאַנג.)

אין שוהל אַריין!...
אין שוהל...

(די פאַבריק הייבט אָן פייפען און פערטייבט אלץ און
אלע.)

[פאָרהאַנג.]

---



CAPE TOWN CITY LIBRARIES